STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03239

HINTER DI KRATN IN RATNFARBAND

Zalman Kaplan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן קאפלאן : הינטער די קראטן
אין ראטנפארבאנד

ZALMAN KAPLAN
HINTER DI KRATN
IN RATNFARBAND

הדפוס הכללי בע"מ, תל־אביב, ר"ח השוק 26, טל: 81801

זלמן קאפלאן

הינטער די קראטן אין ראטנפארבאנד

פ א ר ל א ג „ל ע ב נ ס - פ ר א ג ן"
תל-אביב 1959 י ש ר א ל

געהייליקט דעם אָנדענק

פון מיינע אומגעקומענע חברים :

קאַפּלאַן פּייזל, מאַלע און זון

קאָלטאָן ליפּמאַן, גוטע און טאָכטער

פאָרוואָרט

סוף יאָר 1939 :

די דייטשע האָרדעס האָבן שוין געהאַט פאַרנומען פוילן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע פאַזע עינויים פון פוילישן יידנ־טום : געטאָס, געלע לאַטעס, „לאַפּאַנקעס" צו צוואַנג־אַרבעט, מאַטער־נישן און שרעקלעכע פּייניקונגען, וואס האָבן זיך נישט איינמאָל געענדיקט מיט טויט.

ביי דעם־אָ מצב זענען די אויגן, דערהויפּט פון דער יידישער יוגנט, געווענדעט געווען צו מזרח.

וואָרעם אויך ראַטנפאַרבאַנד האָט אָקופּירט אַ שטיק פוילן, ביז בריסק, און יידן האָבן אין יענע ערשטע טעג פון סאָוויעטישער הערשאַפט אין די דורך איר פאַרנומענע מערב־געביטן געלעבט זיך גענוג רויק.

די סאָוויעטישע גרענעץ איז טיילמאָל געווען אָפן און מען האָט געקאָנט פראַנק און פריי אַריבערגיין אויף דער רוסישער זייט. און ווען אפילו זי איז געווען געשלאָסן, האָבן יידן זיך אויך אַן עצה געגעבן : זיי זענען געגאַנגען דורך זייטיקע וועגן, דורך טייכן און וועלדער, אַבי אָנצוקומען אינעם לאַנד פון „פרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיקייט".

שווער איז געווען דער וועג צו דער גרענעץ דורך מאַלקין. די דייטשן פלעגן דאָרט באַפאַלן די יידישע דורכגייער, באַרויבן זיי, גוט צעשלאָגן און ערשט דערנאָך דערלויבן אַריבערצוגיין די גרענעץ.

געווען אויך אַנדערע ערטער ווו דאָס אַריבערגיין אויף דער סאָוויעטישער זייט איז געווען לייכטער. יידן האָבן אָבער אַלץ פאַר ליב גענומען, אַבי אַוועק פון די דייטשן, אַבי צו געפונען אַ מקום־מנוחה און נישט זיין אויסגעשטעלט אויף מאָראַלישע און פיזישע לייד און פיין.

אָט אַזוי האָבן יידן געשטראָמט צו מזרח צו, צו דער סאָוויעטישער זייט, אין די הונדערטער, אין די טויזנטער, אין די צענדליקער טויזנטער.

נאָר דאָס שווער־געפרוווטע פוילישע יידנטום האָט אויך אויף „יענער זייט״ נישט געפונען קיין מנוחה.

נאָך די ערשטע עטלעכע רויקע חדשים, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס היינט שוין גוט־באַקאַנטע פעסער־פּראָבלעם. די סאָוויעטן־מאַכט האָט פאַרלאַנגט אַז אַלע אַריבערגעקומענע פון פוילן זאָלן אַרויסנעמען סאָוויעטישע פעסער און ווערן סאָוויעטישע בירגער.

ס׳רוב געקומענע האָט נישט געהאַט קיין חשק דאָס צו טאָן. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען פּליטים און ווילן איבערוואַרטן די מלחמה.

און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרפאָלגונגען קעגן די געקומענע: ועמען אין תפיסה און ועמען־גלייך טראַנספּאָרטירט אויף פאַרשיקונג.

אַ סך פון די וועלכע האָבן אַרויסגענומען פעסער האָט מען אַוועק־געשיקט אויף אַרבעט, ס׳רוב אין די קוילן־שאַכטן. די איבעריקע האָט מען פאַרשיקט אין וויַיטן סיביר, אין דערפלעך ווו זיי האָבן געמוזט אַרויסגעבן הויכע אַרבעטס־נאָרמעס. אַ טייל האָט מען פאַרשיקט אין צוואַנגס אַרבעטס־לאַגערן ווו די לעבנס־באַדינגונגען זענען געווען וויַיט נישט קיין מענטשלעכע, נישט צום אַריבערטראָגן.

אומעטום איז די אַרבעט געווען אַ שווערע און די פּראָוויאַנטירונג אַ נישט גענוגנדיקע. מען האָט געהונגערט און געמוזט שווער אַרבעטן.

איז קיין וואונדער נישט וואָס פיל, פיל פון די פאַרשיקטע האָבן נישט אויסגעהאַלטן די שווערע לאַסט, געקרענקט אויף צינגאַ־פּעלאַגראַ (אַוויטאַמינאָז) און אַנדערע חולאתן.

איינצלנע משפחה־מיטגלידער און אפילו גאַנצע פאַמיליעס זענען אומגעקומען, פשוט אויסגעגאַנגען.

פון מיין משפחה זענען 8 פערזאָן אַריבער אויף יענער זייט און געבליבן זענען מיר נאָר צוויי.

פון מיינע נאָענטע פריינט זענען אַלע אומגעקומען.

צום צוואַנגס אַרבעטס־לאַגער זענען מיר פאַרשיקט געוואָרן 300 מאַן און בעת דער שיקאָרסקי־אַמנעסטיע אין יאָר 1941 זענען מיר אַרויס בלויז קנאַפע הונדערט.

זיי אַלע — איז געווידמעט דאָס בוך.

זאָל עס פאַר די טויטע זיין אַן אָנדענק, און פאַר די לעבעדיקע אַ טרייסט.

דער מחבר

מיר „גייען״ אריבער די גרענעץ

קאַלטע, פראָסטיקע נאָוועמבער־טעג פון יאָר 1939. פון שטעט און שטעטלעך ציען מענטשן־מאַסן, דערהויפּט יידן, צו מזרח־צו, צו די גרענעצן פון די אָקופּירטע דורך דער רויטער אַרמיי, פּוילישע געביטן. מיט „יענער זייט״ האָבן יידן פאַרבונדן זייער האָפענונג אויף דערלייזונג.

נישט אויף יעדן אָרט איז לייכט אַריבערצוגיין. מען זאָגט, אַז דאָס פּאַסיקסטע אָרט איז פּשעמישל*). אַ סך לאָזן זיך אַהין פּרובירן זייער מזל, צווישן זיי אויך — דער שרייבער פון די שורות און זיין פרוי.

די באַן פון קראָקע קיין פּשעמישל איז פול געוועזן מיט יידן. פאַר אַלע איז געשטאַנען איין ציל, איין שטרעבן — וואָס שנעלער אַוועק פון די דייטשן, וואָס שנעלער אָנקומען צו די סאָוויעטן און ווערן באַפרייט פון לייד און פּיין.

פאָרנדיק אין באַן, האָבן מיר, אַ גרופּע פון זיבן יידן, דריי פרויען און פיר מענער, באַשלאָסן צו האַלטן זיך צוזאַמען און טיילן

---

*) פּשעמישל איז לויטן ריבנטראָפּ־מאָלאָטאָוו־אָפּמאַך געוועזן צעטיילט אויף צוויי טיילן. דער קלענערער טייל מיטן וואָקזאַל ביז צום „סאַן״ האָט געהערט צו די דייטשן, און דער גרעסערער טייל, פון דער צווייטער זייט „סאַן״, האָט געהערט צו די סאָוויעטן.

בשותפותדיק דעם גורל. איינער פון דער גרופע האָט דערציילט, אַז ער האָט אין פּשעמישל אַ באַקאַנטן באַן־אַרבעטער, אַ פּעפּעסאָוויעץ. וועלכער האָט אים צוגעזאָגט צו העלפן אַריבערגיין די גרענעץ.

האָבן מיר אַזוי געלעבט אין דערוואַרטונג, אין שפּאַנונג ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין פּשעמישל, און דאָ, בעת מיר זענען אויסגעשטיגן פון באַן, האָבן מיר געהאַט אַן אויסטערלישע איבערראַשונג. יידן פון „יענער זייט" קערן זיך אום צוריק, זיי פאַרלאָזן די סאָוויעטן און ווילן דאָרט נישט פאַרבלייבן.

— ווהין איילט איר זיך אַזוי? — האָבן זיי אונדז געפרעגט מיט צעטומלטע בליקן. טויזנטער פּליטים — האָבן זיי דערציילט — וואַלגערן זיך דאָרט אויף די גאַסן, האָבן נישט ווהין אַריינצוגיין, דאָס לעבן דאָרט איז שווער, נישטאָ פון וואָס און ביי וואָס צו פאַרדינען, מ׳גייט פּשוט אויס פאַר הונגער!

ביי מיר האָבן זיך אָנגעקליבן אַ סך פראַגעס צו די צוריקגעקומענע פון „דאָרט", געוואָלט וויסן וואָס עס טוט די סאָוויעטן־מאַכט אין שייכות מיט דעם מצב, צי פאַרזאָרגט מען נישט מיט אַרבעט די, וואָס זוכן צו לעבן פון דעם, א.ד.ג. אָבער אין דער מינוט איז גראָד אָנגעקומען דער באַן־אַרבעטער, וועלכער האָט געדאַרפט אונדז העלפן אַריבערגיין די גרענעץ. פון זיין זויערער מינע האָבן מיר גלייך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג. מיר האָבן נישט קיין טעות געהאַט, וואָרעם גלייך האָט ער איבערגעגעבן, אַז ס׳איז פאַרלויפיק נישטאָ קיין שום אויסזיכט אַריבער צו באַקומען זיך אויף דער צווייטער זייט, אַז די גרענעץ איז געשלאָסן און ווען זי וועט ווידער געעפנט ווערן קאָן מען נישט פאַרויסזען.

עס איז געוואָרן ביטער אויפן האַרצן. די שטימונג איז ביי אַלע אַ געדריקטע. געשלעפּט זיך פון מרחקים אַהער, צום „פּאַסיקן אָרט", און דאָ — כאָטש גיי און פאָר צוריק צו די דייטשן פון וועלכע מען איז אַנטלאָפן.

— פיר אונדז, מענטש, דורך אַן אַנדערן וועג — האָט ווער פון אונדז זיך אָפּגערופן, — פיר אונדז אַוועק פון דאַנען.

— עס טוט מיר לייד, — האָט דער פּוילישער אַרבעטער, אַליין אַ פאַרצערטער, אָפּגעענטפערט. נישטאָ דאָ קיין אַנדערע גרענעץ ווי

דער טייך סאַן. די דייטשע וואַכן זענען דאָ פאַראַן אומעטום, זיי קאָנען, אָדער וועלן באַשטימט שיסן.

אינצווישן איז געוואָרן פאַרנאַכטיק, די זון האָט נאָך געשפּעט מיט ליכט, געוואָרפן סנאָפּעס גאָלד־שטראַלן אויף די קליינע שטעטלשע הייזלעך און זיי אָנגעצונדן מיט רויט פייער, אָבער באַלד האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן לעשן. ערגעץ ווייט איז די זון פאַרפאַלן געוואָרן און עס האָט אָנגעהויבן טונקלען. מיר האָבן נישט געוווסט וווּ זיך אַהינצוטאָן. מיר האָבן מורא געהאַט אַז עס זאָלן נישט אָנ־קומען קיין דייטשן און אונדז פאַרשלעפּן צו אַרבעט. אין האַרץ ביי יעדן האָט זיך באַזעצט אַ ווייטאָג און גענאָגט, גענאָגט...

— פיר אונדז ערגעץ אַריין, ווייזט אונדז אָן אויף אַ שטוב וועמעס שוועל מ׳קאָן איבערטרעטן — האָבן מיר זיך געבעטן ביים סימפּאַטישן באַן־אַרבעטער.

ווייזט אויס, אַז ער האָט דערפילט אונדזער פאַרלעגנהייט. ער האָט גענומען קנייטשן דעם שטערן, וואַרשיינלעך גענישטערט אין געדאַנק אַלע זיינע באַקאַנטע און צום סוף אונדז אַוועקגעפירט אין אַ שטוב וווּ מיר האָבן אָפּגעגעסן, אויסגערוט זיך און געוואַרט אויף ווייטערדיקע ידיעות פון באַן־אַרבעטער, וועלכער איז אינצווישן אַוועק אין שטאָט געוויר ווערן וועגן אַנדערע מעגלעכקייטן.

ערשט שפּעט אין אָוונט איז ער צוריקגעקומען. ווידער האָבן מיר אַראָפּגעלייענט פון זיין פּנים, אַז קיין גוטע נייעס האָט ער נישט פאַר אונדז. אָבער דאָך, זיצנדיק מיט אונדז ביים טיש, האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין אַז אויב מיר ווילן דווקא אַריבערגיין די גרענעץ, וואָלט גלייך געוועזן אַוועקצוקלייבן זיך נאָך אַ 12 קילאָמעטער, וווּ דער טייך איז נישט טיף און דאָרט, וואַרשיינלעך, איז די שמירה אויך נישט אַזאַ שטאַרקע. זיין מיינונג איז, דעריבער, אַז מיר זאָלן גלייך פאַרטאָג זיך לאָזן אין וועג כדי אָנצוקומען צום אָרט פרישטיק־צייט, די בעסטע צייט אויף אַריבערצוגיין די גרענעץ.

מיר האָבן אָנגענומען זיין פאַרשלאָג. מיר האָבן קיין בעסערן נישט געהאַט, און אוודאי נישט קיין אַנדערן אויסוועג.

שפּעטע נאַכט־שעה. די אייגנטימער פון דער שטוב האָבן אויס־געבעט געלעגערס פאַר אונדז אויפן דיל. יעדער פון אונדז האָט גע־

וואַלט איינשלאָפן, דורכשלאָפן די עטלעכע שעה פאַרן לאָזן זיך אין וועג אַריין, אָבער קיינעמען פון אונדז איז עס נישט לייכט אָנגעקומען.

דער באַן־אַרבעטער וועלכער איז שוין געבליבן נעכטיקן מיט אונדז, האָט זיך אָוועקגעלייגט לעבן מיר. צווישן אונדזביידן איז אַוועק אַ שטילער שמועס.

„אַ טעות צו מיינען — שעפטשעט ער מיר אין אויער אַריין — אַז די דייטשן גרייטן זיך נישט צו מלחמה. טאַקע געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט מאָלאָטאָוון, אָבער זיי שיקן כסדר אַריבער אוקראַינער אויף יענער זייט גרענעץ כדי צו אַגיטירן זייערע ברידער צו פאַרלאָזן די סאָוויעטן, אַריבערצוקומען אויף דער דייטשער זייט, ווו זיי וועלן אַריינטרעטן אין אוקראַינישן לעגיאָן וועמעס אויפגאַבע עס וועט זיין צו באַפרייען אוקראַינע און געבן איר זעלבשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט".

„אויף באַנען און וואַגאָנעס זענען מיט קרייד אָנגעשריבן אַנטי־סאָוויעטישע לאָזונגען — האָט מיין שכן צוגעגעבן און זיך נאָך מער צעהיצט — זיי רייצן אָן די אוקראַינער, שפּילן אויף זייערע נאַציאָ־נאַליסטישע געפילן".

אַזוי ליגנדיק האָב איך אים אויך דערציילט אַז אויף אַן אויטאָ האָב איך געזען אַזאַ סלאָגאַן: „סטאַלין איסט איין שווין — ער פאַר־לאַנגט וואס איסט ניכט זיין". איך האָב אָבער גלייך צוגעגעבן, אַז אַ מלחמה מיט די סאָוויעטן, ווי שוואַך זיי זאָלן נישט זיין, וועט ברענגען אַ סוף צו היטלערן, ווייל ער וועט דערשטיקט ווערן מיטן גרויסן שטח פון דער אומגעהויער גרויסער סאָוויעטישער מלוכה.

ווייס איך נישט צי האָב איך געדרימלט צי נישט, צי גאָר גע־זונקען אין מחשבותן — אויפגעוועקט האָט מיך אַ ליכטיקער פרי־מאָרגן. אַ נייער טאָג האָט זיך געשטעלט. הויפנס ליכט האָבן אַריינ־געכוואַליעט דורך די קליינע פענצטערלעך. מיר זענען אויפגעשטאַנען, האָבן צוזאַמענגענומען די זאַכן און אויף אַ צוגעגרייטער פור זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אַ שיינער זוניקער פרימאָרגן האָט אונדז באַגלייט. דער וועג איז געווען אויסגעלייגט מיט געלע, פאַרוויאַנעטע בלעטער, פון בוים אַראָפּגעפאַלענע. שיין און טרוקן. פוילישער האַרבסט. פאַרשיכורנדיקע

שיינקייט פון פייזאַזש. פעלד און וואַלד, און צווישן זיי, אויף שמאָלע וועגעלעך — אַ פור מיט וואַנדערנדיקע יידן, וועלכע לויפן, אַנט־לויפן און ווייסן נישט וואָס עס דערוואַרט זיי דאָרט וווהין זיי וועלן אָנקומען.

מיר זענען דורכגעפאָרן אַ דאָרף און מיר האָבן פונוויטנס באַ־מערקט אַז דייטשע זעלנער פאָרן זיך ביים צוגרייטן פרישטיק. צו אונדזער גרויסער פרייד האָבן זיי זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף אונדז, און מיר זענען ווייטער געפאָרן. און אָט האָבן מיר זיך דער־נעענטערט צום סאַן. אַרום און אַרום אַ טויטע שטילקייט. פוסט און לער. שטיל בלעזלען זיך די וואַסערלעך אין טייך. קיינער טרייבט זיי נישט, קיינער יאָגט זיי נישט, לויפן זיי אַזוי זייער אַלטן וועג במנוחה, בשלווה.

מיר זענען אַראָפּ צום טייך. דאָס האַרץ מיינס האָט אויפגעצאַפּלט. געשראָקן זיך, מורא געהאַט, אַז אונטן, ביים סאַמע וואַסער ליגן די דייטשן פאַרמאַסקירט, באַהאַלטן און ווי נאָר מיר וועלן זיך דער־נעענטערן וועלן זיי אונדז כאַפּן, אויסשיסן, און — אַ סוף וועט זיין צו אַלעם.

איך האָב געכאַפּט אַ בליק צום צווייטן זייט ברעג און געזען אַ געפלאָנטער פון קוסטעס. עפּעס האָט זיך געשאָטנט פאַר מיינע אויגן. יאָ, מענטשן! עטלעכע מיליטער־לייט! איך האָב זיי גלייך דערקענט, פאַרשטאַנען אַז דאָס איז שוין די רוסישע פּאַטראָל. צו אונדזער פרייד איז נישט געווען קיין גרענעץ. מיין גאַנצער קערפּער האָט געפיבערט ווי עס וואָלט זיך פאַר מיינע פיס צוגעקאָלערט אַ גרויס געווינס און איך דאַרף נישט מער ווי אַראָפּבויגן זיך און עס אויפהייבן...

קענענדיק אַביסל רוסיש האָב איך צו זיי אַריבערגעשריגן, געררופן, גערופן מיט בולטן פרייד־געפיל, געזאָגט זיי אַז מיר ווילן אַריבער־גיין, אַז מיר ווילן צו זיי, צו די באַפרייער, און... קיין ענטפער איז פון יענער זייט, צו אונדזער גרויסער אַנטוישונג, נישט געקומען.

איך האָב אָבער נישט פאַרלוירן זיך און נישט געוואָלט אויפ־געבן דעם שאַנס פון אַריבערגיין. „נישט געזאָרגט — האָב איך זיך געוואָנדן צו דער גרופּע — זיי שווייגן, איז אַ סימן אַז זיי זענען מסכים, לאָמיר אַריבערגיין דעם טייך״.

מיר האָבן אויסגעטון די שיך, במחילה אַראָפּגעצויגן די הויזן פון זיך, גענומען די פּעקלעך אויף די פּלייצעס, צי אויפן קאָפּ און זיך געלאָזן גיין אין וואַסער.

דער טייך איז געווען פלאַך. דאָס וואַסער האָט אין אָנהויב געגרייכט נאָר ביז צו די קנעכלען. שפּעטער איז עס געוואָרן טיפער, אָבער נישט דערגאַנגען מער ווי ביז צו די קניען.

מיר האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט. אַן איבערלעבונג אַ האַסטיקע, אַ שטאַרקע — אַ פריידיקע. אויס דייטשן, אויס היטלער! מיר זענען בשלום אָנגעקומען אויף דער סאָוויעטישער זייט, מיר זענען אויף איר טעריטאָריע, באַפרייטע זענען מיר, פרייע מענטשן! עפּעס אַ קלייניקייט?

מיר האָבן זיך שנעל אַרויפגעדראַפּעט אויפן זאַמד־אָנשיט. דאָס האַרץ צעפלאַטערט, פאַרשוומען און איבערגעלאָדנט מיט פרייד־געפילן, מיט טיפער איבערלעבעניש.

עטלעכע סאָוויעטישע זעלנער זענען אונדז אַנטקעגנגעקומען. זיי האָבן געהאַלטן די ביקסן אָנגעשטעלט קעגן אונדז. מיר האָט זיך געגלוסט לאַכן. „אייגענע" שטעלן אַן אַן אָנגעלאָדענע ביקס! מסתמא אויף קאַטאָוועס, סתם אַזוי צו שפּאַסן.

אָבער ניין...

זיי זאָגן קלאָר און דייטלעך: מיר זאָלן צוריקגיין, צוריק פון וואַנען מיר זענען געקומען.

ווי אַ טונקעלער וואָלקן האָבן זייערע רייד פאַרשטעלט די פריערדיקע פרייד־געפילן. וואָרעם וואָס הייסט דאָס צוריקגיין? צו וועמען? און ווער שיקט עס אונדז צוריק? די, צו וועמען מיר זענען געקומען? צו וועמען מיר האָבן אַזוי געגאַרט?

— איך האָב דאָך צו אייך גערופן, געזאָגט אַז מיר גייען אַריבער — האָב איך זיך אַרויסגעשטעלט אין נאָמען פון דער גרופּע — איר האָט געשוויגן, הייסט עס אַז איר האָט נישט געהאַט דערקעגן, אַז איר האָט אונדז דערלויבט אַריבערצוגיין צו אייך. אָבער לאָמיר אייך זאָגן — האָב איך צוגעגעבן — אַז סיי ווי וועלן מיר נישט האָרכן אַזאַ באַפעל, זאָל זיין וואָס עס וועט זיין!

דערהערט אַזעלכע פעסטע דיבורים, האָבן די סאָלדאַטן זיך איבערגעשושקעט און געהייסן אונדז גיין נאָך זיי.

אויפן וועג איז איינער פון אונדזער גרופּע, אַ קאַטאָוויצער פּיפּיקער בחור, צו צו איינער פון אונדזערע פּרויען און ביי איר אַראָפּגענומען דאָס זייגערל פון דער האַנט. ער האָט זיך צוגעשאַרט צו די זעלנער, מכלומרשט אָן כוונה, און נאָך מינוטן אָנגעהויבן מיט זיי צו פאַרהאַנדלען.

„פיר־און־צוואַנציק שטיינער, האָט ער ווי גערעדט צו זיך, שווייצאַרישע אויסאַרבעטונג. ערשטער קוואַליטעט!"

די זעלנערס בליקן זענען צוגעפאַלן צום זייגערל ווי אַ טשאַטע בינען צו אַ זאַפטיקער בלום.

זיי האָבן איבערגעחזרט אויף רוסיש: „דוואַצאַט טשעטיריע קאַמיעניאַ! שווייצאַרסקיע טשאַסי! (פיר־און־צוואַנציק שטיינער! שווייצאַרישער זייגער!)

דער משא־ומתן האָט נישט לאַנג געדויערט. זיי האָבן גענומען דאָס זייגערל און מסכים געווען אונדז אָפּצולאָזן, אָנזאָגנדיק און וואָרנענדיק אַז אויב כאַפּט אונדז אַ צווייטער פּאַטראָל זאָלן מיר נישט דערציילן אַז עס האָט אונדז שוין באַגעגנט פריער אַן אַנדערער פּאַטראָל און אוודאי טאָרן מיר גאָרנישט דערמאָנען וועגן שווייצאַרישן זייגערל.

צו אונדזער ביטער מזל האָבן מיר נישט באַוויזן קיין סך אָפּצוגיין און אַ פרישער גרענעץ־פּאַטראָל האָט אונדז אָנגעיאָגט. די זעלנער זענען געווען ביז גאָר העפלעך צו אונדז, האָבן אונדז געהייסן זיך אַוועקזעצן אויף דער ערד, אָפּרוען און וואַרטן ביז זיי וועלן וויסן וואָס צו מאַכן מיט אונדז.

איינער פון זיי איז אַוועק אין נאָענטן דאָרף און גלייך געקומען צוריק מיט פערד און וואָגן. אויפן באַפעל פון דער וואַך האָבן מיר זיך אַרויפגעזעצט אויף דער פור, וואָס האָט אונדז געפירט פאַרויס, פאַרויס, אַלץ ווייטער אַוועק פון טייך, אַוועק פון דער גרענעץ, פון די דייטשן פון וועלכע מיר זענען אַנטלאָפן.

אַזוי פאָרנדיק האָט דערווייל דער טאָג זיך אויסגעענדיקט. עס האָט אָנגעהויבן טונקלען און באַלד איז צוגעפאַלן די נאַכט. אַלץ

האָט זיך אָנגעטון אין נאַכטיקן לבוש, דער הימל פאַרשטעלט, פאַר־וואָלקנט, דער וואַלד אין סוד איינגעהילט, און אויך אונדזער פאָרן, פילן מיר, איז אין סוד אַרומגענומען. מיר ווייסן נישט דעם ציל פון פאָרן און פאַרוואָס לאָזט מען אונדז נישט אַליין גיין אונדזער פרייען, באַפרייטן וועג.

נאָר גאָר פלוצלונג האָט ליכט אָנגעהויבן שעמערירן פאַר די אויגן. מיר זענען אָנגעקומען אין פאָלווארק, ווו די פור איז מיט אונדז אַריינגעפאָרן, מ׳האָט אונדז „אָפּגעלאָדנט״, אַריינגעפירט אין אַ צימער אויף איבערצונעכטיקן, און דערלאַנגט אַ וואַרעמע זופּ. די מידע קאַלטע ביינער האָבן אויפגעטייעט. ערשט דעמאָלט האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז מיר זענען נישט די איינציקע דאָ, און אַז כסדר האַלט מען אין איין אַריינברענגען מענטשן, פאַרהאַלטענע נאָכן איבערטרעטן די גרענעץ.

אין מיטן נאַכט האָט מען מיך אַרויסגערופן אויף אַן אויספאָרשונג. איך האָב געדאַרפט ענטפערן אויף אַ סך, אַ סך פראַגעס וועגן מיין אייגענער פערזאָן און באַזונדערס וועגן צוועק פון מיין אַריבערגיין אויף דער סאָוויעטישער זייט.

איך האָב דעם אויספאָרשער געגעבן צו פאַרשטיין אַ פשוטן אמת: אַז כ׳בין אַ ייד, אַז יידן דראָט אַ גרויסע סכנה ביי די היטלעריסטן. צוליב די סיבות אַנטלויפן יידן פון יענער זייט דאָ אַהער, צוליב דער סיבה בין איך אויך געקומען אַהער ראַטעווען דאָס לעבן. ביי דער געלעגנהייט האָב איך שוין אויך דערציילט וועגן אוקראַיִנישן לעגיאָן, וועגן די אַנטי־סאָוויעטישע לאָזונגען אויף די וואַגאָנעס און אויטאָס א.אז.וו. צו מיין שטוינען האָט דער אויספאָרשער גאָרנישט פאַרצייכנט מיינע רייד אויפן פאַפיר, נישט איינגעהערט זיך, ווי זיי וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען, אָדער ווי זיי וואָלטן אים גאָרנישט געאַרט...

אויף צומאָרגנס איז געקומען צו אונדז אַ פּאָליטרוק און געהאַלטן אַ רעדע.

זיינע רייד זענען געווען טרוקענע, האַרטע:

„זייט וויסן, איר אַריבערגעקומענע, אַז אויב עס זענען ביי אייך פאַראַן גוטע כוונות און איר מיינט טאַקע דאָ צו לעבן און אַרבעטן,

וועט אייך אפשר אין אָנהויב שלעכט זיין, אָבער דערפאַר וועט אייך שפּעטער גוט זיין און איר וועט געניסן פון כל טוב מיט וואָס עס שפּע'ט אונדזער ראַטן־מלוכה, נאָר אויב האָט איר אין זינען צו קאָמבינירן, דריידלען, נישט לעבן פון אַרבעט, וועט אייך תּמיד זיין שלעכט".

ער האָט אָפּגערוט אַ ווײַלע, פאַרוויקלט מאַכאָרקע אין צייטונגס־פּאַפּיר, געבעטן אַ שוועבעלע, און אַרויסלאָזנדיק דאָס ערשטע וואָלקנדל רויך, צוגעגעבן:

„און דערווייל, (זיינע קליינטשיקע אייגעלעך האָבן זיך צעפינקלט און אָפּגעדעקט אַזאַ ווינקל שמייכעלע), דערווייל וועט איר אָפּזיצן אַ שטראָף פאַר אַריבערגיין אומלעגאַל די גרענעץ. אָבער נעמט זיך נישט איבער, האָט נישט קיין עגמת נפש; די שטראָף וועט זיין אַ קליינע, עט, נישט מער ווי אַ סימבאָלישע. דערפאַר וועט איר שפּעטער, דערנאָך, זיך פילן ווי פרייע בירגער אין אונדזער ליבער ראַטן־מלוכה".

יעדער איינער פון אונדז האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט אַראָפּ־געשלונגען אַ ביטערע פּיל, און דאָך זענען מיר צופרידן געווען וואָס מ'שיקט אונדז נישט צוריק צו די דייטשן, אַז מען ליפערט אונדז נישט אויס אין די נאַצישע הענט און מיר האָבן זיך געפרייט מיט דער שטראָף וואָס וועט זיין אַ קליינע, אַ סימבאָלישע בלויז. ממש אַ גליק!

דעם זעלבן טאָג נאָך האָט מען אונדז צונויפגענומען, אַ מאַן דרייסיק, אויפגעלאָדנט אונדזערע זאַכן אויף אַ וואָגן און אָפּגעשיקט אונדז צופוס קיין פּשעמישל.

אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ סך יידן. די האָבן געצויגן אַהין און די אַהער. עלעהיי אַ צעמישעניש וואָלט אַראָפּ אויף די קינדער פון פאָלק ישראל. די האָבן צוגעוואָרפן טרייסט־ווערטער, געמוטיקט, און די — האָבן זיך געפרעגט אויף זייערע נאָענטע, וועלכע זענען געבליבן אויף דער דייטשער זייט.

— וואָס געשעט דאָ מיט אונדז? האָט אַ געדאַנק מיך געפּייניקט. וואָס וועט נאָך געשען? וווהין פירט דער וועג? וועלכער איז דער ריכטיקער?

מיר זענען אָנגעקומען קיין פּשעמישל. מיר טרעפן אָן מאַסן יידן אויף די גאַסן פון שטעטל. בעת מיר דערנענטערן זיך צום תּפיסה־

טויער ווערט לעבן אונדז אַ שטאַרק אָנגעלויף און עס דערטראָגט זיך צו אונדז קולות נאָך איידער מען עפנט דעם טויער:

— גייט נישט אַריין! מישט זיך אויס מיט די מענטשן אין דרויסן געדענקט!

די אַרומיקע יידן האָבן נישט געוווסט, אַז מיר קומען מיט אַ פייערלעכן צוזאָג פון פּאַליטרוק, אַז אונדזער שטראָף איז אַ קליינע, נישט מער ווי אַ סימבאָלישע, און דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן צו זיין אָרנטלעכע מענטשן, אָפּקומען דעם עונש און ארויס „ווי פרייע בירגער פון גרויסן ראַטנפאַרבאַנד...״

אין פשעמישלער תפיסה

ברייט האָט זיך פאַר אונדז צעעפנט דער תפיסה־טויער און אונדז אַריינגעלאָזן טיף אין הויף אַריין.

דער תפיסה־הויף איז פול געווען מיט מענטשן וועלכע זענען פאַרהאַלטן געוואָרן צוליבן זעלבן פאַרברעכן וואָס מיר זענען באַגאַנגען — פאַר איבערטרעטן אומלעגאַל די סאָוויעטישע גרענעץ.

אונדזער גרופּע איז געבליבן זיצן אין אַ ווינקל פון הויף און געוואַרט אויף אַ פּלאַץ אין די קאַמערן.

דערווייל האָט ווידער אַ טאָג אָנגעהויבן גוססן. זון האָט זיך ערגעץ־ווו איבערגעבויגן און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. טונקעלניש האָט אַראָפּגענידערט אויפן הויף ווי אַ שוואַרצע מויער, אונדז צוגעדעקט, אַרומגעצוימט און אָפּגעטיילט פון דער דרויסנדיקער וועלט. אַ קעלט האָט אונדז אַדורכגענומען, אויפגעשווידערט. געליאַרמען און געשרייען האָבן זיך געטראָגן פון די פאַרמאַכטע קאַמערן, אָנגעפילט דעם הויף־חלל מיט פאַרשידענע קולות. דאָס האָט אַזוי יידיש מאַמע־לשון זיך געטראָגן אין חלל פון תפיסה־הויף. די שפּראַך פון ס׳רוב אַרעסטירטע.

שפּעט אין אָוונט האָט מען געמאָלדן אַז פרויען וועלן אַרויסגעלאָזן אויף דער פריי. אַ טייל פון זיי, נישט וועלנדיק זיך צעשיידן מיט זייערע מענער, האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אין טורמע און טיילן מיט זיי דעם בשותפותדיקן גורל.

איך האָב אַנדערש געטראַכט. געטראַכט, אַז ס׳איז גלייכער אַז מיין פרוי זאָל זיך געפונען אויף דער פריי און אַזוי אַרום קאָנען זיך

באַמיען מיך אַרויסצונעמען פון געפענגעניש. מיר האָבן זיך טאַקע וואַרעם געזעגנט מיט דער האָפענונג צו טרעפן זיך באַלד אין דרויסן. אויב נישט מאָרגן איז איבערמאָרגן, ביז עס וועט זיך ענדיקן די סימבאָלישע שטראָף...

ערשט אין מיטן דער נאַכט האָט אונדזער גרופּע „זוכה״ געווען אָנגענומען צו ווערן אין דער טורמע גופא. מ׳האָט מיך אַרייננעפירט אין אַ קאַמער, וואָס איז געווען איבערפולט מיט מענטשן. קוים וואָס איך האָב געפונען אויף דער ערד אַ פּיצל אָרט פאַר מיינע מידע, צעבראָכענע ביינער.

איך האָב אויסגעשפּרייט אונטער זיך דעם קאָץ, אַוועקגעשטעלט צוקאָפּנס דעם טאָרניסטער, און אַ דערשלאָגענער, אַ דערשעפּטער פון לאַנגן מאַרש צופוס, שפּעטער פון זיצן אַ גאַנצן טאָג אויפן הויף, און דורכגענומען ביזן גרונט פון קעלט — בין איך שנעל איינגעשלאָפן.

ווען כ׳בין אויפגעקומען האָב איך זיך ערשט גוט אומגעקוקט. מיינע שכנים — האָב איך געזען — זענען ס׳רוב יידן. כמעט פון גאַנץ פּוילן אָנגעלאָפענע. טייל פון זיי זענען אינגאַנצן געזעסן ערשט טעג, און טייל — שוין וואָכן. סיי די און סיי די האָבן נישט געוווּסט וואָס עס וועט זיין מיט זיי.

אין אונדזער קאַמער זענען אויך געזעסן סחורה־שמוגלער, דער־הויפּט גויים. זיי האָט מען געכאַפּט מיט זייגערלעך און אַנדערע סחורות. זיי האָט מען געהאַלטן עטלעכע טעג נאָר און אַרויסגעלאָזן. בכוונה האָט מען זיי אַרויסגעלאָזן, כדי ווידער זיי צו כאַפּן מיט סחורות, דערהויפּט מיט די זייגערלעך צו וואָס יעדער רוסישער סאָלדאַט האָט אַזוי געגאַרט...

פון דעם אַלעם איז מיר שטאַרק טרויעריק געווען אויף דער נשמה. עפּעס האָט מיך אָנגעהויבן שרעקן דאָס זיצן אין טורמע. איך האָב פלוצלונג אויפגעהערט גלויבן אַז אָט־אָט ווערן מיר באַפרייט, אַז דעם פּאָליטרוקס רייד האָבן געהאַט אַ וואָסערן ס׳איז ממשות. איך האָב אָנגעהויבן פרעגן, אויספרעגן ביי די וואָס זיצן שוין לענגער וועגן די אויסזיכטן אַרויסגעלאָזן צו ווערן, אָבער זיי האָבן מיר גע־ענטפערט, אַז מען דאַרף האָבן מזל, און דער עיקר ווען מ׳האָט וועמען אין דרויסן וועלכער זאָל „שמירן״.

אויפן צווייטן טאָג פון מיין זיין אין טורמע בין איך געווען אַן עדות פון אַ ביז גאָר אָריגינעלער המצאה:

עטלעכע מענטשן אין קאַמער האָבן זיך אויסגעצויגן פּאַר דער טיר און אָנגעהויבן שטאַרק זעצן מיט די פויסטן. זיי האָבן צוזאַמען געדרופן אויפן קול: אַ דאָקטער, אַ דאָקטער! ראַטעוועט!

נאָך אַ שטיקל צייט האָט זיך געעפנט די טיר, עס זענען אַריין עטלעכע וועכטער און געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט. דער ענטפער איז געווען, אַז עטלעכע מענטשן האָבן אַוועקגעחלשט פון ענגשאַפט און מ׳מוז וואָס שנעלער האָבן אַ דאָקטער. ווי אַ באַווייז האָט מען דערוויל געמינטערט די „פאַרחלשטע״, געגאָסן אויף זיי וואַסער. קיין דאָקטער איז טאַקע נישט געקומען, אָבער דערפאַר האָט מען זיי איבער־געאַנצן באַפרייט.

דער־אָ אויפטו איז אַוועק מיט הצלחה. אַזעלכע „סעאַנסן״ זענען איינגעאָרדנט געוואָרן איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין דער וואָך. די קאַנדידאַטן צום חלשן זענען אויסגעקליבן געוואָרן לויט דער ריי. סתם „אַוועקחלשן״, נישט אָרגאַניזירטערהייט האָט מען נישט גע־טאָרט...

אָבער ליידער האָט מיר דאָס גליק נישט אָפּגעגאָלטן. ווען ס׳איז געקומען מיין ריי האָט די „קאָמיסיע״ מיך געפּסלט. „טאָרסט נישט חלשן״ — האָט מען געטענהט צו מיר. „ביזט אַ רויט־הויטיקער — האָבן זיי מאָטיווירט דעם באַשלוס — טאָ ווי קאָן אַ פאַרחלשטער ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד און דאָס פּנים זאָל זיין רויט און געזונט?״

און עס האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן. איך האָב מקנא געווען ווייספּנימדיקע, העל־הויטיקע, פיינט געקראָגן מיין געזונטע רויטע פאַרב פון געזיכט און געבליבן זיצן אין טורמע, טאַקע נישט געחלשט.

אויפן דריטן טאָג פון מיין זיצן אין תפיסה האָב איך באַקומען אַ פּעקל פון דרויסן. מיינע שכנים האָבן מיך געלערנט ווי אַזוי צוריק אַרויסצובאַזאָרגן אַ בריוול (אויף תפיסה־לשון — אַ „גריפס״) און ווי אַזוי צו באַקומען אַריינגעשמוגלט בריוולעך פון דרויסן, פון דער פרוי מיינער.

נאָך דעם ווי כ׳האָב זיך אויסגעלערנט די „תורה״, איז אַוועק צווישן מיר און מיין פרוי אַ סטאַבילע קאָרעספּאָנדענץ. אין איינעם פון אירע בריוועלעך האָט מיין פרוי מיט פרייד מיטגעטיילט, אַז עס איז איר געלונגען זיך איינצואָרדענען ביי אַ יידישער משפחה, אַז זי האָט דאָרט אַ געלעגער אויפן טיש, אַז קיין בעסערן פּלאַץ האָט זי נישט געקאָנט באַקומען ווייל די שטאָט איז פול מיט פּליטים.

מיינע בריוו צו איר זענען פון מאָל צו מאָל געוואָרן אומעטיקערע. איך האָב געהאַט צו איר איין פאַרלאַנג: מיך אַרויסצונעמען פון תפיסה, אַלץ טאָן כדי מיך צו באַפרייען, ווייל חוץ אַלעם ווער איך אויפגעגעסן פון אומריינקייט, פון לייז, וואָס כ׳קאָן נישט איבער־טראָגן.

דער ענטפער פון מיין פרוי איז געווען אַ טראַגישער, אַן אומ־גלויבלעכער. זי האָט מיר געשריבן אַז זי טוט אַלץ וועגן אַרויסנעמען מיך, אָבער וויסן דאַרף איך, אַז איין זאַך וועט זי נישט טאָן — זי וועט נישט, ווי אַנדערע, באַצאָלן פאַר דעם מיט איבערגעבן זיך איינעם פון די תפיסה־אָפּיצירן...

זענען ווידער אַוועק טעג נאָך טעג. איינער ענלעך צום צווייטן: לאַנגווייליקע, נודנע, מיט מאָטערנדיקע טראַכטענישן וועגן דער אַזוי מאָדנער נייערווירקלעכקייט און וועגן אייגענעם ביטערן גורל.

עס האָבן זיך געביטן די פּנימער אין קאַמער. מענטשן זענען באַפרייט געוואָרן, אַנדערע זענען געקומען אויף זייער אָרט. די קאַמער איז אָבער שטענדיק געבליבן פול, איבערפולט. עס איז נישט געווען וואָס צו מאַכן מיט אַזוי פיל שעהן אין מעת לעת. האָבן די געשפּילט אין קאַרטן און די — געשמועסט און געשמועסט וועגן טעג פאַר־גאַנגענע און טעג וואָס דאַרפן ערשט קומען.

איך האָב ווידער אַרויסגעשיקט אַ בריוועלע צו דער פרוי. איך האָב זי געבעטן צו זאָרגן דערפאַר, אַז ס׳זאָל אין תפיסה אַריין קומען אַ דאָקטער, וועלכער זאָל מיך אונטערזוכן און מיך אויסגעפונען אַ קראַנקן. אין איינעם אַ טאָג איז טאַקע געקומען אַ דאָקטער און מיך אַרויסגערופן אויף אונטערזוכונג. כ׳בין געווען זיכער אַז אָט אָט באַפרייט מען מיך, און — כ׳בין געבליבן ווייטער זיצן.

איך האָב אָנגעהויבן גלויבן אַז מיין שרייבן צו דער פרוי וועגן מיין באַפרייונג האָט נישט מער קיין זין, אַז עס איז נישטאָ קיין אויסזיכט עפּעס צו דערגרייכן, און דאָך האָב איך עס געטאָן, געשיקט בריוועלעך צו איר און אין יעדן — דערמאָנט, געבעטן, געמאָנט אַז זי זאָל געפונען אַן עצה ווי אַזוי מיך צו באַפרייען פון הינטער די קראַטן און פון די לייז וואָס האָבן זיך אַזוי אָנגעפּגעט און אָנגעזעצט זיך אויף מיין גוף...

איר ענטפער איז שטענדיק געווען דער זעלבער, דער איינציקער: פאַראַן איין אויסוועג, וואָס קאָן העלפן, אָבער זי איז עס נישט אומשטאַנד צו טאָן — זי וועט איר לייב נישט פאַרקויפן.

טרויעריק האָבן געקלונגען אירע ווערטער. איך בין שטאָלץ געווען מיט זיי. ביי מיין שווער געמיט האָבן זיי מיר פאַרשאַפט פרייד, אָבער גלייכצייטיק האָב איך זיך אָנגעהויבן זען אַן רעאַלע אויסזיכטן באַפרייט צו ווערן.

זעענדיק אַז פון דרויסן קאָן די הילף נישט קומען, האָב איך אָנגעהויבן וועגדן זיך צו דער מאַכט, געשריבן בריוו צום תפיסה־נאַטשאַלניק, געוואַנדן זיך מינדלעך מיט ביטעס, געפרעגט היתכן? מעג מען האַלטן אַן אומשולדיקן מענטשן אין טורמע, סתם אַזוי, אומזיסט און אומנישט און נאָך ביי אַזעלכע באַדינגונגען?

האָט דער תפיסה־אָפיציר, פאַר וועלכן כ׳בין דערשינען, מיך שטענדיק העפלעך אויפגענומען, רויק אויסגעהערט, יעדעס מאָל פאַרזיכערט, אַז אָט אָט וועט מען מיך באַפרייען, עס דאַרף נאָר אַ טאָג פאַרביי, נאָך אַ טאָג און כ׳וועל זען די ליכטיקע שיין.

זענען פאַרביי טעג איינער נאָכן צווייטן, וואָכן זענען פאַרביי און אַרויסגעלאָזן האָט מען מיך נישט. אַלע גוטע הבטחות פון תפיסה־אָפיציר האָבן נישט געהאַט קיין שום ממשות, האָבן קיין ווערט נישט געהאַט.

אין איינעם אַ טאָג האָט זיך אין תפיסה־קאַמער באַוויזן אַן אָפיציר און פון זיין פנים האָט אַראָפּגעשמייכלט עפּעס אַ גוטע בשורה. מיר האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים און יעדער איינער האָט אים געשטעלט די איינאונאיינציקע פראַגע:

— ווען וועלן מיר באַפרייט ווערן? ווען? ווען וועט עס געשען?
און ער — פון זיין צעשמייכלט פנים, פון מויל אַרויס איז אַן איינציק וואָרט צו אונדז צוגעפאַלן און מיט טויזנטער טענער זיך צעקלונגען אין קאַמער־חלל:

— מאָרגן, מ אָ ר ג ן!

— אויף אייער ערנוואָרט? — האָט ווער פון אונדז אַ פרעג געטאָן.

— אויף מיין ערנוואָרט — האָט דער אָפיציר פייערלעך געענט־פערט.

אָבער נישט מאָרגן און נישט איבערמאָרגן זענען מיר באַפרייט געוואָרן. דער אָפיציר האָט זיך שוין מער נישט געוויזן אין קאַמער.

ס'איז דורך אַ שטיקל צייט, אינצווישן האָט מען מיך עטלעכע מאָל גערופן אויף אויספאָרשונגען וואָס זענען געוועזן איבערפלעכ־לעכע, ווי פאַר יוצא צו זיין.

עטלעכע מאָל זענען געקומען אין קאַמער אַריין סאָוויעטישע אָפיצירן, האָבן אָנגעוויזן אויף געוויסע מענטשן, געהייסן זיי מיט־נעמען די זאַכן, און יענע זענען טאַקע באַפרייט געוואָרן. מיך אָבער האָט קיינער נישט גערופן, מ'האָט נישט געהייסן נעמען מיר מיינע זאַכן און כ'בין געבליבן זיצן. כ'האָב קיין מזל נישט געהאַט, כאָטש אינעווייניק, אין האַרצן האָט געטליעט אַ ברעקל האָפענונג, און גע־חלומט האָב איך אַז פאַרט וועט אַ נס געשען, ער וועט קומען אומ־געריכט, מ'וועט מיך אַרויסרופן אין קאָרידאָר און הייסן גיין, גיין אויף דער פריי, אַהיים, צו דער פרוי.

„אוי ווי איך וועל לויפן, ווי איך וועל לויפן — האָט מיר מיין פאַנטאַזיע צוגעשפּילט.

און דאָך זענען געווען ספּריטנערע פון מיר און זיי האָבן זיך טאַקע אַן עצה געגעבן, זיי זענען טאַקע געלאָפן, צו דער פרייהייט אַוועקגעלאָפן... געטאָן האָבן עס די, וועלכע זענען געגאַנגען פאַר־טאָגס אין דער בעקעריי נאָך ברויט. איינצלנע פלעגן זיך אָפּרייסן פון דער גרופּע און נעלם ווערן, פלעגן זיך אויסמישן מיט אַנדערע, פלעגן אַריינלויפן אין אַ שטוב און אַזוי אַרום שוין מער די תפיסה נישט געזען פאַר די אויגן.

די תפיסה־שומרים האָבן זיך נישט שטאַרק איבערגענומען. וואָרעם זייענדיק אַז עס פעלן עטלעכע מענטשן האָבן זיי געכאַפּט צופעליקע דורכגייער אַבי צוזשטעלן אין דער תפיסה די זעלבע צאָל מענטשן וואָס זיי האָבן אַרויסגעפירט...

מיין שעה האָט אָבער נאָך נישט געהאַט אויסגעשלאָגן. איך בין געבליבן זיצן אין טורמע און געבענקט, געגאַרט באַפרייט צו ווערן און נישט געוווסט ווען דאָס וועט געשען.

אין מיטן דעצעמבער. אין דרויסן איז שוין גוט געשטאַנען דער ווינטער, האָט מען אונדז איבערגעפירט אין אַ צווייטער תפיסה, אויך אין פּשעמישל.

ווי נאָר מיר זענען אַהין אָנגעקומען האָט מען אונדז גלייך אָפּ־געשוירן די האָר, אויסגעבאָדן און דעזינפעקצירט די זאַכן. אין גאַנצן ריין זענען מיר פון דעסטוועגן נישט געבליבן. אין געהיימע ערטער האָבן זיך נאָך געזאַמלט לעבעדיקע באַשעפענישלעך...

דאָ האָט מען נאָך ווייטער אַריינגעלאָזן פאַר אונדז פעקלעך פון דרויסן, אָבער די „גריפּסן" זענען שוין נישט דורכגעגאַנגען. די קאָנטראָל איז געווען אַ שטרענגע. דער רעזשים — פון אַן אמתער טורמע, גאָרנישט צו שעמען זיך מיט איר.

מיר זענען קוים אָפּגעווען עטלעכע טעג און עס האָט אָנגעהויבן דערגיין צו אונדז ידיעות אַז מען גרייט זיך אונדז אַוועקשיקן נאָך רוסלאַנד. די־אָ נייעס האָט זיך שווער געלייגט אויף אונדזער געמיט. אַלע פּלענער זענען מיט אַמאָל זיך צעפאַלן. אַלע האָפענונגען — אויסגערונען.

וווהין? וווהין? — האָט יעדער איינער פון אונדז געפרעגט. וווהין? — האָט די פראַגע געמאַטערט בייטאָג און ביינאַכט.

קיין ענטפער דערויף איז נישט געווען. מ'האָט זי נישט געקאָנט אויסאַנען. מ'איז געווען צעבראָכן און דערשלאָגן פון דער שלעכטער בשורה.

„און וואָס וועט יעצט זיין?" האָב איך ליגנדיק וואַך אויפן בעטל געטראַכט. „ווו לאָז איך איבער מיין פרוי? אויף וועמענס באַראַט? פאַרוואָס קומט אונדז אַזאַ שטראָף? פאַר וועלכע זינד?"

נאָר די טורמע־ווענט ווענען שטומע און שווייגן ווי עס שווייגט די נאַכט. די וועכטער, די תפיסה־אָפּיצירן הערן אויס אונדזער וויי, אונדזערע טענות און שטענדיק שאָקלען זיי צו מיט די קעפּ, גיבן אונדז געררעכט און... מיר בלייבן ווייטער זיצן נישט געמשפּטע, נישט פאַרמשפּטע, אָן אויסזיכטן, אָן האָפענונגען.

דער טראנספּאָרט
נאָך טשערניכאָוו

עס איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט ווען מ׳האָט אונדז אַרויסגעפירט פון פּשעמישלער טורמע. ווייס בלאַנקענדיקער שניי האָט זיך געשפּרייט ווי דיוואַנעס אונטער אונדזערע טריט. דאָס שטעטל איז געווען איינגעהילט אין טיפן שלאָף, מ׳האָט אונדז גע־פירט איבער אירע גאַסן, צו אַ זייטן סטאַציע, ווו מען האָט אונדז אויפגעלאָדנט אויף וואַגאָנעס, די אַזוי גערופענע „סטאָליפּינקעס".

„אַ מאָדנער גלגול פון געשעענישן" — האָב איך געטראַכט. „אָט־אָ דער סטאָליפּין, וועלכער האָט אויף זיין געוויסן די מאַסן־מאָרדן איבער די אַרבעטער־טוער נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 און וועלכער האָט אויסגעקלערט די ספּעציעלע וואַגאָנעס צום פאַרשיקן רעוואָלוציאָנערן אין די ווייטסטע מקומות פון רוסלאַנד, האָט זוכה געווען, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן זיך באַנוצן מיט זיין אויפטו, פּונקט אַזוי ווי אין צאַרס צייטן... וואָס איז דען דער אונטער־שיד פון דעמאָלט ביז היינט? דער זעלבער מאַרשרוט, די זעלבע וועגן. אפשר טאַקע קיין סיביר און אפשר נאָך ווייטער? ווער ווייס עס?"

די זעלנער־וואַכן האָבן זיך כסדר געטווישט. זיי האָבן אונדז געהיט מיט מאַשין־געווער, ווי גאָר וויכטיקע פאַרברעכער פאַר וועלכע מ׳האָט מורא אַז זיי זאָלן נישט אַנטלויפן און באַדראָען דעם וויל־שטאַנד פון די בירגער...

אין די וואַגאָנעס איז געווען שטאַרק הייס. עטלעכע פון אונדז

זענען געפאַלן אין חלשות און מיר האָבן פאַרלאַנגט פאַר זייערטוועגן אַ דאָקטער. ערשט נאָך אַ שעה האָט מען צונויפגעקליבן די קראַנקע און נאָך אַ מעדיצינישער אונטערזוכונג — אַרויסגענומען זיי פון טראַנספּאָרט.

ענדלעך האָבן מיר געווירט פון אָרט. דער לאָקאָמאָטיוו האָט פריער אַרויסגעלאָזן עטלעכע ווילדע געשרייען אין דער ווינטער נאַכט אַריין, ווי ער וואָלט געמיינט איר אָנזאָגן אַ בייזע בשורה. די וואַגאָנעס האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן און זיך אָנגעהויבן אַריינ־שניידן אין דער געדיכטער פינצטערניש אַריין, צווישן פעלד און וואַלד, דאָרף און שטעטל וואָס האָבן שווינדלדיק זיך געקנוילט פאַר די אויגן.

איינער אַ וואָך־זעלנער האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט אונדז אין אַ שמועס. ער האָט שטאַרק געלויבט דעם ראַטנפאַרבאַנד, דערציילט, אַז אַלע מענטשן, אָן אויסנאַם זענען פאַרזאָרגט מיט אַרבעט און בכלל איז אַלץ פאַראַן בשפע און ספּעציעל עסנוואַרג.

אונדז האָט זיך געוואָלט שמייכלען פון זיין לויב־געזאַנג. צו יענער צייט האָבן מיר שוין געהאַט אַ גוטן באַגריף וואָס ס'איז פאַראַן און וואָס ס'איז נישט פאַראַן אין רוסלאַנד. האָט טאַקע איינער פון אונדז געוואַגט און אים אַ פרעג געטאָן:

— אַ פּאָמעראַנטשי או וואָס יעסט? (און פּאָמעראַנצן זענען ביי אייך פאַראַן?)

— אַ קאַק זשע, פּיאַט זאַוואָדאָוו פּאָסטראָילי (ווי דען זשע, פינף פאַבריקן האָט מען אויפגעשטעלט) — האָט דער זעלנער מניה וביה געענטפערט.

מיר האָבן זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און זענען אויסגעבראָכן אין אַ ספּאָנטאַניש געלעכטער. דער זעלנער האָט פאַרשטאַנען אַז ער האָט דאָ עפּעס מגזם געווען און פאַרשטייט זיך נישט מודה געווען, אַז ער ווייסט נישט וואָס דאָס וואָרט „פּאָמעראַנטשי" באַדייט, וואָ־רעם אין רוסיש הייסן גאָר פּאָמעראַנצן — „אַפּעלסיני". געמיינט האָט ער אוודאי אַז עס איז אַזאַ מין פאַבריקאַט, איז עס אוודאי פאַראַן אין אַלגליקלעכן ראַטנפאַרבאַנד און וואָס שייך די פינף פאַבריקן האָט ער זיי אַליין אין זיין פאַנטאַזיע אויפגעשטעלט.

נאָך דער מעשה מיטן זעלנער האָט איינער פון אונדזערע אַרעס־טאַנטן דערציילט וועגן אַ מיידל וועלכע האָט בשעת אַן אויספאָרשונג קעגן איר אין נ. ק. וו. ד. געענטפערט אויף דער פראַגע וועגן איר באַשעפטיקונג, אַז זי איז אַ סטענאָטיפּיסטקע. דער פּראָטאָקולאַנט האָט אָבער נישט געוווסט דעם באַדייט פון וואָרט און נישט אַראָפּ־געלאָזן די פעדער אויפן פּאַפּיר. זיינער אַ חבר, וועלכער איז גע־שטאַנען לעבן אים און געזען די פאַרלעגנהייט זיינע, האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַ זאָג געגעבן:

— פּישי „בליאַט", וו'מאָסקוויע ראַזביערוט (שרייב „זונה", אין מאָסקווע וועט מען זיך שוין פאַנאַנדערקלייבן).

מיר האָבן געהאַט אַ צווייטן וואַך־זעלנער איז ער געווען זייער אַ בייזער. קיינמאָל האָט ער נישט געענטפערט גלייך, שטענדיק אונטערגעבורטשעט, פונקט ווי עס וואָלט אים נאָך אַ רעשט געקומען פאַר אונדזער פיין און לייד. מיר האָבן באַשלאָסן מיט אים זיך אָפּ־צורעכענען. איינמאָל, איז ער געשטאַנען אין וואַגאָן אָנגעשפּאַרט אָן די פּריטשעס. צוויי חברה־לייט אונדזערע האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט וואָס זיי זענען געזעסן אויף די אויבערשטע ברעטער און האָבן אים באַשיט מיט אַ ביסל „לעבעדיקע באַשעפענישלעך" אויסגעשאָקלטע פון זייערע פאַראומרייניקטע מלבושים. מאָמענטאַל האָט דער זעלנער אָנגעהויבן שפּירן דעם „אָנפאַל" און נישט געקאָנט מער איינשטיין אויפן אָרט. מיר האָבן זיך קוים איינגעהאַלטן פון צו לאַכן. נאָך אַ האַלבער שעה האָט דער בייזער היטער אונדזערער אָנגעהויבן זיך צו „שיבערן" אַז ס'איז געוועז אויף אים אַ גאָטס רחמנות. מיר האָבן געוווסט אַז איצט איז ער שוין „אין אָרדענונג", אַז ער וועט שוין פון דער „סחורה" נישט פּטור ווערן דעם גאַנצן וועג און וועט זי נאָך האָבן צו פאַרטיילן...

מיר שלעפּן זיך אומאויפהער. אַמאָל, אין מיטן טאָג, כאַפּסטו אַ בליק אין דרויסן זעסטו מענטשן, מענטשן אויף דער פריי, באַוועגן זיך, טאָן וואָס זיי ווילן, גייען וווהין זיי ווילן. און מיר? וווהין פאָרן מיר? ווו וועלן מיר זיך אָפּשטעלן? ווי לאַנג וועלן מיר נאָך אַזוי פאָרן?

איינער אַ וואַך־זעלנער האָט אויפגעבראָכן אַ סוד: מיר דער־נעענטערן זיך צו קיעוו, אָט פאָרן מיר זי פאַרביי.

דער נאָמען פון שטאָט האָט מיר עפּעס געזאָגט: אַ יידישע שטאָט, יידישע קולטור, יידישע פען־מענטשן, טעאַטער־מענטשן — איז נאָך דאָס אַלץ פאַראַן? ווי אַזוי לעבן זיי? געזען אַמאָל יידישע אויס־גאַבעס פון קיעוו מיט זייער מאָדנעם אויסלייג, דערשיינען זיי נאָך? ווי לעבט זיך דאָ יידן?

נאָר אָט האָט אונדזער עשאַלאָן זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב געעפנט די אויגן און אַראָפּגעלייענט פון סטאַציע־שילד דאָס איינ־ציקע וואָרט: טשערניכאָוו.

עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט ווען מען האָט אונדז אָפּ־געלאָדנט. פינצטערניש האָט אַלץ צוגעדעקט, פאַרשלייערט אין סוד, איינגעהילט אַלץ אין אַזאַ קאַלטער פרעמדקייט. יעדער האַלבע שעה זענען צוגעקומען קאַרעטקעס און האָבן אַוועקגעפירט מיט זיך אַ צאָל מענטשן. מיר זענען געשטאַנען צוגעטוליעט איינער צום צווייטן און געשוויגן. שטום זענען מיר געווען ווי די נאַכט, שטיל ווי די וואַסערלעך אין די רינשטאָקן אין זייער געלאָף הינטערן דינעם אייז־שיכט.

מיר זענען געווען פאַרביטערט און די ביטערניש געטראָגן אין זיך מיט ווייטאָג. שטיל זענען מיר געווען. דעם איינציקן רעש האָבן דאָ אָנגעמאַכט די קאַרעטקעס, וועלכע האָבן זיך כסדר געביטן און אָפּגעשטעלט אונדז ביזן לעצטן אין דער תפיסה אַריין.

ערשט שפּעטער זענען מיר געוויר געוואָרן, אַז טשערניכאָוו איז איינע פון די גרעסערע אוקראַינישע שטעט און אַז דאָ איז דער זיץ־אָרט פון דער העכסטער נ.ק.וו.ד.־אינסטאַנץ אויף גאַנץ אוקראַינע. צו איר דיספּאָזיציע איז געשטאַנען אַ ריזן־געביידע מיט הונדערטער, הונדערטער באַאַמטע, וווהין מ׳פלעגט פאַרשלעפּן טויזנטער, טויזנטער מענטשן אויף אומברחמנותדיקע אויספאָרשונגען. אין דעם־אָ בנין פון דער נ.ק.וו.ד־צענטראַלע איז אויך געווען אַן אייגענע תפיסה. אונדז אָבער האָט מען אַהין נישט אַוועקגעפירט. פאַר אונדז האָט מען צוגעגרייט פּלאַץ אין דער שטאָטישער תפיסה — איינע פון די גרעסטע אין גאַנץ אוקראַינע.

אין טשערניכאווער
תפיסה

ווי נאָר מיר זענען דאָרט אָנגעקומען האָט מען אונדז אָנגעהויבן „אויסרייניקן" פון די לייז. אַ שווער שטיקל אַרבעט איז עס געווען. יעדער איינער פון אונדז איז געווען פאַרקראָכן ביז איבערן קאָפּ, ממש נישט צום אויסהאַלטן. האָט מען אונדז געפּאַרעט אַ גאַנצן טאָג, געבאָדן, דעזינפעקצירט די זאַכן און ערשט שפּעט אין אָוונט זענען מיר פאַרטיק געוואָרן און זיך טאַקע אָנגעהויבן שפּירן ווי ניי־געבוי־רענע מענטשן. נאָכן באָד האָבן מיר באַקומען אַ וואַרעמע זופּ, און מיר זענען „אַריינגעבעטן" געוואָרן אין תפיסה־קאַמערן.

די קאַמער אין וועלכער איך בין געוואָרן צוגעטיילט איז געווען אַ גרויסע און מיר האָבן געציילט דאָרט זעכצן מענטשן. יעדער פון אונדז האָט באַקומען אַ שטרוי־זאַק און צוויי קאָצן. ס'איז געווען גענוג באַקוועם.

מידע, דערשעפּטע פונעם ווייטן וועג, האָבן מיר זיך גלייך אַוועק־געלייגט און זענען איינגעשלאָפן.

אויף צומאָרגנס האָבן מיר געשלאָסן קאָנטשאַפט מיט די וועלכע זענען שוין דאָרט געזעסן פון פריער. צווישן זיי אַ שניידער פון וואַרשע, אַ האַנטווערקער פון בענדין, אַ פּאַביאַניצער ייד, אַ מקורב פון גערער רבין, און נאָך אַנדערע.

עס זענען אויך געווען עטלעכע קריסטן. איינער, אַ רעכטער פּעפּעסאָוויעץ פון קראָקע, אַ צאָל־באַאַמטער פון פּאָמערן, אַ לינקער פּעפּעסאָוויעץ פון סאָסנאָוועצ און עטלעכע פּויערים.

אויפן צווייטן טאָג פון אונדזער אָנקומען האָט מען מיך אויס־געקליבן ווי דעם עלטסטן פון קאַמער. איך בין גלייך צוגעטרעטן דערפילן מיין אויפגאַבע, און אין דער ערשטער ריי אויסגעאַרבעט אַ טאָג־פּראָגראַם. ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט גימנאַסטישע איבונגען און אַריינגענומען אויך ליטעראַרישע שמועסן, צייט־פאַרוויילונגען, שאַך־שפּיל און דאַמקע. שפּעטער־צו האָב איך פאַרגעלייענט ביכער און זיי איבערגעזעצט אין פּויליש.

אין די ליטעראַרישע שמועסן האָט זיך אויסגעצייכנט דער צאַל־באַאַמטער פון פּאָמערן, וועלכער האָט זייער אינטערעסאַנט געשמועסט וועגן די ווערק פון די פּוילישע קלאַסיקער.

אין די אָוונטן פלעגט זיך צוזאַמענזעצן די יידישע אַרעסטאַנטן־גרופּע און געפירט שמועסן, אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצן. צווישן אונדז איז געווען איינער אַ וווּנדערבאַרער דערציילער. געווען איז עס דער האַנטווערקער, טשאַרני פון סאָסנאָווצע (היינט איז ישראל), וועלכער האָט במשך פון אַ סך נעכט איבערדערציילט זלמן שניאורס „דער קיסר און דער רבי", וואָס האָט זיך געהאַט געדרוקט אין וואַר־שעווער „מאָמענט".

דאַמקעס און שאַכן האָבן מיר אויסגעקנעטן פון ברויט און אָפּגעקראַצט קאַלך פון די ווענט פאַר די ווייסע פיגורן און שטיינער...

ביי דעם אַלעם זענען מיר אָבער געווען איזאָלירט נישט בלויז פון דער דרויסנדיקער וועלט, נאָר אויך פון אַנדערע קאַמערן מיט וועלכע מיר האָבן געזוכט איינצושטעלן אַ קאָנטאַקט. אין אָנהויב איז דאָס אונדז נישט געלונגען צוליבן שטרענגן תפיסה־רעזשים.

מיר האָבן אויך געזוכט אָנצוקניפּן באַציונגען מיט די שליסער, געוואָלט אַרויסקריגן פון זיי אַ וואָרט, אַמאָל עפּעס אַ נייעס, און אויך דאָס האָט זיך אונדז נישט איינגעגעבן. איינמאָל בלויז האָט איינער פון זיי באַרימעריש אַ זאָג געגעבן: „צוזאַמען מיט די דייטשן וועלן מיר באַהערשן די וועלט". זיין באַרימעריי האָט מיך געשטאָכן, אויפגערעגט. „אַנטשפּרעכנדיקע שותפים" — האָב איך אינדערשטיל געשפּאָט. „אַ בונד פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד און דעם רעוואָלו־ציאָנערן, קאָמוניסטישן ראַטנפאַרבאַנד..." ווי אַזוי איז עס מעגלעך? ווי אַזוי קאָן אַזעלכעס פּאַסירן? און וואָס איז די פרייד און די באַ־

רימערײ פון דעם היטער אונדזערן מיט דעם בונד מיט די דײטשן?

איך האָב דעם ענטפער אויף די פראַגעס צו יענער צײט נאָך נישט געקאָנט געפונען, נאָך װײניק געקאָנט די טרויעריקע װירקלעכקײט, נאָך נישט גענוג געװען באַהאַװנט אין דער פּאָליטיק פון פרײהײטס־ליבנדיקן קאָמוניסטישן רוסלאַנד...

צו דעם אַלעם זענען מיר נאָך געװען אָפּגעריסן פון די װעלט־געשעענישן. דער תפיסה־מאַכט איז נישט געלעגן דערין, אַז מיר זאָלן האָבן אַ צײטונג, אַז מיר זאָלן װיסן װאָס עס טוט זיך דאָ און דאָרט, און װי עס האַלט מיט דער מלחמה.

מיר אָבער האָבן נישט אויפגעגעבן אונדזער שטאַרקן װילן צו הערן נײעס פון דער װעלט און מיר האָבן אויפגעקליבן צײטונג־ברעקלעך, װו נאָר עס האָט זיך געלאָזן. און אַז מען זוכט געפינט מען. אײנער פון אונדזערע קאַמער־אײנװױנער איז אײנמאָל צוריק־געקומען פון קלאָזעט אײנגאַנצן אַ שטראַלנדיקער. ער האָט געהאַלטן אַ שטיק צײטונג אין האַנט און אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום אים און מיט די אויגן גענישטערט די נײעסן.

אָבער װי נאָר מיר האָבן איבערגעלײענט די ערשטע ידיעה איז אונדז פינצטער געװאָרן פאַר די אויגן. מיט גרויסע אותיות איז איבערגעגעבן געװאָרן, אַז די דײטשע אַרמײען האָבן אײנגענומען פאַריז. דאָס װאָס איז זײ נישט געלונגען אין דער ערשטער װעלט־מלחמה, האָבן זײ איצט דערגרײכט. און אין אַזאַ קורצער צײט, אָן איבעריקער אָנשטרענגונג. אײנגענומען די הויפּטשטאָט פון דער װעלט, דאָס פרײע פאַריז...

און װאָס װעט זײן דערנאָך? װעט אַזוי פאַלן לאַנד נאָך לאַנד? — האָבן מיר געפרעגט.

װי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג האָט אונדז געטראָפן די דאָזיקע שלעכטע בשורה. מיר האָבן זיך געפילט נידערגעשלאָגן און װילנדיק נישט װילנדיק איז אויפן געדאַנק געקומען דעם שליסערס באַרימערײ אַז די דײטשן מיט די רוסן װעלן צוזאַמען באַהערשן די װעלט.

אין קאַמער האָבן מיר אויך געהאַט אַן אָפּטימיסט, אַ טרײסטער, װעלכער האָט זיך באַמיט אַביסל צו באַרויקן אונדזערע געדריקטע געמיטער. געװען איז עס דער צאָל־באַאַמטער פון פּאָמערן, װעלכער

האָט אויף אַלע צרות און שלעכטע ידיעות געהאַט איין פזמון:
„וואַרט צו, די מלחמה האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט, דאָס רעדל
וועט זיך איבערדרייען".

האָבן מיר יאָ און נישט געגלויבט, געחלומט און נישט געחלומט
און פונדעסטוועגן געוואַרט אַז דאָס רעדל זאָל זיך טאַקע איבער־
דרייען, און מיר, די זיצנדיקע אין דער טשערניכאָווער תפיסה, זאָלן
אויך זיין צווישן די געהאָלפענע...

די אויספאָרשונגען

אין איינער אַ מיטן דער נאַכט האָט מען אונדז אויפגעוועקט פון שלאָף. אין קאַמער האָבן זיך באַוויזן עטלעכע נ.ק.וו.ד.־לייט און אויסגעפרעגט זיך אויף נעמען וואָס הויבן זיך אָן מיטן אות „ב". עטלעכע הענט האָבן זיך אויפגעהויבן — אַ סימן אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע. דאַן האָט איינער פון די אַריינגעקומענע אַרויסגענומען אַ ליסטע, מכלומרשט געמאַכט זיך זוכן, און אַ פרעג געטאָן:

— אַ זילבערמאַן או וואָס יעסט? (און זילבערמאַן איז ביי אייך פאַראַן?)

מיר האָבן געוווסט, אַז זיי זוכן נישט קיין זילבערמאַן, און אַזוי ווי נאָר דער זעלבער ספּעקטאַקל האָט זיך אָנגעהויבן איבערחזרן נאַכט נאָך נאַכט, האָבן מיר מער קיין הענט נישט געהויבן, נאָר געוואַרט אַז זיי זאָלן אַליין אויסרופן דעם נאָמען וועלכן זיי פאַר־לאַנגען צו דער אויספאָרשונג.

אין איינער אַ נאַכט, גאָר שפּעט שוין, האָט מען אויסגערופן מיין נאָמען. כ׳האָב זיך שנעל אָנגעטון און בין אַרויס פון קאַמער אין באַגלייטונג פון היטער. אונטן האָט שוין געוואַרט אויף מיר אַן אויטאָ אין וועלכן מ׳האָט מיך אַריינגעזעצט. מיר זענען געפאָרן איבער דער שטאָט וואָס איז שוין געווען ליידיק פון מענטשן. ווו נישט ווו האָט פון אַ שטוב אַרויס אַ בליץ־געטון מיט העלע ליכט, וואָס איז גלייך פאַרלאָשן געוואָרן. עס איז געווען אַ פראָסטיקע ווינטער־נאַכט, מיר איז אַזוי גוט געווען פון דעם פאָרן און געוואָלט,

אַז עס זאָל זיך אַזוי ציען, ציען אָן אַ סוף, אפילו זיצן אַזוי הינטער די קראַטלעך אין דער קאַרעטקע, אַבי זען דעם דרויסן, זען פאַר זיך אָן אָפענע וועלט, זיצן אַזוי און שווייגן, זיין אַזוי מיט זיך אַליין, מיט זיך אַליין, און פאָרן...

נאָר אָט האָט זיך דער אויטאָ אָפּגעשטעלט פאַר דער געביידע פון דער נ.ק.וו.ד.־צענטראַלע וועמעס פענצטער עס זענען געווען אינגאַנצן פאַרטונקלט.

דאָס האַרץ מיינס האָט אין מיר געצאַפּלט בשעת מ׳האָט מיך געפירט איבער די שיינע טרעפּן פון דער געביידע. אַ שרעק איז מיך באַפאַלן, כאָטש די טירן מיט די נומערלעך האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון האָטעל־צימערן אין וועלכע עס רוען, אין אַזאַ שפּעטער נאַכט־שעה, די אָנגעפאָרענע געסט.

מ׳האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימערל און געהייסן מיך אַוועקזעצן פאַרן טיש. אַנטקעגן מיר זענען געזעסן צוויי מענער, איינער — אַ הויכער, אַ פעסט־געבויטער כאַכאַל מיט אַן אויסגעפּאַשעטערמאָרדע, און דער צווייטער — אַ דאַרער, אַ נידעריקער מיט פינטלדיקע אייגעלעך. דער לעצטער האָט מיר גלייך געזאָגט אַז ער איז אַ ייד און אגב אורחא געפרעגט ביי מיר אין וועלכער שפּראַך איך וויל רעדן.

זיין אָדעסער יידיש איז געווען אַ צעקאַלעטשעטער און איך האָב אים קוים פאַרשטאַנען, און אַזוי ווי איך האָב נאָך געדענקט רוסיש פון אַמאָל, האָב איך געזאָגט אַז כ׳וויל ליבערשט רעדן רוסיש.

מיינע אויספאָרשער האָבן זיך איבערגעבליקט און איך האָב באַמערקט וויפל חידוש איך האָב אַרויסגערופן ביי זיי מיטן וועלן רעדן אויף זייער לשון...

— פון וואַנען קענסטו די שפּראַך? — האָבן זיי צוזאַמען געפרעגט ווי זיי וואָלטן נישט געוואָלט פאַרשפּעטיקן מיט דער פראַגע.

— נאָך געלערנט אין שול, אין צאַרישן רוסלאַנד — האָב איך זיי באַרואיקט און מתכוון געווען זיי אַרויסצופירן פון וועלכן ס׳איז טעות.

איך האָב געענטפערט אויף פערסאָנאַלע פראַגעס: דעם נאָמען, דעם טאַטנס נאָמען, דער מאַמעס נאָמען און זייערע טאַטעס נעמען,

ביים איבערגעבן פּרטים פון טאַטנס צד איז אַלץ געגאַנגען כשורה, אָן שום שטרויכלונגען. דאַקעגן ביי דער מאַמעס צד האָב איך זיך אַביסל פאַרפּלאָנטערט און געענטפערט אַז כ׳געדענק נישט איר פאָטערס נאָמען.

— היתכן? — זענען ביידע אויפגעשפּרונגען און געפרעגט זיך: „וואָס איז די קאָמבינאַציע?"

איך האָב זיי דערקלערט אַז מיין מוטער שטאַמט פון זייער ווייט, פון אַ שטעטל פראַשקי, אַז איך בין דאָרט קיינמאָל נישט געווען, אַז דער מאַמעס פאָטער איז יינג אַוועקגעשטאָרבן און איך ווייס נישט זיין נאָמען, ווייל אין פּוילן האָט מען קיינעמען נישט גערופן מיטן פאָטערס נאָמען.

זיי האָבן געקניייטשט מיט די שטערנס, איבערגעקוקט זיך, דערנאָך מיר געקוקט אין די אויגן אַריין און קוים פאַרדייעט מיין ענטפער.

בעת איך האָב אויסגערעכנט מיינע זיבן שוואָגערס און די צען־צוועלף פעטערס און מומעס האָב איך זיך ווידער געפּלאָנטערט מיט זייערע פאָטערס נעמען און האָב נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם אומצוטרוי צו מיר. זעענדיק אַז כ׳קאָן אומזיסט און אומנישט אַריינפאַלן האָב איך מוותר געווען אויף נאָך משפּחה־מיטגלידער וועמען איך האָב געקאָנט אויסרעכענען, און אויב איך האָב יאָ וועמען ס׳איז דערמאָנט, האָב איך צוגעטראַכט אַ פאָטערס נאָמען פון דער הפטורה אַרויס...

מיינע אויספאָרשער האָבן זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט די נעמען און איך האָב געמוזט אויפגעבן זייערע אַדרעסן. חוץ דעם האָבן זיי אויך פאַרלאַנגט נעמען פון באַקאַנטע און פריינט און איך האָב אָנגעגעבן נעמען פון עטלעכע פריינט ווינענדיקע אויף דער דייטשער זייט.

— און קרובים אין אויסלאַנד? — האָט דער כאָכאָל אַ פרעג געטאָן.

— פאַראַן — האָב איך שנעל געענטפערט.

— אין וועלכן לאַנד?

— אין בעלגיע און אין אַמעריקע.

און כדי מ׳זאָל מיך נישט צופיל פייניקן האָב איך גלייך געמאָלדן

אַז כ'ווייס נישט זייערע אַדרעסן, ווייל איך האָב צו זיי קיינמאָל נישט געשריבן.

אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז מיט פעסטע טריט אַריין אַ שטייפער מיליטער־מאַן. מיינע אויספאָרשער האָבן זיך אַ הייב־געטאָן פון די שטולן, אָװעקגעשטעלט זיך אויסגעצויגן ווי אין אַ מיליטערישן פּאַראַד.

דער אַריינגעקומענער מיליטער־מאַן האָט נישט אַראָפּגעלאָזן זיינע בליקן פון מיר, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט היפּנאָטיזירן.

ער האָט פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— צו וועלכער פּאַרטיי האָסטו געהערט?

— צו קיין שום פּאַרטיי. געוועזן אַן אומפּאַרטייאישער.

זיינע אויגן־בליקן האָבן זיך איינגעביסן אין מיר און ער האָט זיך אָפּגערופן בייז:

— אומפּאַרטייאיש זענען בלויז אַ פּאָר הויזן. דו ביסט אַ בונדאָוויעץ — האָט ער צו מיר אַ טייטל געגעבן מיט דער האַנט.

— פאַרוואָס עפּעס אַ בונדאָוויעץ? — גיב איך אַ פרעג.

— ווייל ביזט דאָך פון אַ יידיש שטעטל און דערצו אויך אינ־טעליגענט און אַלע אינטעליגענטן האָבן געהערט צום בונד.

איך אָבער האָב זיך געהאַלטן ביי דאָס מייניקע: אַן אומפּאַר־טייאישער בין איך און שוין.

דער מיליטער־מאַן, זעענדיק אַז איך גיב נישט נאָך, האָט אַ זאָג געגעבן:

— טאָ אויב אַזוי ביסטו געוועזן אַ ציוניסט.

איך האָב זיך צעלאַכט אויפן קול און אַ פרעג געטאָן:

— ווי אַזוי קאָן מען אַזוי שנעל איבערגיין פון איין עקסטרעם צום צווייטן?

דער מיליטער־מאַן האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר און גאַנץ פאַר־טרוילעך געפרעגט:

— טאָ אפשר ביסטו גאָר געוועזן אַ קאָמוניסט?

— ניין, נאָר אומפּאַרטייאיש.

אין דעם מאָמענט האָב איך אָנגענומען מוט און געבעטן דער־לויבעניש צו שטעלן אַ פראַגע.

— פרעג — האָט דער מיליטער מאַן אָפּגעענטפערט.

איך גלויב, אַז ס׳איז אייך באַקאַנט אַז איך און נאָך פּליטים ווי איך זענען נישט באַגאַנגען קיין פאַרברעכנס. מען האָט אונדז אַרעסטירט אין פשעמישל און עס האָט געהייסן אַז אָט־אָט וועט מען אונדז אַרויסלאָזן צים סוף זענען מיר אַזש אַהער מגולגל געוואָרן, אָפּגעריסן פון ווייב און קינד. פאַר וועלכער זינד? אין דער זעלבער צייט האָט מען ווי אונדז אַרעסטירט שמוגלער פון סחורות און זיי האָט מען אַרויסגעלאָזן, זיי האָט מען באַפרייט. ווו איז יושר?

— פון וואַנען ווייסטו אַז מ׳האָט זיי באַפרייט?

— ווייל כ׳האָב ביי אייניקע פון זיי געבעטן בשעתן אַרויסלאָזן זיי פון קאַמער אַריינצובאַזאָרגן מיר פאַרשידענע זאַכן, און זיי האָבן מקיים געווען זייער צוזאָג. איז עס אַ סימן?

— מען וועט זיי נאָך איינזעצן — האָט דער מיליטער־מאַן געענטפערט.

— און איך גלויב נישט דערין — האָב איך מיט פאַרביטערונג צוריקגעוואָרפן אַן ענטפער.

דער פרעמדער מאַן האָט זיך אַ קער־אָפּ געטאָן מיטן פנים פון מיר און איז אַרויס מיט כעס פון צימער.

ערשט דאַן זענען מיינע ביידע אויספאָרשער אַרויס אויף מיר מיט אַ „ויצעקו״. אַ גרויסע זינד בין איך באַגאַנגען: ערשטנס, האָב איך זיך נישט אויפגעשטעלט, ווי זיי, בעת דעם אַריינקומען פון אָפיציר, וועלכער איז אגב דער הויפּט־שעף פון דער נ.ק.וו.ד. און צווייטנס, האָב איך מיר דערלויבט צו רעדן עזותדיקע רייד און נישט ווייניק חוצפהדיק.

זייערע אויגן האָבן געברענט פון כעס. די שוואַרצאַפּלען זענען ביי זיי ווילד געלאָפן הין און הער. עס האָט זיי פאַרדראָסן מיין האַלטונג, און מיך, דעם אומבאַהאָלפענעם האָט אויך פאַרדראָסן. איך בין אין כעס געווען הלמאי מ׳האָט מיך אויפגעוועקט נאָך האַלבער נאַכט, הלמאי מ׳האַלט מיך אָפּ אַזוי לאַנג אויף אויספאָרשונג און מ׳טשעפּעט זיך צו מיר ווי שפּינען צו אַ בידנער, שוצלאָזער פליג. איך האָב ליבערשט געוואָלט שווייגן, נישט ריידן מער, נאָר אַזוי

ווי כ׳בין שולדיק געווען מיינע אויספאָרשער אַן ענטפער, האָב איך דעם חוב אָפּגעצאָלט:

— ערשטנס, איז דער וועלכער איז דאָ געווען, בלויז א י י ע ר שעף און נישט מיינער — האָב איך זיך פאַרטיידיקט — און צווייטנס, פון וואַנען זאָל איך וויסן, אַז ער איז אייער שעף? שטייט עס דען ביי אים אָנגעשריבן אַ׳יפן שטערן? און דריטנס, און דאָס האַלט איך איז דער עיקר, צי האָב איך דען ליגן געזאָגט? האָט איר דען מיך נישט געוואָרנט אַז נאָר דעם אמת, דעם גאַנצן אמת דאַרף איך אייך דערציילן? האָב איך טאַקע אַזוי געטאָן: דערציילט דעם אמת, לעבן מיר דאָך עפּעס אין אַ לאַנד פון פולער פרייהייט?!

איך האָב געהאַט דעם געפיל, אַז מיינע ווערטער האָבן זיי גע־רירט. עס האָט מיר אויסגעזען אַז זיי פילן זיך געטראָפן און זיי האָבן אָנגעהויבן רעדן צו מיר אַ ביסל איידעלער, מיט אַ נידריקערן טאָן און שנעל איבערגעריסן די אויספאָרשונג.

ס׳איז קוים אַ וואָך פאַרביי ווי מ׳האָט מיך אין איינער אַ נאַכט, ווייט נאָך חצות, ווידער אויפגעוועקט און אַלץ האָט זיך נאָך אַמאָל איבערגעחזרט: איך האָב געדאַרפט זיך שנעל אָנטאָן, פאַר דער טורמע האָט געוואַרט אַן אויטאָ אין וועלכן כ׳בין אַריין אין באַגליי־טונג פון באַוואָפנטע היטער, געפאָרן איבער אַ ליידיקע שטאָט, אויסגעליידיקטע גאַסן, טונקעלע נאַכט, דורכנעמענדיקע קעלט, און... די זעלבע גרויסע נ.ק.וו.ד.־געביידע, דאָס זעלבע צימערל, די זעלבע צוויי אויספאָרשער...

מיר האָבן זיך באַגעגנט ווי מענטשן, וועלכע קענען זיך שוין פון לאַנג, פון גאָר לאַנג...

דאָס מאָל האָבן די אויספאָרשער מיך אויסגעפרעגט וועגן באַ־קאַנטע, וועלכע געפינען זיך אויף דער סאָוויעטישער זייט. איך האָב אויפגעגעבן עטלעכע נעמען פון פריינט, וועגן וועלכע כ׳האָב געוווסט אַז זיי לעבן אין וולאָדזשימיעזש וואָלינסק: איינער קאַפּלאַן פייוול מיט פרוי און קינד (שפּעטער אומגעקומען אין פאַרטיזאַנער־קאַמף), קאָלטאָן ליפּמאַן מיט פרוי און קינד (אומגעקומען ביים אַריינמאַרש פון די דייטשן) און איינער שוואַרצמאַן — אין ביראָבידזשאַן.

איך בין מיאוס אַריינגעפאַלן. נישט צוליב די ערשטע דערמאַנטע

נעמען, נאָר דווקא צוליבן קאָמוניסט. איך האָב געדאַרפט אָנגעבן גענויע פּרטים פון וואַנען איך קאָן אים, ווי לאַנג זענען מיר פריינט, פון וואַנען איך ווייס אַז ער לעבט אין ביראָבידזשאַן, און צי כ׳שטיי מיט אים אין קאָנטאַקט.

די גאַנצע אויספאָרשונג האָט זיך די נאַכט באַצויגן נאָר צו אים. מען האָט מיך געמאַטערט מער פון צוויי שעה מיט פאַרשידענע פראַגעס וועגן זיין פּערזאָן ביז עס איז זיי ווייזט אויס נמאס געוואָרן דער ענין, אָדער זענען מיד געוואָרן און זיי האָבן איבערגעריסן די אויספאָרשונג.

נאָך עטלעכע טעג האָט זיך ווידער איבערגעחזרט דער זעלבער ספּעקטאַקל: אויפגעוועקט מיך נאָך האַלבער נאַכט, אַוועקגעפירט מיך צו דער נ.ק.וו.ד. און ווידער האָט מען מיך גענומען אונטער אַ קרייץ־פאַרהער.

מען האָט מיך איבערגעפרעגט וועגן די פאַרשידענע פּאַרטייען, וועלכע זענען געווען טעטיק אויף דער יידישער גאַס, און וועגן מיין באַציונג צו זיי.

איך האָב דערקלערט אַז אַלע פּאַרטייען זענען געווען לעגאַל און האָבן געפירט אַ קולטורעלע און פּאָליטישע טעטיקייט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. אין מיטן רעדן האָב איך זיך אַרויס־געכאַפּט אַז כ׳בין איינמאָל געווען אויף אַ רעפעראַט.

נו, האָט מיר מער קיין צרות נישט געפעלט. איך האָב געדאַרפט ענטפערן ווער ס׳איז געווען דער רעפערענט, צו וועלכער פּאַרטיי ער האָט געהערט און א.וו.

— י. לעוו — האָב איך געענטפערט נישט טראַכטנדיק אפילו — פון לינקע „פועלי ציון".

מיינע אויספאָרשער האָבן נישט געקאָנט צי נישט געוואָלט בכוונה „פאַרדייען" מיין אויפקלערונג וועגן דער אידיי פון די לינקע „פועלי ציון". זיי האָבן דווקא געוואָלט שרייבן בלויז „ציוניסטן" און נישט אַז עס רעדט זיך וועגן אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס איז אפילו נאָענט צום קאָמוניזם.

איך האָב אָנגענומען קוראַזש און דערקלערט מיינע אויספאָרשער אַז דער וויכוח מיט מיר וועט גאָרנישט ענדערן די זאַך און אויב

מ׳וועט נישט שרייבן געגוי דאָס וואָס איך זאָג, וועל איך נישט אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל.

האָבן זיי מיך צורו געלאָזן מיט דער לינקער פּועלי ציון און זיך גענומען צום רעפּעראַט גופא. די פראַגעס האָבן זיך געשיט איינע נאָך דער אַנדערער:

— וועגן וואָס האָט ער גערעדט, דער לעוו? וויפל מענטשן זענען אים געקומען הערן? איז דער רעפּעראַט געווען אַן עפנטלעכער? ווען יאָ, צי איז ער געווען פּלאַקאַטירט אין די גאַסן?

פון די און פון נאָך פראַגעס, וואָס מ׳האָט מיר געשטעלט האָט מיר אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. איך האָב זיך געוואָלט אַרויסדרייען און געענטפערט אַז כ׳געדענק נישט גאָרנישט, כ׳ווייס נישט וויפל מענטשן עס האָבן אָנטייל גענומען אויפן רעפּעראַט און כ׳דערמאָן זיך נישט אויף וואָס פאַראַ טעמע ער האָט גערעדט. איך האָב זיי אויך אויפגעקלערט, אַז דער אַרט רעפּעראַטן איז שטענדיק געהאַלטן געוואָרן עפנטלעך, אַז ווער עס האָט געוואָלט האָט געקאָנט קומען הערן, אַז פּלאַקאַטן אין די גאַסן האָבן שטענדיק מודיע געווען וועגן די רעפּעראַטן, און אַז אַלע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס זענען געווען לעגאַל אין פּוילן, חוץ די קאָמוניסטישע.

אָט דער איינציקער רעפּעראַט וועלכן כ׳האָב דערמאָנט האָט מיך אויסגעמאַטערט שיינע עטלעכע שעה, איך האָב געהאַט פון אים צו זינגען און צו זאָגן. ביז מיינע אויספאָרשער האָבן זיך אַרומגעזען, אַז עס הויבט שוין אָן טאָגן, האָבן זיי איבערגעריסן די אויספאָרשונג און באַפוילן מיך צוריק צו פירן אין טורמע.

עטלעכע טעג האָב איך געהאַט מנוחה. מ׳האָט מיך געלאָזן דורכ־שלאָפן די נעכט אויפן געלעגער, נישט געשלעפּט מיך אין דער נ.ק.וו.ד.־געביידע, ביז... אין איינער אַ נאַכט האָט מען זיך ווידער דערמאָנט אָן מיר, מ׳האָט געעפנט די קאַמער אין אַ שפּעטער נאַכט־שעה, מ׳האָט מיך אויפגעוועקט, געהייסן זיך אָנטאָן און מ׳האָט מיך אַוועקגעפירט מיטן אויטאָ צו דעם באַקאַנטן נ.ק.וו.ד.־הויז, וואָס האָט אַרויסגערופן ביי מיר אַ ווידערגעפיל און נישט ווייניק אויפברויז קעגן דער עוולה וואָס מ׳באַגייט לגבי מיר און אנדערע אומשולדיקע אַרעסטירטע.

דאָסמאָל האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַן אַנדער צימערל און צו אַן אַנדערן אויספאָרשער. אין מאָמענט ווען כ'האָב זיך אַוועק־געזעצט פאַרן טיש, האָט דער אויספאָרשער אַרויסגענומען פון שופ־לאָד מיין מיליטער־ביכל און אָנגעהויבן מכלומרשט סתם אַזוי מישן די בלעטלעך. שפעטער האָט ער אויפגעהויבן די אויגן אין דער העלפט און אָפּגעקוקט צו מיר.

— אין וועלכן יאָר האָסטו געדינט אין פוילישן מיליטער? — איז געפאַלן אַ פראַגע.

— אין יאָר 1920.

— הייסט עס, אַז האָסט געקעמפט קעגן אונדז, קעגן דער רויטער אַרמיי?

— נישט געווען אַזוי — ענטפער איך אָפּ. איך האָב געדינט אין אַ סאַניטאַר־אָפּטיילונג, אפילו נישט געהאַט קיין וואָפן. חוץ דעם בין איך דאָך נישט געווען קיין פרייוויליקער און געמוזט גיין אין מיליטער לויטן געזעץ.

מען איז איבערגעגאַנגען אויף אַ צווייטער טעמע וועגן דער איצטיקער מלחמה. איך האָב אויפגעקלערט דעם אויספאָרשער, אַז דער אויסברוך פון קריג צווישן דייטשלאַנד און פוילן האָט געטראָפן דער לעצטער אין אַ גרויסע אומאָרדענונג. אַ גרויסע צאָל מענטשן האָבן נישט דערהאַלטן די מאָביליזאַציע־רופונגען, וואָס זענען צו זיי אַרויסגעשיקט געוואָרן, ווייל די דייטשן האָבן גלייך אָפּגעשניטן גאַנצע שטחים און זיי באַזעצט. די מאָביליזירטע האָבן אויך נישט געהאַט צו וועמען זיך צו מעלדן ווייל אַלץ איז זיך שנעל צעפאַלן.

מיין אויספאָרשער האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט מיר אין אַ וויכוח, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עכטער פּאַטריאָטיזם פאַרלאַנגט פון דער באַפעלקערונג אין פאַל פון קריג אַליין זיך צו אָרגאַניזירן אין קאַמף מיטן שונא.

איך האָב דערויף געענטפערט:

— איר שטעלט זיך נישט פאָר ווי ווייט דורכגעפרעסן ס'איז געווען דאָס לאַנד מיט דייטשע שפּיאָנען און דיווערסאַנטן. זיי זענען געווען פאַרטרעטן אומעטום, זענען טעטיק געווען אויף אַלע געביטן פון לעבן, דערהויפּט אונטערן דעק־מאַנטל פון אַנטיסעמיטיזם און

שנאה צו יידן. דאָס איז געווען די הויפּט סיבה פאַרוואָס דער גאַנצער פּוילישער ווידערשטאַנד איז אַזוי שנעל צעפאַלן.

איך האָב געענדיקט מיינע „מיליטערישע" אָפּשאַצונגען און מען האָט מיך צוריק אָפּגעשטעלט אין תּפיסה אַריין.

נאָך עטלעכע טעג האָט מען מיך ווידער אויפגעוועקט שפּעט ביינאַכט און אָוועקגעפירט צו דער נ.ק.וו.ד.

ווען מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אויספאָרשונגס־צימער, האָב איך דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. אויפן שרייב־טיש זענען געלעגן גאַנצע שטויסן פּאַפּיר, אויף דער וואַנט קעגן איבער מיר האָט גע־האַנגען דאָס בילד פון פעליקס דזשערזשינסקי.

זיצנדיק אַזוי אַליין האָב איך אָנגעהויבן סך־הכּלן מיינע טעג. ווי דורך שפּאַרונעס זע איך יעדן פרימאָרגן ווי טאָג גייט אויף, צע־העלט זיך, פאַרלייכט אַ ווערלט — דאָס אַלץ, אין שליחות פון דער נאַכט. שפּעטער פאַרשלינגט זי אים, לעשט די ליכט זי־ן־נע, און דאַן, הייבט זיך אָן די גיהנום־יסורים פון די אַרעסטאַנטן אין דער טשערני־כאָווער תּפיסה, דאַן ווער איך, און פיל אַנדערע, קאַנדידאַטן אַראָפּ־געטריבן צו ווערן פון בעט, אָפּגעשיקט צו ווערן אין דער נ.ק.וו.ד.־געביידע, איבערגעגעבן צו ווערן אין איינעם פון די צימערלעך אַריין, צו די אויספאָרשער אין די הענט. ווי די נאַכט וואָלט נאָר אויף דעם באַשאַפן געוואָרן, ווי עס וואָלט קיין אַנדער פּראָגראַם פאַר איר נישט געווען — פאַר איר, דער גרויזאַמער נאַכט אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד...

די טיר האָט זיך פּלוצלונג געעפנט און ס'איז אַריינגעקומען דער אויספאָרשער. אין דעם מאָמענט האָב איך גראָד געקוקט אויפן בילד וואָס אויף דער וואַנט.

— ווער איז דער אויף וועלכן דו קוקסט ? האָט דער אויספאָרשער געפרעגט.

— פעליקס דזשערזשינסקי, דער הויפּט פון „טשעקאַ" — האָב איך געענטפערט.

— און וועמען נאָך קענסטו ?

— סטאַלינען, ליטווינאָוון (וועלכער איז דעמאָלט געווען „אַ־ראָפּגעזעצט"), מאָלאָטאָוון, און אַנדערע.

מיין אויספאָרשער האָט זיך געחידושט פון מיין גרויסער „בקיאות" און איך האָב אים גלייך באַרויקט אַז נישט פערזענלעך קען איך זיי, נאָר פון לייענען זיי, אָדער פון הערן וועגן זיי ווי די, וועלכע פירן אָן מיטן סאָוויעטישן מלוכה־לעבן.

דער אויספאָרשער האָט מיר נאָך געשטעלט עטלעכע נישט וויכטיקע פראַגעס און מיך אָפּגעשיקט צוריק אין תפיסה.

נאָך צוויי מאָל האָט מען מיך געוועקט פון שלאָף און אַוועק־געפירט צו דער נ.ק.וו.ד. און מיט דעם האָט זיך געענדיקט די סעריע אויספאָרשונגען. דאָס כסדרדיקע שלעפן זיך ביינאַכט, דאָס נישט שלאָפן און דאָס אנשטרענגען זיך ביים זוכן ענטפערס אויף די פראַ־געס פון די אויספאָרשער האָט מיך אויסגעמאַטערט און אויסגעשעפּט מיינע כוחות. די לעצטע אויספאָרשונג האָט מיך גאָר ארויסגעפירט פון די כלים און איך האָב אָנגעהויבן היסטעריש צו שרייען, צו קלאַפּן אין טיש און פרעגן הלמאי מען האַלט מיך אָן אומשולדיקן אין טורמע, פאַרוואָס מען פייניקט מיך אַזוי מיט די אויספאָרשונגען, אין דער צייט וועז זיי ווייסן גוט אַז כ'בין אַריבער די גרענעץ נאָר כדי צו ראַטעווען דעם לעבן און נישט מער.

בעת דעם היסטערישן אָנפאַל זענען מיינע אויספאָרשער זיך געזעסן רויק, געוואַרט אַז כ'זאָל זיך איינשטילן און דערנאָך האָבן זיי זיך פאַרענטפערט, אַז אייגנטלעך פאָרשן זיי דאָך נישט מער ווי נאָר פערסאָנאַלע פּרטים וואָרעם מ'קאָן דאָך נישט סתם אַריינ־לאָזן אין סאָוויעטן־לאַנד יעדן איינעם, וועלכער טרעט איבער די גרענעץ. און אפשר בין איך גאָר אַ באַנדיט, אָדער ווער ווייס וואָס אַנדערש? זיי ווילן טאַקע נישט מער ווי פעסטשטעלן וואָס פאַראַ מענטש איך בין און דאַן וועט מען מיך גלייך באַפרייען, מ'וועט מיך נישט האַלטן סתם אין דער וועלט אַריין. אַזעלכע אומרעכטן ווערן נישט באַגאַנגען אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס קאָן נאָר געשען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווו עס הערשט טעראָר און אונטער־דריקונג.

מיט אייזערנע צוואַנגען האָב איך זיך אָפּגעהאַלטן פון אויפ־ווייזן דעם גרויסן שקר פון זייערע רייד און אַראָפּגעשלונגען זייער אויפקלערונג, כאָטש איך האָב זיי יאָ געהאַט וואָס צו זאָגן וועגן די

אומרעכטן וואָס ווערן באַגאַנגען אין ראַטנפאַרבאַנד לגבי מענטשן, וועלכע האָבן נאָך קיין פרייען טראָט נישט געטאָן אויף דער סאָוויעטישער ערד און זענען געשליידערט געוואָרן אין טורמעס אַריין...

דאָ דאַרף איך, וואָס אָן אמת, זאָגן אַז די אויספאָרשונגען קעגן מיר זענען אַדורך פאַרהעלטנישמעסיק רויק, אָן פיזישן צי גייסטיקן דרוק אויף מיר, אָבער דאָס איז בלויז געווען מיין פערזענלעך גליק. ביי אַנדערע האָט מען גלייך דערקענט אויפן פנים ווי אַזוי עס איז זיי דערגאַנגען בעת די אויספאָרשונגען. אַסך פון זיי האָבן דערציילט אַז די אויספאָרשער האָבן זיי געפרעגט וועגן די אינסטרוקציעס וואָס זיי האָבן באַקומען פון די היטלעראָווצעס פאַרן איבערגיין די גרענעץ. דערביי האָט מען זיי באַשאָנקען מיט עפּיטעטן ווי „היטלערישער שפּיאָן", „שליח פון געסטאַפּאָ" א.א.וו. צוריקקומענדיק פון אַזעלכע אַרט אויספאָרשונגען האָבן די אַרעסטירטע, אָממייסטנס יידן, אַרומגעדרייט זיך אין קאָמער ווי צעבראָכענע שאַרבנס. בעת די אויספאָרשונגען האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף דעם דיל און געשריגן, געליאַרמעט, געפרעגט זיך ווי אַזוי מ'האָט פאַרשטאָכענע אויגן צו באַשולדיקן יידן אין שפּיאָנאַזש פאַר די דייטשן, אין דעם, אַז זיי קומען מיט אינסטרוקציעס פון די היטלעראָווצעס.

איך האָב געפּרוווט טרייסטן און באַרויקן די צעבראָכענע מענטשן אין קאָמער, געגעבן זיי צו פאַרשטיין אַז אונדזער חוב איז צו האַלטן זיך, צו זיין שטאַנדהאַפטיק, כדי צו קאָנען איבערלעבן דאָס, וואָס שטייט אונדז נאָך פאָר, אָבער די באַליידיקונג איז געווען צו גרויס, צו ווונדיק אויף צו קאָנען פאַרטראָגן די אומזיניקע באַשולדיקונגען פון די אויספאָרשער און ס'איז גאָר נישט קיין וווּנדער ווען זיי האָבן נישט אויפגענומען קיין שום טרייסט־ווערטער.

*

אַמערגסטן פון אַלע האָט אָפּגעשניטן דער לינקער פעפּעסאָוויטש. דער אַזוי נאָענטער צום קאָמוניזם. אים האָבן די אויספאָרשער גע־פייניקט עד חרמה.

„דיין אָרט איז געווען צו זיצן אין פּוילן — האָבן זיי געטענהט,

געדאַרפט קעמפן אויפן פלאַץ און נישט קומען זוכן שוץ אונטערן פאַרטוך".

פון זיין רעוואָלוציאָנערישקייט האָבן זיי געמאַכט אַש און בלאָטע, זי אויסגעלאַכט, און אָפּגעהוזקט פון איר. און ווען ער האָט דער־קלערט, אַז ער איז גרייט צוריקצופאָרן נאָך פוילן ווו ער וועט אָרגאַ־ניזירן אַן אונטערערדישע באַוועגונג אין קאַמף מיט די דייטשן און צוליב דעם וויל ער מ׳זאָל אים געבן אינסטרוקציעס, האָבן זיי אים באַשולדיקט אין דעם, אַז ער איז אַ היטלערישער שפּיאָן, און האָט בייזע כוונות כלפּי דעם ראַטנפאַרבאַנד.

דער מענטש האָט זיך בעת די אויספאָרשונגען עטלעכע מאָל צוזאַמענגעבראָכן, געוויינט ווי אַ קליין קינד, פאַרלוירן אין גאַנצן די גלייכגעוויכט, און איז אויך צוריקקומענדיק אין קאַמער אַרומ־געגאַנגען צעדולט, מיט שרעקלעכער קאַפּווייטאָגן און געוואָרן שפּע־טער גלייכגילטיק צו אַלץ. עלעהיי דער גאַנצער „איך" זיינער וואָלט פאַנאַנדערגעפאַלן, וואָלט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

מחשבותן. אין וואָכע מינוטן, ליגנדיק שלאָפלאָז אויפן האַרטן געלעגער, האָבן טראַכטענישן אָפטמאָל מיך צוריקגעפירט צו די אויס־פאָרשונגען אין דער נ.ק.וו.ד.־צענטראַלע. אַ פאַרמעגן מיט פאַפיר — האָב איך אין זינען געהאַט — ווערט דאָרט פאַרנוצט אויף נאַריש־קייטן, אויף פאַרשידענע דעטיילן, אויף פראַגעס און ענטפערס וואָס האָבן נישט די מינדסטע באַדייטונג, מיט מיינע אויגן האָב איך געזען דעם באַרג פאַפיר וואָס איז געוואָרן אָנגעשריבן וועגן מיר. דער אַקט מיינער איז געוואַקסן און איך האָב אַ מאָל אַ טראַכט געטון, אַז אויב איך, אַזאַ קליין מענטשעלע, פאַרנעם אַזוי פיל פאַפיר, פאַר־ברויך אַזויפיל אויספאָרשער, טאָ וויפל פאַפיר אויף אַקטן דאַרף מען פאַר דער גאַנצער טשערניכאָווער תפיסה, פאַר אַלע תפיסות אין ראַטנפאַרבאַנד? וויפל אויספאָרשער דאַרף אַזאַ לאַנד צו האָבן אויף צו קאָנען מאַטערן אַזוי פיל אומשולדיק געשליידערטע מענטשן אין טורמעס?

אַן אַנדערש מאָל האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט: קינדישע טראַכטונגען. האָט נישט קיין אַנדערע דאגות ווי נאָר וועגן פאַפיר... די ריזן געביידע פון דער טשערניכאָווער נ.ק.וו.ד. האָט עטלעכע

הונדערט צימערלעך, וואָס דאָס באַדייט: עטלעכע טויזנט „דיעלע"־שרייבערס, שונאים־זוכערס, פייניקער, א.א.וו. ווי גרויס איז דער פאַרנעם פון דער אומגערעכטיקייט אין יענעם הויז און אין ענלעכע אין רוסלאַנד הייזער?! ווי גרויס איז דער גרויל אינעווייניק, אין די שפעטע נאַכט־שעהן, ווען די פענצטער פון די הייזער זענען פאַר־טונקלט, מ׳זאָל נישט זען, מ׳זאָל נישט וויסן, מ׳זאָל נישט הערן...

די אַלע טראַכטענישן האָבן מיך געבראַכט צו דער אויספירונג, אַז כ׳מוז אויפגעבן יעדער האָפענונג וועגן אַן ענדערונג, סיידן — נאָר אַ נס... נאָר אַז עפעס אויסטערלישעס וועט געשען...

אָבער דער נס איז נישט געשען. די שליטה איבער אונדז האָט געהאַט די ג. ק. וו.ד. אונדזערע נעכט האָבן צו זיי געהערט. זיי האָבן געשריבן אונדזערע אַקטן, געגעבן אונדז פאַראַגראַפן און דאָס פאַפיר האָט אַלץ אויפגענומען, געוואָן געדולדיק, האָט אונדז באַשולדיקט אין ווער ווייסט וואָס...

ביטעס און קארעספאנדענץ

זייענדיק סטאַראָסטע אין אונדזער קאַמער, האָב איך געהאַט אויסצופירן פאַרשידענע שליחותן. אין נאָמען פון די אַרעסטאַנטן האָב איך זיך געוואָנדן צום תפיסה־דירעקטאָר וועגן צוטיילן אונדז טינט און פעדער און פאַפּיר צו שרייבן בריוו און ביטעס. דער דירעקטאָר האָט באַוויליקט נאָכצוקומען אונדזער בקשה און געגעבן די דער־לויבעניש אויף עטלעכע שעה בלויז אין דער וואָך.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרייבן צו משפחה און פריינט — על פי רוב דורך יידן. די פּאָליאַקן האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער דערלויבעניש, נישט געוואָלט שרייבן אין פויליש, און רוסיש האָבן זיי נישט געקענט. אַ טייל פון אונדז האָט סתם נישט געוואָלט שרייבן צו משפחה און פריינט, צוליב מורא אַז עס זאָל זיי נישט שאַדענען.

אויך איך האָב געטונקען די פעדער אין טינט. איך האָב געשיקט עטלעכע בריוו צו דער פרוי, וועלכע האָט זיך געדאַרפט געפונען, לויט דעם ווי מיר האָבן זיך געהאַט אָפּגערעדט, אין פּינסק.

חוץ דעם האָב איך נאָך אַוועקגעשיקט בריוו צו קאַלינינען — דעם פאָרזיצער פון „וויערכאָווני סאָיוז״, און צו סטאַלינען אַליין. איך האָב די בריוו געשריבן אין יידיש, ווייל מ׳האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר קאָנען שרייבן אין וועלכער שפּראַך מיר ווילן נאָר.

איך האָב אין די בריוו צו די „גדולים״ דערציילט אַז איך זיץ שוין אַרעסטירט מער פון אַ האַלב יאָר אָן וועלכער ס׳איז שולד, אַז

כ׳בין אַ פּליט, אַן אַנטלאָפענער פון די נאַציס, פון די דייטשע מערדער, און האָב איין באַגער — צו אַרבעטן און לעבן אויף דער פריי. צום סוף האָב איך אין די בריוו געבעטן מ׳זאָל מיך באַפרייען ווי אַ לאָיאַלן מענטש, וועלכער וועט וויסן ווי אַזוי צו דערפילן זיינע בירגערלעכע פליכטן. אויסער דעם האָב איך אויך אונטערגעשטראָכן אַז מיין פרוי געפינט זיך אין אַנדערע אומשטענדן און ס׳איז איר באַשטימט שווער אין איר אַליינקייט, צווישן פרעמדע מענטשן און אַן מיטלען צום לעבן. אַזוי האָב איך אויך געבעטן, אַז אויב עס איז נישט מעגלעך מיך אינגאַנצן צו באַפרייען, טאָ זאָל מען מיך אַרויס־לאָזן אונטער דער אויפזיכט פון דער מיליץ, אַבי נישט צו שמאַכטן אין טורמע וואָס כ׳האַלט פאַר אַן אומרעכט.

נאָכן אַוועקשיקן די בריוו האָב איך יעדן טאָג געוואַרט אויף ענטפער. איך האָב געלעבט אין שפּאַנונג, געוועבט חלומות. האַלבע נעכט בין איך אָפּגעלעגן וואַך, שלאָפלאָז. יעדער ריר אין קאַמער־טיר האָט מיך געמאַכט אויפציטערן. איך האָב געזען אין פאַנטאַזיע ווי מען רופט מיך אין תפיסה־קאַנצעלאַריע, מען לייענט מיר פאָר קאַלינינס ענטפער אין וועלכן ער דריקט אויס זיין מיטלייד מיט מיר און זאָגט צו גלייך אַנטקעגנצוקומען מיין בקשה.

איך האָב ליב געקריגן צו ליגן וואַך און האַלטן פאַרמאַכט די אויגן. איך האָב געחלומט וועגן יענע גליקלעכע מינוטן ווען מען וועט מיר הייסן צונויפנעמען די בגדים און אַרויסגיין אויף דער פריי.

אוודאי וועט עס געשען. דער פירער פון אַלע פעלקער, דער גרויסער סטאַלין וועט אַליין לייענען מיין בריוו, וועט שטאַרק געריַרט ווערן פון מיין טראַגישן צופאַל און וועט גלייך באַפעלן מיך צו באַפרייען. ווי דען אַנדערש ? עס דאַרף נישט הערשן קיין אומרעכט אין זיין לאַנד. עס טאָרן נישט געשען קיין עוולות דעם סאָוויעטישן בירגער, בפרט די ניי־אָנגעקומענע וועלכע זענען נאָך נישט באַקאַנט מיט די געזעצן פון לאַנד. מ׳באַדאַרף אים דעריבער גלייך באַפרייען, ממש גלייך.

„אָט וואָס עס הייסט גערעכטיקייט” — האָב איך אַזוי שווימענדיק אין זיסן חלום פעסטגעשטעלט. דער תפיסה־נאַטשאַלניק באַקומט אַ

פאַראָרדענונג מיך צו באַפרייען און נישט בלויז וואָס ער פילט אויס דעם באַפעל נאָר ער בעט נאָך ביי מיר אַנטשולדיקונג. „אַ מיס־פאַרשטענדניש — זאָגט ער — האָט פּאַסירט, אַזעלכע זאַכן געשען נישט אין פרייען, גליקבערענגענדיקן סאָציאַליסטישן רוסלאַנד, ניין״, והראיה...

צומאָרגנס שטיי איך שטענדיק אויף אַן אַנטוישטער. דער טונ־קעלער סופּיט פינצטערט אַראָפּ צו מיר, צו מיין טרויעריק געמיט. ווי נאָר איך עפן אויף די אויגן זע איך אַ פעטע שפין אין איר אַראָפּ־און אַרויף־מאַרש לענג־אויס איר אייגן געוועב. כ׳הער זיך איין אין קרעכצן פון אַנדערע מיט־שותפים צו לייד און פיין און כ׳פאַרטרייב די חלומות וואָס פאַרפירן, וואָס זענען אַזוי נישט וואַרשיינלעך.

אין איינעם אַ טאָג האָט מען מיך גערופן אין קאַנצעלאַריע. איך בין געווען צעטומלט פון איבערראַשונג, געפילט אַן אָפּהענטיקייט. מחשבותן האָבן זיך געקייטלט, געהעקלט זיך און צעפאַלן. איך האָב זיך קוים דערשלעפּט צו דער ביוראָ, בין מיט אונטערגעבראָכענע טריט אַריין אינעווייניק און געוואַרט אויף דער קורצער מיטטיילונג פון נאַטשאַלניק: „ביסט פריי!״

נאָר שטאָט דעם האָט מען מיר דערלאַנגט אַ צעקנייטשט פּאַפּירל און מיך געפרעגט צי כ׳קען לייענען יידיש.

איך האָב אַ בליק געטון אויפן בריוול און ס׳איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. כ׳האָב דערקענט מיין בריוול, וואָס כ׳האָב אַוועקגעשיקט מיט אַ חודש צוריק צו מיין פרוי.

— וואָס ביסטו אַזוי געריררט? האָט דער נאַטשאַלניק געפרעגט אַ פאַרוווּנדערטער.

— דעם בריוו האָב איך מיט אַ חודש צוריק געשיקט צו מיין פרוי, דאָ אין קאַנצעלאַריע עס אויפגעגעבן, פאַרוואָס איז עס נישט אָפּגעשיקט געוואָרן? פאַרוואָס?

דער נאַטשאַלניק האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די תּפיסה־מאַכט מוז פריער איבערלייענען אַלע בריוו איידער זי שיקט זיי אַוועק און אַזוי ווי קיינער פאַרשטייט נישט דאָ קיין יידיש איז מיין בריוו געלעגן אַזוי לאַנג, אָבער איצט וועט עס שנעל אָפּגעשיקט ווערן.

ווען מ׳האָט מיך אַ צווייט מאָל גערופן אין קאַנצעלאַריע איבערלייענען בריוו געשריבן אין יידיש, האָב איך געזען אַז די שופלאָד איז פול מיט פאַרשריבן פאַפיר און פאַרשטאַנען אַז דאָ איז זייער בית־הקברות, צי גאָר זייער עולם־האמת און זייט דאַן נישט דערוואַרט מער קיין ענטפער אויף מיינע בריוו צו די פירער פון ראַטנפאַרבאַנד. איך האָב נישט געגלויבט מער, אַז מ׳האָט זיי אַוועקגעשיקט...

ביכער

אין נאָמען פון מיינע קאַמער־חברים האָב איך זיך געוואָנדן צום נאַטשאַלניק וועגן פאַרזאָרגן אונדז מיט ביכער.

נאָך דער דאָזיקער אינטערוועניץ האָט זיך אין עטלעכע טעג אַרום באַוויזן די טורמע־ביבליאָטעקארין, מיטברענגענדיק מיט זיך עטלעכע ביכער. זי האָט זיך באַוואָרנט אַז אונדז אַליין איז נישט דערלויבט צו קומען אין דער ביבליאָטעק אַריין, דערפאַר אָבער וועט זי יעדער וואָך אַליין זיך מטריח זיין און קומען טוישן עטלעכע ביכער. באַקענענדיק זיך מיט איר אַביסל נענטער, האָב איך זי געבעטן צו פאַרשאַפן אונדז פוילישע און יידישע ביכער. קיין פויליש בוך האָט זי אונדז קיינמאָל נישט פאַרזאָרגט, דאַקעגן האָבן מיר בלויז איין מאָל באַקומען אַ בוך פון שלום־עליכם.

ס׳רוב ביכער זענען געווען פּאָליטישע, וואָס האָבן באַהאַנדלט פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. אַזוי ווי אין קאַמער האָט קיינער נישט געקענט קיין רוסיש, האָב איך פאַרגעלייענט די באַקומענע ביכער. אין איינעם אַזאַ בוך האָט זיך גערעדט וועגן דער גרויסער הצלחה פון די אויסגערופענע „פּיאַטילעטקעס״. אַזוי איז געשילדערט געוואָרן דער גוואַלדיקער טעמפּאָ און די אומגעהויערע דערגרייכונגען פון דער סאָציאַליסטישערווירטשאַפט פון ראַטנפאַרבאַנד.

דער רעכטער פעפעסאָוויעץ האָט זיך גלייך אַרויסגעזאָגט אויף אַ דראַסטישן אופן וועגן בוך: „איין גרויסער בלאָף — האָט ער זיך געהיצט — איך גלייב נישט אין קיין איינציק וואָרט. קיין שום גליקן

זענען נישטאָ אין דעם לאַנד, און אוודאי נישט אַזוי ווי זיי זענען געשילדערט אין בוך".

חוץ אים האָט זיך קיינער נישט געוואָלט אַרויסזאָגן וועגן בוך און דאָס צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים... מ'האָט פשוט מורא געהאַט.

ווען מ'האָט מיר אַריינגעבראַכט שלום עליכמ'ס בוך „איבערן טייך סמבטיון" האָב איך זיך שטאַרק דערפרייט. דער סיפור־המעשה האָט אינטריגירט: אַ רייזע צו די רויטע יידעלעך. אַ וועג פול מיט שטרויכלונגען, פול מיט דורכפאַלן און שוועריקייטן און אַז ער דער־שלאָגט זיך שוין אַהין, קומט אָן מיט מזל אויף יענער זייט סמבטיון, נעמען די רויטע יידעלעך און אַרעסטירן אים, זעצן אים איין אין טורמע, טון אים אָן עינויים קשים און לסוף לאָזן זיי אים אַרויס בתנאי ער זאָל גאָרנישט דערציילן וואָס ס'האָט פאַסירט מיט אים.

איך האָב דערזען אין דער דערציילונג אַן אַנאַלאָגיע צו אונדזער מצב, צו אונדזער קומען צו די רויטע זעלנערלעך, צו די אַרעסטן און פאַרשפאַרן אונדז אין תפיסה, און געוואָלט שוין האַלטן ביי דער ענדע, ביי דעם אַרויסלאָזן בתנאי אַז מיר זאָלן גאָרנישט דערציילן...

לויט דעם ווי כ'האָב דעמאָלט שוין געטראַכט וואָלטן מיר סיי ווי נישט אויסגעהאַלטן און עפּעס דערציילט, מיר וואָלטן זיך מתיר נדר געווען און געבראָכן דעם תנאי...

דער הונגערסטרייק

דאָס עסן איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג און מיר האָבן אָנגעהויבן צוהונגערן. מיר האָבן דערמאָנט צו גוטן די ערשטע טעג פון אונדזער אָנקומען קיין טשערניכאָוו. די זופּ איז דעמאָלט געווען געדיכט און געשמאַק. און אויב האָט ווער געוואָלט נאָך אַ שיסעלע זופּ, איז נישט שווער געווען דאָס צו באַקומען. אָבער ביס־לעכווייז איז די זופּ געוואָרן שיטערער און ערגער, וואַסעריקער. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן אויפרעגן און חושד געווען, אַז מען צילט דערמיט אָפּצוגעוויינען אונדז פון עסן, ביז מיר וועלן אויס־ציען די פיס.

מיט יעדן טאָג איז געוואַקסן די אומצופרידנקייט און מ'האָט זיך גענומען בונטעווען. איך האָב מורא געהאַט פאַרן אויסגאַנג פון דער זאַך, געוואָרנט אַז אויב מ'וויל עפּעס דערגרייכן מוז יעדער איינער וויסן מיט וואָס אַזאַ אַקציע שמעקט און יעדער דאַרף זיך פילן גלייך מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס קאָן און וועט פּאַסירן.

אַז די זאַך איז אַלעמען אויפגעקלערט געוואָרן האָבן מיר אין איינעם אַ טאָג באַשלאָסן נישט צו נעמען דעם מיטאָג, וואָס מ'וועט אַריינברענגען.

שטענדיק, מיטאָג־צייט, עפנט דער שליסער די טיר, מיר שטעלן זיך אויס אין אַ ריי און יעדער באַקומט פון קוכער אַ שיסעלע זופּ. דאָס מאָל, אַז דער שליסער האָט געעפנט די קאַמער־טיר, האָט

ער קיינעמען נישט געטראָפן. מיר זענען אַלע געזעסן אויף אונדזערע ערטער.

דער קוכער וועלכער האָט זיך נישט אָריענטירט וואָס דאָ קומט פאָר, האָט אַ רוף געטון: „פּאָדכאָדיטיע" (גייט צו), אָבער קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

„טשאָ עטאָ?" (וואָס איז דאָס?) — האָט דער קוכער זיך צע־ברומט און געקוקט אויף אונדז מיט פאַרוווּנדערונג.

„זאַבאַסטאָווקאַ־לי?" (אפשר אַ סטרייק?) — האָט ער געפרעגט האַלב אין געלעכטער.

מיר האָבן נישט געענטפערט, אפילו נישט געקוקט צו אים.

„אווידים" (מיר'ן זען) — איז צו אונדז דערגאַנגען זיין האַרט קול בעת ער איז אַרויסגעלאָפן פון קאַמער און געלאָזט שטיין דעם קעסל עסן.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און ער איז צוריקגעקומען מיטן הויפּטקוכער.

„רעביאַטאַ" (קינדערלעך) — האָט זיך צו אונדז דער לעצטער געוואָנדן — „באַדענקט זיך גוט וואָס איר טוט. נעמט די זופּ, אַז נישט וועט זיין שלעכט מיט אייך".

מיר האָבן נישט געענטפערט.ביידע קוכערס זענען אַרויסגעלאָפן פון קאַמער צעטראָגן, צערייצט.

נאָך עטלעכע מינוט איז אַריינגעקומען די דאָקטערשע פון דער תפיסה. אַ טיפּישע יידענע מיט אַ גרויסן קאָפּ שוואַרצע האָר ווי זי וואָלט געטראָגן אַ שייטל. פון איר פּנים האָט אַראָפּגעשטאַרט אַ לאַנג־שפּיציקע נאָז און די פּלייצע — אַביסל איינגעבויגן. אירע אויגן־בליקן זענען געווען בייז און שטעכיק. זי איז ארומגעלאָפן ווי אַ וויכער אין קאַמער, צו צום קעסל, פאַרזוכט אַ לעפל זופּ און גענומען שרייען, ליאַרמען, געוואַלדעווען, אַזש אַ ווייסער שוים האָט אָנגעהויבן שפּריצן פון אירע מויל־ווינקלען:

„אַזאַ גוטע זופּ ווילט איר נישט עסן? אין אַ פּענסיאָן זייט איר, צי וואָס? דאַרמאָיאַדניקעס זייט איר! דאָס איז אייער דאַנקבאַרקייט?"

זי האָט געשיפּעט ווי אַ שלאַנג, די האָר זענען זיך ביי איר צעפלויגן אין אַלע זייטן, האָבן זיך געשטייפּט ווי נאָדלען, נאָר זיך

איינצושטעכן אין אונדז. זי האָט באַקומען דעם אויסזען פון אַ מכשפה.

מיט אירע קורצע דיקע פיס איז זי אַרומגעלאָפן איבערן קאַמער און צו איר באַדויערן נישט געקאָנט אָנטרעפן אויף קיינעמס בליקן. מיר האָבן אַלע געהאַלטן די קעפּ אַרונטערגעלאָזן, נישט געוואָלט זי זען. דערפילנדיק אונדזער באַציונג צו איר, איז זי מיט כעס אַרויס פון קאַמער און האַסטיק צוגעקלאַפּט הינטער זיך די טיר.

נאָך איר איז אַריינגעקומען דער פּאָליטרוק. זיינע טריטעלעך זענען געווען לייכטע, קוים וואָס זיי האָבן אָנגערירט דעם דיל. ער האָט געזען אַרום זיך דעם שטילשווייגנדיקן עולם און מכלומרשט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון.

ער האָט אָנגעהויבן רעדן ווי צו זיך אַליין, אָדער צו די פיר ווענט פון קאַמער. ער האָט דערציילט ווי אַזוי דער ראַטנפאַרבאַנד האָט איינגענומען אוקראַינע. ס'איז געווען אַ שווערער קאַמף. אָבער צענד־ליקער טויזנטער מענטשן זענען דערשאָסן געוואָרן. מאַסן דערפער זענען פאַרניכטעט געוואָרן. אומברחמנותדיק איז געווען די סאָוויע־טישע מערכה ביז זי איז בייגעקומען די פיינט, זיי באַזיגט. אַזוי שטאַרק איז דער ראַטנפאַרבאַנד וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום קרבנות אויפן וועג צו דערגרייכן די געשטעלטע פאַר זיך צילן.

„אויך מיט אייך וועט זיך אונדזער מאַכט אַן עצה געבן — האָט דער פּאָליטרוק פלוצלונג זיך צעקאָכט — פאַרשטייט זיך אַז עס וועט צוגיין אַביסל שנעלער און אַביסל לייכטער ווי אין אוקראַינע...״

זיין דרשה האָט געמאַכט אויף אונדז אַ פיינלעכן איינדרוק, אָבער דאָך האָט דער עולם זיך נישט איינגעבראָכן. קיינער איז נישט צו צום קעסל נעמען די פאַרציע זופּ. אַלע האָבן געצאָרנט, געברענט מיט כעס און... געלאָזן דעם פּאָליטרוק אַרויסגיין פון קאַמער.

ווי נאָר ער איז אַרויס, האָט זיך באַלד געיאָוועט דער וויצע־נאַטשאַלניק פון דער תפיסה. ער האָט אונדז געוואָרנט און געלאָזט וויסן, אַז מיר געפינען זיך נאָך אין דער אויספאָרשונגס־פּאַזע, און דער הונגער־בונט קאָן זיך שלעכט אָפּרופן אויף אונדזערע „דיעלעס״, און דעריבער ראָט ער אונדז נישט נאַריש צו מאַכן זיך און נעמען די זופּ.

קיינער האָט נישט געענטפערט. אין קאַמער איז געווען שטיל ווי אין אַ קבר.

אויך דער וויצע־נאַטשאַלניק איז אַרויס מיט גאַרנישט. ער האָט פאַרן אַוועקגיין פאַרביסן די ליפּן, קוים איינגעהאַלטן דעם גרימ־צאָרן און צוגעהאַקט די טיר הינטער זיך.

די שפּאַנונג האָט כסדר געיערט. די שטימונג איז געווען אַ גע־דריקטע. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון און גוט געוווסט, אַז מיר זענען אין די הענט פון דער תפיסה־מאַכט, אַז מיר זענען צו שוואַך אין קאַמף, אַז זי וועט זיך אודאי נוקם זיין אין אונדז, און דאָך — דאָך האָבן מיר זיך געהאַלטן און אַליין באַוווּנדערט דעם אייגענעם מוט אין אַזעלכע שווערע פאַר אונדז מינוטן.

עס זענען בלויז פאַריבער מינוטן און אין קאַמער האָט זיך באַ־וויזן דער תפיסה־נאַטשאַלניק.

— וואָס האָט פּאַסירט? — איז זיין ערשטע פראַגע געווען צו אונדז. פאַרוואָס ווילט איר נישט עסן?

ווי דער סטאַראָסטע פון קאַמער בין איך צו צום נאַטשאַלניק און אים אויפגעקלערט, אַז מיר זענען גאַרנישט אויסן, מיר זענען אַלע פּליטים וועלכע שמאַכטן אומשולדיק אין תפיסה און פאַרשטייען נישט פאַרוואָס מיר דאַרפן הונגערן.

איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט, דערפילט זיך אַביסל דרייסטער און אַ זאָג געטון צו אים:

— אדרבא, נאַטשאַלניק, זע ווי וואַסעריק ס׳איז די זופּ, זע אַליין! פאַרזוך!

דער נאַטשאַלניק איז צו צום קעסל, אַ מיש געטון מיטן גרויסן לעפל, געהייסן רופן די קוכער, וועלכע זענען אגב געשטאַנען הינטער דער טיר, און געוואָלט הערן די שטראָפן וואָס דער נאַטשאַלניק וועט אויף אונדז אַרויפלייגן.

— נעמט צו די זופּ — האָט ער באַפוילן די אַריינגעקומענע קוכערס. און צו אונדז ווענדנדיק זיך אַ זאָג געטון:

— זאָרגט נישט, איר וועט באַלד באַקומען אַ גוטע זופּ! מיט אַפּעטיט אייך!

אַ האַלבע שעה שפּעטער האָבן די קוכערס אַריינגעבראַכט אַ

פרישן קעסל געדיכטער זופּ. דער עולם האָט זיך דערפרייט און מיט הנאה זיך גענומען צו דער אכילה.

מען דאַרף אָבער נישט קיין טעות האָבן און מיינען, אַז ביי דעם איז עס געבליבן. קוים עטלעכע טעג פאַרביי און די זופּ האָט ווידער אָנגעהויבן ווערן וואָס אַמאָל שיטערער. אָבער נאָכאַמאָל אַזאַ סטרייק אונטערנעמען האָט זיך שוין נישט געגלוסט. דער קאָמפּסגייסט איז נישט געווען מער אַזוי שטאַרק. איבריקנס, האָט זיך נישט געוואָלט האָבן אין קאָמער פאַר אַ גאַסט דעם פאַליטרוק און עס האָט זיך נישט געוואָלט כלל הערן זיין דערציילן ווי אַזוי דער ראַטנפאַרבאַנד באַזיגט זיינע שונאים און קעגנער...

דער נסיון
פון א גערער חסיד

מיט אונדז אין קאַמער איז געזעסן אַ גערער חסיד, אַ יינגער־מאַנטשיק פון פּאַביאַניץ, אַ מקורב פון גערער רבין. די גאַנצע צייט האָט ער נישט פאַרזוכט די זופּן וואָס מ׳האָט פאַר אונדז געבראַכט. ער האָט געלעבט בלויז אויף שוואַרץ ברויט, צוקער און טיי, אָדער וואַסער. די זופּ פלעגט ער אויסטוישן אויף צוקער.

נאָר אָט האָט זיך אונטערגערוקט ערב־פּסח צייט. ס׳איז טאַקע קיין ברעקל זון נישט אַריינגעפאַלן אין טונקלען קאַמער, אָבער דאָך האָט זיך געפילט דעם סוף ווינטער, דעם אָנקום פון פרילינג. אויפן זכרון זענען געקומען יענע טעג פון ערשטן בליעכץ, פון מילדן טוי אויפן פעלד, פון פרימאָרגנדיקן פייגל־געזאַנג, און דאָס אַלץ האָט אַזוי פאַרקלעמט ביים האַרץ און גענאָגט. יענע אַמאָליקע פרילינג־טעג זענען איצט געווען גאָר ווייט פון אונדזער באַנעם. אויף דער נשמה האָט געדריקט אַ אומעטיקייט, דאָס געמיט איז געווען שווער. נאָר אויב מיר אַלע האָבן זיך נישט געגרייט צום זמן חרותנו, האָט אָבער דער גערער חסיד נישט פאַרגעסן אָן אָנקומענדיקן יום־טוב. געקליבן זיך אַפילו אים מקיים צו זיין כדת וכדין. מיר האָבן אים געפּרוווט אָפּרעדן, געוואָלט אים באַאיינפלוסן, אַז ער זאָל נישט וואַגן צו לעבן גאַנצע אַכט טעג אָן זופּ און אָן ברויט, עס איז דאָך ממש פּיקוח נפש און ער מעג מותר זיין אויף דער מצווה — אָבער מיר האָבן גאָר־נישט געפּועלט ביי אים.

האָבנדיק אַ פּאָר רובל אין טאַש האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט

צו קויפן עפּעס אין טורמע־געוועלבל און טאַקע דאָרט איינגעהאַנדלט צוויי מאָל צו האַלבע קילאָ צוקער. אַנדערע האָבן אויך אים פאַר־קויפט זייער צוקער פאַר זיינע זופּן און ברויט־ראַציעס און דער פּסח איז אַדורך בשלום. אונדזער געריער חסיד האָט זיך נאָך פּסח געפילט טאַקע אַביסל אָפּגעשוואַכט, אָבער — געגנוג מוטיק און מונטער. מיר האָבן אַלע באַוואונדערט זיין שטאַרקן ווילן און טיפער אמונה.

דער ערשטער מאַי
אין טשערניכאָווער תפיסה

פרילינג פון יאָר 1940:

אַ האַלב יאָר איז שוין פאַרביי ווי מיר זיצן אין טשערניכאָווער תפיסה. עס נעמט גאָרנישט קיין סוף. קיינער ווייסט נישט ווי לאַנג מ׳וועט אונדז נאָך אַזוי פאַרשן און וואָס עס וועט זיין נאָך דעם.

די טעג האָבן בלייאיק געשווערט אויפן געמיט. מיר האָבן זיי אויסגעפילט מיט שפילן שאַך, דאַמקע, מיט לייענען און מיט איינ־אָרדענען ליטעראַרישע שמועסן.

אין איינעם אַ טאָג האָט ווער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט אַז מיר דערנענטערן זיך צום ערשטן מאַי, דעם גרויסן אַרבעטער יום־טוב, וואָס איז דאָך אין רוסלאַנד פאַרוואַנדלט אין אַ מלוכה יום־טוב.

פאַרשידענע השערות זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן. מאַנכע האָבן געגלויבט אין אַמנעסטיע, אַז מ׳וועט אונדז באַגנעדיקן. אַנדערע האָבן געהאָפט אַז מ׳וועט אונדז מיט עפּעס מהנה זיין לכבוד „יום־טוב״. וואָרעם פאַרוואָס דען נישט? זענען מיר דען אַזעלכע שווערע פאַר־ברעכער, צי גאָר שווערע פּאָליטישע פאַרזינדיקטע?

בלויז דער פּעפּעסאָוויעץ פון קראָקע האָט אַלע אונדזערע פאַנ־טאַזיעס צעטריבן און פאַריאָגט, זאָגנדיק צו אונדז: יאָלדן וואָס איר זייט, קדחת וועלן זיי אונדז געבן, איר וועט שוין זען, געדענקט מיינע רייד, הלוואי זאָל דער ערשטער מאַי נישט זיין ערגער פון אַנדערע טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

מיר האָבן זיינע רייד נישט גענומען אין אַכט. עד כדי כך האָט

קיינער נישט געוואַלט און נישט געקאָנט גלויבן. „דאָס איז נישט מעגלעך״ — האָט מען זיך קעגנגעשטעלט. „אין אַזאַ טאָג וועט מען אָן אונדז נישט פאַרגעסן, אפשר גאָר וועט מען וועלן פון אונדז פטור ווערן און מ׳וועט אונדז בכלל באַפרייען״. „עפּעס אַ קליייניקייט, דער ערשטער מאַי? אַזאַ גרויסער אַרבעטער יום־טוב?!״

עטלעכע טעג האָבן מיר געלעבט אין שפּאַנונג, אין דערוואַרטונג, ביז עס האָט אָנגערוקט די נאַכט פון ערב ערשטן מאַי און מיר זענען געגאַנגען שלאָפן מיט אַן אָנגענעמען געפיל, אַז עפּעס גוטס וועט אונדז מיטן אויפשטיין איבערראַשן.

אין מיטן נאַכט האָט אונדז איבערגעוועקט אַ שטאַרק געפּילדער פון אַ כאַפּטע נ.ק.וו.ד.־לייט, וועלכע האָבן זיך האַסטיק אַריינגעריסן אין קאַמער און אַלעמען אַראָפּגעיאָגט פון די געלעגערס און אַרויסגע־יאָגט אין דער אונטערוועש אויפן קאָרידאָר.

מען האָט אונדז שטרענג רעווידירט און געלאָזט שטיין אין דרויסן האַלב נאַקעט. מיר זענען געווען דערשטוינט, אָפּהענטיק, אָן לשון אין מויל. מיר האָבן נישט געוווסט וואָס עס דאַרף באַדייטן דער וויזיט אין אַזאַ שפּעטער נאַכט־שעה און צו וואָס זיי צילן.

דער פּעפּעסאָוויעץ פון קראָקע האָט, ווי אַ זיגער, ציניש געלאַכט פון אונדז און צוגעוואָרפן:

— אָט האָט איר אייער שמחה, אייער האָפענונג, דער ערשטער מאַי איז געקומען... נו? אַ קליינער יום־טוב? אַ פריילעכער, האַ? אַ נביא בין איך, האַ? אַ נביא...

נאָך אַ גוטע שעה האָט מען אונדז צוריק אַריינגעלאָזן אין קאַמער, ווו אַל׳ץ איז געווען פּאָגראָמירט. אַלע שטרוי־זעק צעפּליקט. די שטרוי אַליין צעשפּרייט איבערן דיל, צעטרעטן. די שאַכן און דאַמקעס צור־גענומען. אַלץ איז געווען איבערגעקערט און עס האָט זיך געזען, אַז מיט גענויקייט האָבן זיי געזוכט אין יעדער שפּאַרונקע, אין יעדן ווינקל.

מיר האָבן גלייך גענומען צוריקשטעלן די „אָרדענונג״ אין קאַמער און דערנאָך זיך אַוועקגעלייגט מידע צוריק אויף די געלע־גערס. קיינער פון אונדז האָט שוין מער נישט געקאָנט איינשלאָפן. מיר זענען געווען מלא־כעס און אויפגעבראַוזט צוליב דער אָפּגע־

טוענער מעשה־נבלה און געזען אין דער פלוצלונגדיקער רעוויזיע אין אונדזער קאַמער, אַ רעזולטאַט פון אַ חשד אַז מיר האָבן זיך געגרייט צום ערשטן מאַי מיט אַ רעוואָלוציע, מיט אַן אויפשטאַנד קעגן דער ראַטן־מאַכט. אַנדערש האָבן מיר נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם פלוצלונגדיקן איבערפאַל, דעם „וואַרעמען" קבלת פנים צו וועלכן מיר האָבן זוכה געווען אין דער נאַכט פון גרויסן אַרבעטער יום־טוב אין דער אַזוי ריזיקער אַרבעטער־מלוכה.

צומאָרגנס האָט זיך געשטעלט אַ טאָג ווי יעדער טאָג אין תפיסה: דער פרישטיק — ווי יעדער פרישטיק פון אַ גאַנץ יאָר, גאָרנישט יום־טובדיק. אַרום מיטאָג־צייט האָט מען אונדז אַרויסגעפירט אויפן שפּאַציר. צוויי נ.ק.וו.ד.־לייט מיט רעוואָלווערן אין די הענט האָבן אונדז באַגלייט. מען האָט אָנגעזאָגט און געוואָרנט צו פאַרהאַלטן זיך היינט ספּעציעל רויק, נישט רעדן צווישן זיך קיין וואָרט.

נו, איז דאָס שוין איינמאָל געווען אַן ערשטער מאַי־שפּאַציר. ווי אבלים האָבן מיר אויסגעזען. פאַרשעמטע, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, מיט שלאַבעריקע טריט, ווי די ערד וואָלט אונטער אונדזערע פיס נישט געווען זיכער...

פון שטאָט, פון אירע גאַסן, זענען צו אונדז דערגאַנגען מוזיק־טענער, מעלאָדיעס פון שאַלנדיקע אָרקעסטערס. הילכיקע ערשטע מאַי־אויסרופן האָבן זיך געטראָגן אין חלל און האָבן דערלאַנגט צו אונדז אַריין, אין טורמע־הויף אַריין, ווו מיר האָבן שפּאַצירט...

„זאָל לעבן דער ערשטער מאַי", זאָל לעבן דער גרויסער אַר־בעטער־יום־טוב, זאָל לעבן די פריינטשאַפט פון פעלקער", א.א.וו.

איבער די אַלע לאָזונגען האָט אומאויפהער געהילכט דער רוף: „זאָל לעבן דער גרויסער סטאַלין".

און מיר, אין טורמע־הויף, האָבן שפּאַצירט שווייגנדיקע. באַליי־דיקטע. רעוואָלווערן האָבן אונדז באַגלייט אויף אונדזער שפּאַציר. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט פרייען, מיר זענען געווען אומעטיק, דערשלאָגן.

נאָר פלוצלונג האָט דער אָרקעסטער אין דרויסן אָנגעהויבן שפּילן דעם „אינטערנאַציאָנאַל". די נ.ק.וו.ד.־לייט האָבן אונדז שנעל אַראָפּ־געטריבן פון הויף, צוריק אַריינגעיאָגט אין קאַמער אַריין. אונדזער

שפּאַציר האָט אין ערשטן מאַי געדויערט אַזוי אַרום פּיל ווייניקער ווי אין יעדן נאָרמאַלן טאָג, און געווען איז דער דאָזיקער טאָג פּאַר אונדז מיט שרעק אָנגעלאָדן, מערער פון אַ געוויינלעכן טאָג.

צו מיטאָג איז אַריינגעקומען דער פּאָליטרוק. ער איז געווען פון אויבן ביז אַראָפּ אויסגעשמעקט מיט אָדעקאָלאָן. פון מויל האָט זיך געשפּירט אַלקאָהאָל.

ער האָט אַרויסגענומען אַ גרויס טאַשן־טיכל, אויסגערייניקט די באָז און אָנגעהויבן רעדן מיט אונדז ווייכע רייד, געטרייסט אונדז, אַז ווען מיר וועלן אַרויס פון תפיסה, וועלן מיר צוזאַמען מיט אַלע פּייערן אין פרידן דעם גרויסן יום־טוב פון דער אַרבעטער־וועלט, דעם ערשטן מאַי.

קיינער פון אונדז איז נישט אומשטאַנד געווען אָנצונעמען די „האַרציקע" הבטחה פון פּאָליטרוק. מיר זענען געזעסן ווי שטומע פּי, איינגעבויגן, צוזאַמענגעקורטשעט ,אין אַ פּיינלעכער שטימונג. מיר האָבן מיט גאָרנישט זיך אָפּגערופן, נישט געוואָלט פרעגן און נישט געוואָלט הערן זיין ענטפער. מיר זענען געווען אַנטוישט און געוואָלט בעסער זיין מיט זיך אַליין, בלויז מיט זיך אַליין...

אַזוי האָט אויסגערונען די האָפענונג צו אַ וועלכער ס'איז פאַר־לייכטערונג אין טאָג פון ערשטן מאַי.

דער טאָג פון טרוים צו אַ בעסערער וועלט און בעסערן מאָרגן, איז פאַר אונדז אַדורך אין טיפער דעפּרעסיע. מיר וואָלטן קיינמאָל זיך נישט פאָרגעשטעלט אַז אַזעלכעס איז מעגלעך אין סאָציאַליסטישן רוסלאַנד, דאָס רוסלאַנד וואָס האָט געזאָלט זיין דאָס „פאָטערלאַנד" פון אַלע אַרבעטער פון דער גאָרער וועלט.

קינדער
אין טורמע

אונדזער קאַמער האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק. אַרויס־גייענדיק אויפן שפּאַציר, פלעגן מיר דורכגיין אַ לאַנגן קאָרידאָר מיט אַן אַ שיעור קאַמערן, און דורך די טרעפּ צוקומען צום הויף.

נישט איינמאָל האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז איך הער אַ קינדער־קול, וואָס קומט אַרויס פון אַ וועלכן ס׳איז קאַמער און וואַנדערט אַרום אין קאָרידאָר.

איך האָב לכתחילה נישט געוואָלט צולאָזן אין געדאַנק אַ מעג־לעכקייט, אַז מ׳האַלט קינדער אין אונדזער טורמע. עפּעס איז מיר אויסגעקומען חידושלעך די זאַך, אַז 23 יאָר נאָך דער גרויסער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש און סאָציאַליסטישער דערציונג, זאָל מען דאַרפן האַלטן קינדער אין טורמע, אָדער אַז עס זאָלן זיין קינדער פאַרברעכער. איך האָב באַשלאָסן געוויר צו ווערן וויפל אמת עס איז פאַראַן אין מיין השערה און איך האָב געזוכט די וועגן ווי אַזוי דאָס צו דערגיין. איך האָב אַריינגעצויגן אין דער נייגעריקייט אַלע אַרעסטאַנטן פון אונדזער קאַמער און אָפּגעמאַכט מיט זיי, אַז היות ביים „שפּאַציר״ זענען מיר אויסגעשטעלט צו צוויי אין אַ ריי, וועל איך זיך אַריינשטעלן אין ערשטן „צווייטל״ און וועל אַ ווײַלע בלייבן שטיין ביי דער קאַמער פון וועלכער עס זעט מיר אויס, אַז פון דאָרט הער איך דאָס קינדער־קול און דורכן „יודאַש״ וועל איך קאָנען זען ווער עס זיצט אינעווייניק. די הינטערשטע רייען וועלן

דערוויַיל גיין געלאָסן און ביז זיי וועלן זיך דערנענטערן צו מיר וועל איך שוין אַלץ וויסן.

דער פּלאַן איז אויסגעפירט געוואָרן מיט אַ גענויער פּינקטלעכ־קייט. אַרויסגייענדיק אויפן שפּאַציר, האָבן די פאָדערשטע רייען אין קאָרידאָר זיך שנעל באַוויזן פאָרויס און די הינטערשטע זענען בכוונה געגאַנגען געלאַסן.

ווען אונדזער „צווייטל" איז צוגעקומען צו דער פאָרויסגעזעענער קאַמער, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, מכלומרשט פאַרבונדן די שיך, בין צוגעפאַלן צום „יודאַש" און באַמערקט אַ פולע קאַמער מיט קינ־דער, ס׳רוב 10—12 יעריקע.

די יינגע חברה האָט מיך גלייך „דערשנאַפּט" און איינער פון זיי האָט מיך געפרעגט צי איך האָב צום פאַררויכערן. ווען איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב נישט קיין טאַבאַק, איז דער „חברה־מאַן" אַרויס אויף מיר מיט אַ „מענה־לשון", מיט וועלכן עס האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרשעמען עלטערע פאַרברעכער.

איך האָב שנעל פאַרמאַכט דעם „יודאַש" און בין צוריק געלאָפן צו מיין ריי. איך האָב געפילט, אַז דאָס פנים פלאַמט מיר פון בושה, פון דעם, וואָס די אויגן האָבן געזען.

צוריקקומענדיק פון שפּאַציר האָב איך גענוי איבערגעגעבן מיינע חברים וואָס איך האָב געזען. מיר האָבן געשטוינט און נישט פאַר־שטאַנען פאַרוואָס מען האַלט עפּעס קינדער־אַרעסטאַנטן אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, אין דער שווערסטער און גרעסטער טורמע אין אוקראַינע.

זינט דעמאָלט האָבן מיר אָבסערווירט דעם קינדער־קאַמער. שפּע־טער אַריין האָבן מיר זיך שוין אפילו פאַנאַנדערגענומען אין די געשרייען און געוואַלדן, וואָס פלעגן קומען פון יענער קאַמער.

ווי מיר זענען אויך געווויר געוואָרן, זענען אין קינדער־קאַמער פאָרגעקומען אָפטע געשלעגן וואָס האָבן זיך אפילו געענדיקט מיט אַרויסנעמען זיך די אויגן, איינער דעם צווייטן.

אין יעדן פאַל פלעגן די שומרים שנעל ליקווידירן אַזאַ קינדער־געשלעג דורך אַרויפלייגן שווערע שטראָפן, שיקנדיק אפילו אין

קאַרצער, אָדער אין איינצל־קאַמער, פונקט ווי מ׳האָט עס געטון מיט די דערוואַקסענע.

פון די זעלבע קינדער־אַרעסטאַנטן האָבן מיר נאָך געהאַט אַ סך אויסצושטיין. זיי האָבן אונדז שפּעטער אָנגעטון פאַרשידענע צרות צרורות, נישט אין תפיסה, נאָר אינגאַנצן ביי אַנדערע געלעגנהייטן.

דער פּאָליטרוק

אונדזער תפיסה, ווי אַלע אַנדערע תפיסות אין רוסלאַנד, האָט געהאַט אַן אייגענעם פּאָליטרוק. זיין אויפגאַבע איז געווען אויפצו־קלערן אונדז פאַרשידענע פּאָליטישע און אַלגעמיינע ענינים פון סאָוויעטישן לעבן און אויפהויבן אונדזער מאָראַל. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך באַווייזן אין קאַמער, אויספרעגן זיך געמיטלעך און אפילו אינטים ווי אַזוי עס דערגייט אונדז, צי מיר האָבן וועלכע ס׳איז פאַרלאַנגען, אָדער באַדערפענישן. אין איינוועגס פלעגט ער שוין מיט אונדז איינגיין אין אַ שמועס וועגן אַנדערע ענינים.

ווען איינער פון אונדז האָט ביי אים געפרעגט פאַרוואָס מען האַלט אונדז אין אַרעסט, אין דער צייט ווען מען האָט אַמאָל געזאָגט אין פוילן. אַז אין רוסלאַנד עקזיסטירן נישט מער קיין טורמעס, האָט דער פּאָליטרוק נישט געבנדיק אפילו אַ פינטל מיטן אויג געענטפערט, אַז ס׳איז ריכטיק אַזוי, אַז אין רוסלאַנד זענען טאַקע נישט פאַראַן קיין תפיסות, בלויז פרעווענטיווע אַרעסטן ביז צום אורטייל. נאָכן אורטייל, אָדער מען ווערט באַפרייט, אָדער מען ווערט איבערגעשיקט אין אַרבעטס־לאַגערן, ווו מען לעבט זיך פולשטענדיק פריי, מ׳האָט צו עסן און צו טרינקען, און מען באַקומט נאָך געלט פאַר אַ צולאָג.

אין די לעצטע חדשים פאַרן אַרויסטראָגן די אורטיילן קעגן אונדז, האָט דער פּאָליטרוק זיך אָפטער באַוויזן אין קאַמער און ווידער גע־ריעדט וועגן די גרויסע מעלות פון די אַרבעטס־לאַגערן, ווו מ׳איז בסדר אויף פרישער לופט וואָס ס׳איז, ווי באַקאַנט, געזונט פאַר דעם אַרבעטנדיקן מענטשן.

„יעדער וועט דאָרט אַרבעטן ביי זיין פאַך" — האָט ער אונטער־געשטראָכן. און ווענדיק אונדז אָנטון אַ נחת־רוח, צוגעגעבן: „אפילו אַ פרוי וועט יעדער איינער זיך קאָנען צוקלויבן און טאַקע וויסן פון אַ לעבן".

און כאָטש מיר זענען שוין גענוג געווען אָפּגענאַרט, האָבן מיר געוואָלט גלייבן אין זיינע רייד. געטראַכט: אפשר האָט ער רעכט, ווארעם עס איז דאָך טאַקע בעסער צו זיין אויף דער פריי, אין אַן אַרבעטס־לאַגער, ווי שמאַכטן אין אַ טורמע. וועלן מיר טאַקע אַרבעטן יעדער ביי זיין פאַך, אין אַ פאַבריק, צי אין אַ וואַרשטאַט, אַנדערע אין פעלד, און מיר וועלן אַזוי איבערקומען די שטראָף, וואָס מ'וועט יעדן פון אונדז צופּסקענען.

האָבן מיר געגלייבט און געוואַרט אויף דער פרישער לופט ווי עס האָט זי געשילדערט דער פאָליטרוק...

בלויז דער צאָל־באַאַמטער פון כאיניץ האָט נישט געגלייבט אין דעם אַלעם, און אפילו נישט שטאַרק געגאַרט, אַז עס זאָלן מקויים ווערן דעם פאָליטרוקס צוזאָגעכצער.

— ווען מען זאָל מיך לאָזן אויסקלייבן — האָט ער געזאָגט — בלייב איך גערן דאָ.

מיר האָבן פאַרשטייט זיך נאָך דעמאָלט נישט געוווסט ווי ווייט גערעכט ער איז און נישט פאַרגעשטעלט זיך אַז אַנטקעגן יענער פרישער לופט אין די מקומות ווו מיר זענען פאַרשיקט געוואָרן, איז די תפיסה אין טשערניכאָוו געווען ממש אַ גן־עדן...

די אורטיילן

זומער פון יאָר 1940:

לויטערע זון שפּיגלט־אַראָפּ אין תפיסה־הויף אַריין בעת מיר גייען אויפן „שפּאַציר". שיינע, ליכטיקע טעג. עס בלויט דער הימל איבער אונדז ווי אַ דורכזיכטיקער גלאָז־דאַך. עס איז אַזוי אָנגענעם אונטערן פרייען הימל...

נאָר ווי לאַנג דויערט דען אונדזערס אַ שפּאַציר? ווי לאַנג זעען מיר הימל און ליכט? ווי לאַנג?

אונדזערע טעג הייבן זיך אָן און גייען אויס אין קאַמער ווו ס'איז אייביק טונקל און פאַרנאַכטיק. עס דריקט אויפן האַרצן אַ שווער געמיט, פון וועלכן מ'קאָן זיך נישט באַפרייען.

נאָר אָט איז געקומען אַ שינוי. מיר האָבן נאָך טאַקע נישט געוווסט זיין באַדייט, אָבער פאַרט האָט עפּעס אָנגעהויבן געשען.

מען רופט אַרויס מענטשן פון קאַמער און זיי קומען נישט מער צוריק, ווערן נעלם, מ'גיט זיי נישט פאַרן אַוועקגיין די פערזענלעכע זאַכן זייערע. טאָ וווהין קומען זיי אַוועק? וווהין פירט מען זיי איבער? וואָס געשעט מיט זיי?

מיר האָבן געזוכט עצות און תחבולות ווי אַזוי געוווויר צו ווערן דעם סוד פון די אַרויסגעפירטע. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צום סוף משער זיין, אַז מען נעמט אַרויס פון קאַמער די, וועלכע זענען פאַרן באַקומען דעם אורטייל און דעריבער האַלט מען זיי אפשר איזאָלירט. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אויב עס וועט זיך טאַקע אַרויסווייזן אַז אונדזערע השערות האָבן אַ יסוד, וועלן די, וועמען מ'וועט אַרויס־

פירן פון קאַמער און וועלן איבערגעפירט ווערן אין אַ צווייטער, צו־וויסן געבן דורך אַ ספּעציעלן אַלפאַבעט וואָס זיי וועלן אויסקלאַפּן דורך אַ וואַנט, סופיט, אָדער דיל, וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט.

אין איינעם אַ טאָג האָט מען מיך אַרויסגערופן און אַוועקגעפירט צום נאַטשאַלניק. אַריינקומענדיק צו אים, האָט ער מיר געהייסן אַוועקזעצן זיך און ער איז געוועזן צו מיר גענוג העפלעך.

ביז דער געשפּרעך האָט זיך אָנגעהויבן האָבן אַלע מיינע מחשבות אָפּגעטרעטן אָרט בלויז פאַר איין טראַכטעניש — איך האָב געוויגן און געחשבונט די „יאָרן" וואָס שטייט מיר פאָר צו באַקומען פאַר דעם באַגאַנגענעם פאַרברעכן פון איבערטרעטן די גרענעץ.

איך האָב אויסגערעכנט מיינע אַלע חטאים, מיינע פאַרברעכנס כּלפּי דעם ראַטנפאַרבאַנד: מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך געדינט אין פּוילישן מיליטער, וואָס האָט צו יענער צייט געקעמפט מיט די באָלשעוויקעס; איך האָב מיט מיינע אייגענע אויערן גע־הערט אַ רעפעראַט פון אַ לינקן פועלי ציוניסט; איך האָב פריינט, אַ יידישן קאָמוניסט, וועלכער לעבט אין ביראָבידזשאַן, א. דגל. ווער ווייסט וויפל יאָר תּפיסה, צי פאַרשיקונג אין סיביר עס קומט פאַר אַזוינע האַרבע חטאים?

נאָר גלייך האָט אַ צווייטע מחשבה גובר געווען די פריערדיקע, אפילו זי אויסגעלאַכט און אין איינוועגס מיך באַרויקט: וואָס הייסט עפּעס אַן אורטייל? פאַרוואָס? עס האָט אויסגעבראָכן אַ קריג, די גרענעצן פון לענדער זענען נישט געווען אָפּגעשלאָסן, בפרט אין די אָקופּירטע געביטן, נו, זענען מענטשן געגאַנגען הין און קריק, אַנדערע בלויז אַהין, צו די סאָוויעטן, ראַטעווען דעם לעבן, נישט צו זיין צוזאַמען מיט די דייטשן. קומט דערפאַר צו משפּטן? וואָס פאַראַ אורטייל קאָן אַרויסגעטראָגן ווערן קעגן אַזאַ, אָדער קעגן אַזעלכע מענטשן בכלל?

איך בין זיכער געווען, אַז דער נאַטשאַלניק האָט באַמערקט ווי איך פיבער אינגאַנצן, ווי אַלץ אין מיר ציטערט, ווי עס וואַנדערן די שוואַרצאַפּלען מיינע הין און הער אין דערוואַרטונג פון דעם וואָס ער וועט מיר זאָגן.

— נעם זיך נישט איבער און זיי נישט צו עמפּינדלעך — האָט ער אָנגעהויבן צו מיר רעדן ווייך און איידל. מען וועט דיך אַוועק־שיקן פון דאָ אין אַן אַרבעטס־לאַגער. די צייט וועט שנעל אַדורך און דערנאָך וועסטו לעבן ווי אַ פרייער מענטש.

אָפּגעזאָגט די הקדמה, האָט ער מיר פאָרגעלייענט דעם אורטייל וואָס די „טראָיקע" אין קרעמל האָט אַרויסגעטראָגן קעגן מיר: דריי יאָר אַרבעטס־לאַגער פאַר אַריבערגיין די גרענעץ מיט דער מעג־לעכקייט פון אַראָפּרעכענען די צייט וואָס כ'בין שוין אָפּגעזעסן.

מיין ערשטע פראַגע איז געווען צי כ'קאָן פאַרלאַנגען אַן אַדוואָ־קאַט, וועלכער זאָל נעמען מיין ענין אין האַנט, צי כ'קאָן אָנגעבן אַן אַפּעלאַציע נעמנדיק אין באַטראַכט, וואָס כ'בין אַ פּליט און כ'ווייס נישט צי עס איז חל אויף מיר דאָס רוסישע געזעץ.

דעם נאַטשאַלניקס ענטפער איז געווען קורץ און קלאָר:

— נישטאָ קיין אַפּעלאַציע קעגן דער „טראָיקע". זיי זענען אַל־מעכטיק. נישט מער אויב דו ווילסט זיך ווענדן צום פאָרזיצער פון העכסטן סאָוויעט וועגן אַמנעסטיע, קענסטו עס טאָן.

מינוטן שפּעטער האָב איך אַריינגעשפּאַצירט מיט מיינע צוגע־פּסקנטע דריי יאָר פאַרשיקונג אין אַ נייער קאַמער אַריין און געפונען דאָרט די וועלכע זענען פאַר מיר אַרויסגענומען געוואָרן פון אונדזער קאַמער און האָבן זיך אויך אַרומגעטראָגן, יעדער מיט „זיינע יאָרן".

צו מיין צופרידנהייט האָט זיך די פרישע קאַמער געפונען הינטער אונדזער פריערדיקער, און איך האָב גלייך אָנגעהויבן „אויסקלאַפּן" אַלע אורטיילן פון די באַקאַנטע (צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט דער אורטייל פון לינקן פּעפּעסאָוויעץ: אַכט יאָר פאַרשיקונג, ער איז געווען שרעקלעך צוזאַמענגעבראָכן.

אויבן האָבן די ידיעות וועגן די אורטיילן (ווי זיי האָבן שפּעטער איבערגעגעבן) אַרויסגערופן אַ צערודערונג און געמאַכט אויף יעדן אַ פיינלעכן איינדרוק. עס איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז די „יאָרן" וועלן קיינעמען נישט מיידן, יעדער וועט אַרויסגערופן ווערן צום נאַטשאַלניק און וועט פון זיין מויל הערן דעם אורטייל וואָס עס האָט אַרויסגעטראָגן די אַלמעכטיקע „טראָיקע". מ'האָט שוין אויך קלאָר געוווּסט, אַז בקרוב וועט מען אונדז אַוועקשיקן פון דאַנען.

און עס האָט אָנגעהויבן מאַטערן די פראַגע: וווהין וועט פירן דער וועג? אין וועלכע ווייטע מקומות וועט מען מגולגל ווערן?

אין איינעם אַ טאָג האָב איך זיך אָנגעטראָפן אין קאָרידאָר אויף דעם אַדוואָקאַט, וועלכן מ׳האָט מיר אַמאָל געהאַט צוגעשטעלט, לויט מיין פאַרלאַנג. איך האָב אים אַ פרעג־געטאָן וואָס ער זאָגט וועגן דעם אומגערעכטן אורטייל קעגן מיר, וועגן דעם משפטן אַ פרעמדן מענטש, אַ פליט פאַר אַריבערגיין די גרענעץ, בפרט אַז איך האָב איבערגעלאָזט אויף הפקר אַ פרוי מיט אַ קינד, ממש אַן מיטלען צום לעבן.

„און וואָס איז דאָ די עוולה?" — האָט ער מיר צוריקגעוואָרפן עטלעכע ווערטער — „דו פאַרסט דאָך אַרבעטן! וואָס פאַראַ שלעכטס טוט מען דיר מיט דעם?"

און ער האָט זיך אָפּגעטראָגן, האָט נישט געהאַט מער וואָס מיר צו זאָגן, נישט געוואָלט מיך פאַרטיידיקן. מ׳האָט מיך, הייסט עס, גאָר יושרדיק באַהאַנדלט: אנשטאָט צו זיצן אין טורמע, פאַרזאָרגט מען מיך גאָר מיט אַרבעט, דאָס הייסט, אַז ס׳איז באמת נישטאָ וואָס זיך צו באַקלאָגן.

נו, גיי זוך דיר אַן אַדוואָקאַט אין רוסלאַנד, וועלכער זאָל וועלן נעמען דיין ענין אין האַנט אַריין — האָב איך טרויעריק סך־הכלט מיין מצב, גיי און געפין אַזאַ איינעם...

דער עטאפ

אין לעבן פון מענטשן זענען פאַראַן אַ סך געשעענישן וואָס בעת זיי פּאַסירן רופן זיי אַרויס אַ טיפן איינדרוק, מען רעאַגירט שטאַרק, מען לעבט זיי אינערלעך איבער, אָבער די צייט קומט און פאַרווישט זיי, און זיי ווערן דאָך פאַרגעסן.

פאַראַן אָבער אויך געשעענישן, פּאַסירונגען אין לעבן וואָס קריצן זיך אַזוי איין אין זכרון; וואָס עסן זיך אַזוי אַריין אינעם האַרצן און אינעם מוח פון מענטשן, אַז זיי באַגלייטן אים במשך דעם גאַנצן לעבן און קאָנען קיינמאָל נישט פאַרווישט ווערן פון זכרון, אַפילו די צייט איז צו שוואַך זיי אויסצורייסן פון געדעכעניש.

אַזעלכע זענען געווען די איבערלעבענישן בעתן גאַנצן עטאַפּ אונדזערן פון דער טשערניכאָווער תפיסה צו די מקומות וווהין מען האָט אונדז פאַרשיקט.

אויב גיהנום — איז דאָס וואָס מיר האָבן מיטגעמאַכט איינע פון די שטאַרקסטע גיהנום־סצענעס, און אויב קאָשמאַר — איז קיין גרעסערער נישט געמאָלט. איז דען אַ וווּנדער אַז אַלץ איז אַזוי אין זכרון איינגעקריצט? איז אַ וווּנדער אַז בשעתן דערמאָנען זיך נעמט אַרום אַ גרויל דעם, ווען עלכער האָט דאָס אַלץ איבערגעלעבט?

מ׳האָט אונדז אַרויסגעגעבן אַלע פּערזענלעכע חפצים און פון אונדז פאַרמירט אַן אָפּטיילונג. מיר זענען אָוועק צופוס צום וואָקזאַל און צופרידן געווען בלויז פון דעם וואָס נאָך ניין חדשים אָפּזיצן אין טונקעלן קאַמער געפינען מיר זיך אונטערן פרייען הימל און באַוועגן אַביסל די ביינער.

אויף איינע פון די ליניעס האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז די באַקאַנטע „סטאַליפּינקעס״, וועלכע האָבן אונדז אַוועקגעפירט און אָפּגעשטעלט אויפן קיעווער וואָקזאַל.

אַ האַפטע נ.ק.וו.ד.־לייט האָבן אונדז אַרומגערינגלט, נישט אַזוי ווייט כדי אונדז צו היטן, אַז מיר זאָלן נישט אַוועקקומען, ווי אַז עס זאָל זיך קיינער פון די אויפן וואָקזאַל געפינענדיקע זיך מענטשן, נישט צו אונדז דערנענטערן.

פונדעסטוועגן זענען צו אונדז צוגעפאַלן בליקן אין וועלכע עס האָט זיך געזען מיטלייד און פאַרצווייפלונג. זיי האָבן אָבער נישט געוואַגט צוצוקומען נענטער צו אונדז און מיר האָבן אויסגעזען ווי אין חרם אַריינגעלייגטע לעבן וועלכע מען טאָר נישט שטיין, שוין אָפּגערעדט — פון רעדן מיט זיי.

נאָר לאַנג האָט מען אונדז אויפן וואָקזאַל נישט געהאַלטן. באַלד האָט מען אונדז אויפגעלאָדנט אויף פראַכט־אויטאָס און אַוועקגעפירט ערגעץ אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג און אונדז אַראָפּגעלאָזן אין אַ גרויסן הויף.

מיר האָבן פאַר קיין פאַל נישט באַנומען וווהין מ׳האָט אונדז אַוועקגעפירט, ווו מיר זענען און וואָס עס דאַרפן באַדייטן דאָס פּרעכ־טיקע הויז וווהין מ׳פירט אונדז אַריין, די אויסערגעווינלעך שיינע מאַרמאָרענע טרעפּ, אויף וועלכע מיר טרעטן, און דער ריזן האָל מיט די אויסגעשפּרייטע טעפּיכער און די הויכע צעצווייגטע אָלעאַנ־דערס ביי די זייטן.

„ווו געפינען מיר זיך ?״ — האָט איינער דעם צווייטן געפרעגט.
„וואָס איז עס אַזוינס דאָס הויז ? אַ האָטעל ? אַ פּאַלאַץ ? אַן נ.ק.וו.ד.־געביידע ?״

מ׳האָט אונדז אַריינגעשטופּט אין אַ זייטיק גרויסן צימער וועל־כער איז נאָך פון פריער געווען פול מיט מענטשן. קוים וואָס מיר האָבן געפונען אַ ווינקל ווו זיך אַריינצוקוועטשן.

איך האָב חשק געהאַט צו וויסן פּרטים וועגן אָרט ווו מיר גע־פינען זיך און איך האָב מיט שוועריקייטן זיך צוגעשאַרט צו איינעם אַ רוס, וועלכער האָט מיר אויסגעזען צו זיין אַ סימפּאַטישער מענטש. איך גיב אים אַביסל טאַבאַק צו רויכערן און ער דערציילט מיר, אַז דאָ

איז דער זאַמלפּונקט פאַר די וועלכע ווערן אָפּגעשיקט אין עטאַפּ. און וואָס שייך די געביידע גופא — איז זי אַ מוסטער־טורמע צו ווייזן אויסלענדער וועלכע קומען באַזוכן סאָוויעטן־פאַרבאַנד. אַזעלכע מוסטער־טורמעס זענען פאַראַן אין אַ סך ערטער פון לאַנד און ווען עס קומען געסט פון דער דרויסנדיקער וועלט, פירט מען זיי ווייזן אַ מוסטער־קאָלכאָז, אַ מוסטער־פאַבריק און אַ מוסטער־טורמע...

הערנדיק דאָס האָב איך באַדויערט פאַרוואָס איך האָב נישט געהאַט קיין מזל אַריינצופאַלן אין אַזאַ מוסטער־טורמע, און זיך געטרייסט מיט דעם פאַליטרוקס הבטחה און אויפקלערונג, אַז פאַרט איז בעסער צו אַרבעטן און לעבן אויף פרישער לופט און כ׳האָב מער נישט באַדויערט דאָס וואָס האָט שוין סייווי געהערט דעם עבר.

צווישן דער גרויסער מאָסע אַרעסטאַנטן האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע סאָלדאַטן אין די אוניפאָרמען. איך האָב זיך צוגעשטופּט צו זיי, געשלאָסן קאָנטשאַפט און אָנגעהויבן אַ שמועס. זיי האָבן אָפנהאַרציק דערציילט אַלץ וועגן זיך.

מיט צוויי פון זיי האָב איך זיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, אָנגעשפּאַרט זיך אין וואַנט, און געלאָזט אין אַ זייט דעם גאַנצן ווירר־וואַר, דעם טומל.

זיי האָבן מיר געוויזן ביכעלעך, אַז זיי זענען קאָמסאָמאָלן. האָבן אָנטייל גענומען אין אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי אין די באַלטישע לענדער. ווי נאָר זיי זענען דאָרט אַהינגעקומען זענען זיי מוראדיק איבעררעאַשט און אַנטוישט געוואָרן. זיי האָבן זיך געפילט אָפּגענאַרט און פאַרפירט. וואָרעם יאָרן־לאַנג האָט מען אין זיי אַריינ־געקנעלט אַז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער שטאַרבן אַרבעטער פון הונגער, און זייער לעבן איז מלא לייד און פּיין. אָבער ווי אַנדערש האָט זיך אַרויסגעוויזן די ווירקלעכקייט! ווי אַנדערש האָט מען זיי געמאָלן אין וואָרט און אין שריפט. זיי האָבן געלעבט מיט דעם גלויבן אַז שרעקלעך ביטער איז דעם אַרבעטנדיקן מענטשן מחוץ די גרענעצן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, און אָט זענען זיי אָנגעקומען קיין ריגע — אַ פּרעכטיקע שטאָט. די מענטשן באַקליידט מיט טעם און געשמאַק, אויף רוסלאַנד געזאָגט. און ערשט די געשעפטן — כל טוב אין זיי, נישטאָ קיין רייען. און וווינונגען רחבותדיקע. אַ פריי לעבן, אַ פריי־

לעכס. און די אַרבעטער „נעבעך" — אַז עס וואָלטן זיך די מיליאָנען רוסישע אַרבעטער געווונטשן אַזאַ לעבנס־ניוואָ.

— פאַרוואָסזשע האָט מען אייך אַרעסטירט? — האָב איך גע־פרעגט און געמאַכט זיך ווי כ'וואָלט גאָרנישט קיין אַנונג געהאַט ווי אַזוי אַזעלכעס קאָן דאָ פּאַסירן.

— ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין שכל, ווייל מיר זענען נאָך צו יונג, אָן דערפאַרונג.

— וואָס מיינט דאָס צו זאָגן?

— אונדזער אַרעסט האָט אַ סיבה: מיר זענען געזעסן, אַנטשול־דיקט אונדז, אין קלאָזעט, און געמיטלעך דורכגעשמועסט די גאַנצע זאַך. דאָס הייסט, ווי ווייט ס'איז ביי אונדז נישט אין אָרדענונג.

— טאָ וואָסזשע איז ווייטער געשען? איר זייט דאָך געזעסן אויף אַ זיכער אָרט?..

— משמעות אָבער אַז אויך קלאָזעטן האָבן ביי אונדז אויערן און אַ מויל אויף צוצוטראָגן וווּ מען דאַרף. מיר האָבן באַקומען גלייך אויף גלייך: ביידע צו פינף יאָר.

אַזוי שמועסנדיק האָבן זיי, אגב אורחא, אויך דערציילט וועגן פינלענדישן פּראָנט און די דורכפאַלן דאָרט, וועגן פאַרביסענעם ווי־דערשטאַנד פון די פינלענדישע זעלנער און די גרויסע צאָל געפאַלענע רוסישע סאָלדאַטן אויף יענעם אָפּשניט.

„זאָל מען אונדז נאָר אַרויסלאָזן אויף דער פריי — האָבן ביידע גערעדט אינגאַנצן פריי — וועלן מיר וועגן אַלץ דערציילן: וועגן דער שפע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און וועגן דער אכזריותדיקייט אין אונדזערע טורמעס, זאָל מען אונדז נאָר פריי לאָזן..."

איך האָב געפילט דעם ווייטאָג מיט וועלכן די צוויי יינגע מענטשן האָבן גערעדט, פאַרשטאַנען אַז זיי האָבן זיך געקאָנט פילן אָנטוישט און אָפּגענאַרט, טרעפנדיק זיך צום ערשטן מאָל אין לעבן מיט אַ ווירקלעכקייט, וועלכע איז זיי פאַלש פאַרגעשטעלט געוואָרן, אָבער מיינע אויערן האָבן מורא געהאַט צו פאַרנעמען אַזאַ גרויסע דאָזע „אפיקורסות", האָב איך זיך אָוועקגעשאַרט פון זיי און בין צוריק צו מיין אַלטער חברה פון דער טשערניכאָווער תפיסה.

פון מינוט צו מינוט האָט אָנגעהויבן ווערן ערגער. מ׳האָט אָנ־געבראַכט עטאַפּניקעס און זיי אַלע איינגעזאַמלט אין צוויי־ דריי צימערן, ממש קעפּ אויף קעפּ, נישט צו זיצן און נישט צו שטיין. מיר זענען געווען אָפּגעשלאָסן און מ׳האָט נישט אַרויסגעלאָזן אַפילו דערליידיקן אַ פּיזיש געברויך... האָט מען נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג און זיך געקליבן אין אַ ווינקל און דאָרט זיך דערליידיקט. דער געשטאַנק איז געווען אומדערטרעגלעך. מענטשן האָבן געקלאַפּט אין טיר און געפאָדערט אַז מ׳זאָל זי עפענען און זיך איבערצייגן אין וואָס די צימערן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן. אונדזער רוף איז געבליבן אָן ענטפער און מיר האָבן ווייטער זיך געשטיקט מיט די אומדערטרעגלעכע שרעקלעכע ריחות פון וואָס פיל מענטשן האָבן פשוט געחלשט.

נאָכן אָפּזיין צוויי טעג אין דער גרויסאַרטיקער „מוסטער־טורמע״ האָט מען אונדז אויפגעלאָדנט אויף משא־וואַגאָנעס און אַוועק מיט אונדז אין ווייטן וועג אַריין.

יעדע נאַכט זענען אַריינגעקומען אין וואַגאָן וואַך־סאָלדאַטן, האָבן אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און געציילט, גוט רעווידירט דעם וואַגאָן, קאָנטראָלירט אויב מיר האָבן נישט אַמאָל אַוועקגעריסן אַ ברעט כדי צו קאָנען אַנטלויפן א. א. וו.

אָפּגעטאָן זייער מלאכה, זענען זיי אַרויס פון וואַגאָן און אונדז פאַרשלאָסן פון דרויסן.

טאָג גייט אויף און שרומפּט איין, פאַרשווינדט. אַזוי אויך מיט דער נאַכט, אַזוי מיט דער זון, מיט דער לבנה און שטערן. זיי פּיקן זיך אויס אויפן הימל און לעשן זיך.

אַזוי גייען פאַרביי טעג, מעת־לעתן.

זייער אָפט האָט דער שלעפּ־צוג זיך אָפּגעשטעלט און מ׳האָט געדאַרפט אָנטרינקען דעם לאָקאָמאָטיוו. ביי די געלעגנהייטן האָט מען געעפנט די טירן פון די וואַגאָנעס און די וואַך־זעלנער האָבן זיך גלייך אַוועקגעשטעלט ביים איינגאַנג מיט די ביקסן און אַרויפגעזעצטע באַגנעטן אויף זיי, גרייט צו שיסן אויב עס וועט ווער פּרובירן אַנטלויפן.

אונדזער גרופּע, די תושבים פון דער טשערניכאָווער תּפיסה. און באַזונדערס אונדזער קאַמער, האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען, האָבן געהיט איינער דעם צווייטן, געבילדעט אַזאַ מין פּאַראייניקטן פראָנט. אין אַ געוויסער מאָס, און צו דעם אייגנטלעך בלויז האָבן מיר געצילט, האָט עס אונדז אויסגעהיטן פון גניבות און רויבערייען — דורך טעראָר און ברוטאַליטעט — וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין די וואַגאָנעס — דורך די אונטערוועלטניקעס, וועלכע האָבן אונדז מיטבאַגלייט אין עטאַפּ.

און אָט האָט ווער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז מיר דערנענטערן זיך צו מאָסקווע, אַז אָט אָט קומען מיר אָן...

ווי שיין עס האָט אָפּגעקלונגען דער נאָמען! די הויפּטשטאָט פון דער מעכטיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דאָ האָט מען פון טראָן אַראָפּגעזעצט דעם צאַר, וועלכער איז געזעסן הונדערטער יאָר אויפן קאַרק פון רוסישן פאָלק. אויסגעקערט האָט מען דאָ די קעניגלעכע דיקטאַטור, כדי אויפצובויען אַ נייע וועלט, אַ בעסערע, אַ וועלט פון יושר און גערעכטיקייט. אויף די יסודות פון מענטשן־ליבע און הויכער מאָראַל האָט מען געדאַרפט אַוועקשטעלן דעם בנין פון סאָוויעטישן לעבן, וואָס זאָל שיינען איבער דער וועלט...

אָט איז זי איצט מאָסקווע! דאָ זיצט סטאַלין „דער פירער, דער פאָטער פון אַלע פעלקער”. הייסט ער טאַקע אונדז פירן קיין סיביר, צי אין אַנדערע פאַרשיקונגען? ס׳טוט ווי די טיפע אַנטוישונג, ס׳טוט אַזוי ווי...

מיר פאָרן ווייטער, נאָך ווייטער. אויף איינער אַ סטאַציע האָבן מיר זיך אַביסל לענגער אויפגעהאַלטן. אַ נייגעריקער מענטש איז צו צום סאָלדאַט, וועלכער האָט אונדז געהיט און געפרעגט ביי אים, ווער מיר זענען.

— קאַראמאַנשטשיקי (קעשענע גנבים) — איז זיין ענטפער געווען.

מיר האָבן זיך געפילט טיף באַליידיקט און אַרויסגעשריגן פון די וואַגאָנעס אַרויס אויפן קול:

— נישט אמת! נישט אמת! מיר זענען נישט קיין גנבים! נאָר אומגליקלעכע פּליטים פון פּוילן! ווי פאַרברעכער פירט מען אונדז!

אַ צווייט מאָל זענען מיר שטיין געבליבן אויף אַ וואָקזאַל און לעבן אונדזער עשאַלאָן איז גראָד געשטאַנען אַ פּאַסאַזשיר־צוג. מיר האָבן בגניבה זיך דורכגערעדט מיט עטלעכע פּאַסאַזשירן, וועלכע זענען געשטאַנען ביים פענצטער. מיר האָבן זיי דערציילט ווער מיר זענען און וואָס מיט אונדז פּאַסירט, אָבער מער ווי באַדויערן האָבן זיי נישט געקאָנט און אין אויסדרוק פון סימפּאַטיע האָבן זיי אונדז צוגעוואָרפן פּאַפּיראָסן און סענדוויטשן.

פיר וואָכן האָט געדויערט דאָס שלעפּן זיך איבער רוסלאַנדס מרחקים, אין הונגער און אין אומריינקייט, פאַרשלאָסן און אָפּגעריסן פון דער וועלט און פון מענטשן, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין אַרכאַנגעלסק.

מען איז אַראָפּ פון די וואַגאָנעס און מען האָט אונדז געפירט אויספּאַרען און אויסבאָדן. מ'האָט מיך מיט נאָך איינעם געשיקט ברענגען עסן פון דער קוך.

אַ זעלנער האָט אונדז צוגעפירט צו אַן אָרט וווּ עס זענען גע־שטאַנען צוויי פעסער געקאָכטע פיש. דער ריח זייערער האָט אַזש פאַרריסן. ביי מיין חבר האָבן די אויגן זיך צעגליט און די באַקן — צעפלאַמט. אויך איך האָב געקוקט גיריק אויף די ווייסע ים־פיש און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז כ'וואָלט בכוח געווען אויפצועסן ווער ווייס וויפל פון זיי.

איך האָב זיך נישט געקאָנט באַהערשן און געפרעגט ביים זעלנער:

— מעג איך עפּעס טועם זיין פון די פיש?

— וויפל דו קאָנסט — האָט ער אַ שמייכלענדיקער געענטפערט און מיין חבר און איך, זענען צוגעפאַלן צו די געקאָכטע פיש און נישט אַזוי שנעל זיך אָפּגעריסן פון זיי.

— כאָטש איינמאָל זיך אָנגעגעסן צו דער זעט — האָט מיין חבר ווישנדיק די ווינקלען פון מויל גערעדט צו זיך אַליין.

— אפשר שוין פאַר מאָרגן אויך — האָב איך צוגעגעבן. ווער ווייס?

אויף א שיף

ווייט, גאָר ווייט פון צענטראַל־רוסלאַנד ליגט אַרכאַנגעלסק, אָבער פאָרט איז נאָך דאָרט נישט עק־וועלט. כדי צוצוקומען אַהין, פירן נאָך אַ סך וועגן, דורך ים און יבשה, דורך וויסטענישן און ווילד־בראשיתדיקע שטחים.

אונדז האָט די „טראָיקע״ אין קרעמל, ווייזט אויס, צי אפשר דער וויסטער גורל, טאַקע אַהינצו געטריבן.

גלייך צומאָרגנס נאָכן אָנקומען קיין אַרכאַנגעלסק, האָט מען אונדז אַוועקגעפירט צו אַ ים־ברעג און דאָרט אויפגעלאָדנט אויף אַ שיף. אַראָפּגעלאָזן אונדז גאָר אונטן, אין אַ גרויסן זאַל אַריין (אויב מ׳קאָן עס אַזוי אָנרופן) ווו אַרום די ווענט זענען געווען אויפגעשטעלט דרייגאָרנדיקע פּריטשעס.

אונדזער טשערניכאָווער גרופּע האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען. פון דערפאַרונג שוין געוווסט אַז קודם־כל מוז מען זיך גוט היטן פאַר די „אורקעס״, וועלכע האָבן אונדז איבערן גאַנצן וועג אָנגעטאָן גע־ברענטע צרות.

איינמאָל האָט מען צו אונדז אַראָפּגעלאָזן אַ גרופּע קינדער־פאַרברעכער. מיר האָבן געוווסט אַז ווי נאָר זיי וועלן אָפּגעפונען פאַר זיך זייער מקום, וועלן זיי גלייך נעמען אויספירן שליחותן פון די עלטערע אונטערוועלטניקעס און עס וועט שווער זיין צו דער־היטן זיך פון זייערע ספּריטנע הענט.

די שיף האָט גערירט פון אָרט, געשוואומען אין ים אַריין.

הימל און וואַסער. די שיף שניידט זיך טיף צווישן די כוואַליעס. פייגל באַגלייטן אונדז אין וועג אַריין. פּאַטשן מיט די פליגלען, מאָנען זייער חלק — דערנערונג פאַר זיך.

איך קוק מיך אַרום און זע די מיטשותפים אונדזערע אין דער „רייזע איבער דער וועלט". אַן אָרגאַניזירטע פאַרברעכער־וועלט. זיי פאַרשיקט מען און אונדז פאַרשיקט מען... זיי האָבן אויף זייער געוויסן מאָרדן, און מיר האָבן איבערגעטרעטן די רוסישע גרענעץ... צוזאַמען איז אונדזער וועג צו עק וועלט.

אין אַנבליק פון דער בשותפותדיקער רייזע האָט זיך אפילו פאַר־געסן ווער און וואָס מען איז, ווי עס וואָלט נישט פאַרבליבן מער קיין זכר פון אַמאָליקן מענטש. איך האָב געקוקט אויף זיך, אין זיך אַריין און געדאַכט אַז דורות גאַנצע בין איך שוין אַלט, אַ ווייטער גלגול פון אַ ווייטע עבר.

דאָס גיהנום האָט זיך אָנגעהויבן גלייך ווי די שיף האָט גערירט. פון פריער נאָך האָבן די פאַרברעכער און גנבים אונדז גוט אָבסער־ווירט, זיך אַרומגעזען, אַז דער רוב פאַרשיקטע זענען יידן און פּאָ־ליאַקן פון די מערב־געביטן, דאָס הייסט, אַזעלכע וועלכע זענען אַנט־לאָפן פון זייערע היימען און פירן מיט זיך זאַכן וועלכע עס לוינט צוצוגנבענען זיי.

זיי האָבן שוין נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון אונדזערע געפּעק, אונטערגעשיקט די יינגע אורקעס, וועמען זיי האָבן אַריינגענומען צו זיך — אויסקוקן ווער עס האָט אַ גרויסן באַגאַזש און צו וועמען עס איז לייכטער צוצוקומען.

אונדזער גרופּע האָט גלייך פון דער ערשטער מינוט אָן זיך באַוואָרנט וויפל זי האָט נאָר געקאָנט. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ קרייז, אַוועקגעלייגט די זאַכן אין דער מיט כדי עס זאָל זיי קיין פרעמדע האַנט נישט קאָנען דערגרייכן.

אָבער נישט אַלע האָבן זיך אַזוי אָרגאַניזירט ווי מיר. האָבן געלייגט זייערע זאַכן צוקאָפּנס, געטראַכט אַז אַזוי וועלן זיי גוט קאָנען אָפּהיטן זייער בידנע פאַרמעגן פון רויב און זענען דורכגע־פאַלן.

אין דער זעלבער צייט זענען די וואַך־זעלנער זיך געזעסן אויפן דעק און פאַרברענגט, געווילט זיך, גערעדט וועגן פרויען און געשפּילט אין קאָרטן.

שעה נאָך שעה איז פאַרביי. טאָג איז ערגעץ ווייט אויסגעגאַנגען און פינצטערניש האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף די שיף־ווענט און אַראָפּגעפאַלן צו אונדז אין קעלער־זאַל.

די אונטערוועלטניקעס האָבן זיך גלייך אַ לאָז געטאָן צו דער אַרבעט, האָבן געראַבעוועט, געגזלט, געשלעפּט בכוח פרעמדע זאַכן.

פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן געשרייען, געוואַלדן, ווי עס וואָלטן געפּייניקטע גערופן הילף קעגן זייערע פּייניקער.

עטלעכע מענטשן זענען אַרויפגעלאָפן צו די וואַך־זעלנער, איבערגעגעבן וואָס עס קומט אונטן פאָר, אָבער יענע האָבן זיך נישט גערירט, זענען נישט אַראָפּ מאַכן אָרדענונג, אָנגעמען זיך פאַר די באַרויבטע.

אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר געזעסן צוזאַמענגעטוליעטע און נישט געוואָלט זיך צולענען. מיר זענען געווען פאַרצווייפלט. נישט געוווּסט מיט וואָס און ווי אַזוי עס וועט זיך ענדיקן דער גרויל.

ווען טאָג האָט אויפגעשיינט האָבן מיר עטוואָס לייכטער אָפּ־געאָטעמט, כאָטש די אונטערוועלט־חברה איז געווען גענוג חוצפּהדיק אין מיטן העלן טאָג, און דורכגעפירט גניבות ביי דער מיטהילף פון די יינגע אורקעס.

און אַזוי איז ווידער געלאָפן שעה נאָך שעה, און מיר זענען געווען אין איין שרעק און ציטערניש פאַר דער נאַכט וואָס דאַרף אָנקומען, וואָס דאַרף זיך אַראָפּלאָזן צו אונדז מיט אַזאַ געדיכטער פינצטערניש.

מיר האָבן נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן. עס האָבן אָנגעהויבן אויסברעכן געוואַלדן און געשרייען, די אונטערוועלטניקעס האָבן זיך איינפאַך געוואָרפן אויף פרעמדע זאַכן און מיט כוח גערויבט.

ווי אַ דזשונגל האָט אויסגעזען אונדזער זאַל. ווי עס וואָלטן מלחמה געפירט מענטש מיט חיה.

מיר האָבן אויפגעציטערט און פון אַלעמען האָט זיך געטראָגן איין געשריי — „ראַטעוועט!“

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ צווייטער רוף: „געוואַלד, מען שלאָגט, מען הרגעט!״

באַלד האָט מען זיך איבערגעגעבן, אַז נאָכדעם ווי איינער פון די פאַרשיקטע האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט אַ רויב־פּרווו האָט די „ווילע״ חברה אים אַרויסגעשלעפּט אויף די טרעפּלעך און אים דאָרט דער־הרגעט אויף טויט.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אַ צוואָנציק וואַך־זעלנער מיט לאַמטערנעס אין די הענט און אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן האָבן זיך באַוויזן אין אונדזער ווין־זאַל. זיי האָבן אויסגעקליבן אַ פינף אונטערוועלטניקעס און מיטגענומען מיט זיך.

שפּעטער זענען זיי אַראָפּגעקומען צו אונדז גוט צעשלאָגן, צע־בלוטיקט, מיט לעבער אין די קעפּ.

נאָך דער נאַכט האָט דער פּאָגראָם איבער אונדז אין אַ געוויסער מאָס נאָכגעלאָזן. איינצלנע גניבות זענען אָבער נאָך ווייטער פאָר־געקומען. די גניבהשע הענט האָבן נישט געקאָנט רוען, און ווי נאָר זיי האָבן זיך געפונען לעבן אימיצנס אַ חפץ, האָבן זיי עס אַ שלעפּ־געטאָן מיט זיך צו די אורקישע פריטשעס צו.

געווען אויך צווישן אונדז אַ פּוילישער אונטערוועלטניק, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער באַנדע אורקעס, אָנגעוויזן ביי וועמען צו רויבן. שפּעטער האָבן זיי אַליין ביי אים אַלץ אָפּגענומען...

גרויליקע און גרויזאַמע טעג, ווי סצענעס פון דאַנטעס גיהנום, זענען געווען אויף דעם שיף. הימל און וואַסער און פייגל, און — אונטערוועלטניקעס. אַזוי ביז מיר האָבן אין איינעם אַ טאָג זיך דער־שלאָגן צו אַ ברעג. דאָרט האָט מען אונדז אויסגעלאָדנט און צוגעפירט צו אַן אָרט ווו עס זענען געשטאַנען און שוין געוואַרט אויף אונדז ליידיקע ביידלעך.

אויפן וועג צו זיי האָט אונדז באַגעגנט אַ רוס מיט אַ לאַנגער באָרד און געזעגנט צו זיך אַז אויך מיר זאָלן הערן:

— ווידער קרבנות, פרישע קרבנות.

אין דער פאליאר־
סטרעפע
נאריאן מאר

ווייטער האָט מען אונדז נישט געקאָנט פאַרשיקן. דאָ ענדיקט זיך די וועלט. דאָ איז דער לעצטער פונקט אויף דער ערד. דער העכסטער פונקט — נאַריאַן מאַר. דאָ איז די פאָליאַר־סטרעפע. עס ציען זיך אייזבערג, און מיר אינצווישן... פון דאָ צעשיקט מען אויף אַרבעט אין די אַרומיקע פאָליאַר־אינדזלען, דער עיקר, אין דער קוילן־שאַכט אַריין אויף דעם פראַנץ יאָזעף־אינדזל.

דער העכסטער פונקט אויף דער ערד. דאָס נידעריקסטע באַשעפעניש דאָ, איז דער מענטש. אַ שקלאַף איז ער, אַ קנעכט קעגן זיין ווילן. אומבאַהאָלפן איז ער. ווער ווייס דען דעם גורל זיינעם אויף פאַרשיקונג אין די אייזבערג?

ערשט אָנקומענדיק אויפן אָרט, זענען מיר געוווּיר געוואָרן וואָס פאַראַ געפערלעכן וועג מיר האָבן דורכגעמאַכט; אַז מיר זענען דורכגעפאָרן דעם בערינגער אייכגוס, אַז אונדזער שיף האָט אָנגעטראָפן אויף אַן אייזבאַרג און אים אין דער לעצטער מינוט אויסגעמיטן.

מ'האָט אונדז אויך דערציילט, אַז איינע אַזאַ שיף מיט מענטשן־שקלאַפן האָט זיך דאָ ווען צוזאַמענגעשטויסן מיט אַן אייזבאַרג און אונטערגעגאַנגען מיט די מענטשן.

מער פרטים ווייסט מען נישט. אונטערגעגאַנגען. דערטרונקען געוואָרן, און — שוין. רוסלאַנד איז גרויס. מענטשן אין די שווערע מיליאָנען, טאָ וואָס פאַראַ ראָל שפּילט אַ שיף מיט מענטשן?

זענען מיר צופרידן געווען וואָס מיר זענען כאָטש אָנגעקומען בשלום, וואָס מיר האָבן אויסגעמיטן קאַטאַסטראָפעס און געפינען זיך שוין אויף אַן אָרט. מיר זענען אַריין איןביידלעך און האָבן שוין ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ. נאָר אַ צרה וואָס די גנבים זענען דאָ ווידער טעטיק, איבערהויפּט ביינאַכט. זיי רייסן אַפּער פון אונטערן קאָפּ דאָס פּעקל זאַכן פון פאַרשיקטן, און — נישטאָ צו וועמען צו רעדן.

אויפן צווייטן טאָג פון אונדזער אָנקומען, בין איך אַרויס אַביסל אַ קוק געבן וואָס עס טוט זיך אין לאַגער און געוואָלט זיך אַזוי אַרום באַקענען מיט די עלטערע איינוווינער פון לאַגער, די תושבים. איך בין פאַרבייגעגאַנגען אַ ביידל ווו מ׳האָט געשפּילט אין שאַך און פאַר־שטאַנען גלייך אַז דאָס זענען נישט קיין אונטערוועלטניקעס. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט צי כ׳קאָן זיך צוקוקן צו דער פּאַרטיע. בינו לבינו האָב איך זיך באַקאַנט מיט איינעם פון זיי.

ווי דער מנהג אין לאַגער, האָט מען מיך קודם־כל געפרעגט אויף מיין פּאַראַגראַף לויט וועלכן מ׳האָט מיך פאַרמשפּט, כדי אַזוי אַרום צו וויסן צו וועלכער קאַטעגאָריע איך געהער. אַזוי ווי כ׳בין נאָך נישט געווען באַקאַנט מיט די פּאַראַגראַפן, האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז זיי האָבן צו טאָן מיט אַ „גרינעם״, צו וועלכן מ׳האָט, אגב, אין לאַגער דעם גרעסטן צוטרוי.

דער רוס מיט וועמען איך האָב זיך נאָר־וואָס געהאַט באַקאַנט, האָט מיר גלייך „אויסגעשיט״ זיין „פּעקל״.

ער האָט דערציילט, אַז ער שטאַמט פון אַן אָרט ווייט נאָך מאָס־קווע. דאָרט האָט ער געפירט אַ רויק לעבן מיט זיין פרוי און צוויי קינדערלעך, געהאַט אַן אייגן שטיקל פעלד אַרום דער כאַטקע און געצויגן פּרנסה פון אַרבעטן אויף דער באַן ווי אַ מאַשיניסט. זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען אומפּאַרטייאיש. נאָכן קיראָוו־מאָרד, בעת עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע אַרעסטן, איז ער אויך אַריינגעפאַלן. אויף די אויספאָרשונגען האָט ער זיך נישט איינגעבראָכן, פאַרקערט, גערשיגן, געליאַרעמט: היתכן? וואָס האָט מען צו אים? ער לעבט אַן ערלעך שטיל לעבן, באַשיידן, קיינער האָט נישט צו אים, איז אומ־פּאַרטייאיש, דערפילט זיין פליכט ווי עס באַדאַרף צו זיין. עס קאָנען וועגן דעם עדות זאָגן די מענטשן פון דער באַן־דירעקציע.

נאָר צו זיינע רייד האָט מען זיך נישט צוגעהערט. מען האָט אים געפרעגט צי ער האָט אָנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905. זיין תשובה איז געווען אַ פּאָזיטיווע. האָט מען אים געפרעגט הלמאַי ער האָט נישט אָנטייל גענומען אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון יאָר 1917, איז ער געווען קעגן איר?

מיט כלערליי שבועות און חרמות האָט ער דערוויזן, אַז ער איז אין זיין גאַנץ לעבן נישט געווען קיין קאָנטררעוואָלוציאָנער, אַז אין יאָר 1905 איז ער געווען אַ בחור נאָך, האָט ער זיך אַליין געשטעלט צום קאַמף. שפּעטער אָבער האָט ער חתונה געהאַט, איז אַוועק ווינען אין אַ ווייטן העק, און ווען ס'איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע איז זי אַהין נישט דערגאַנגען. געלעבט האָט ער זיך רויק, נישט געמישט זיך אין פּאָליטיק, און ווי נאָר אַ ברעקל פרייע צייט, האָט ער זיך פאַרנומען מיט דעם פּיצל ווירטשאַפט און אָפּגעגעבן זיך דער פאַמיליע.

אָבער די נ.ק.וו.ד. האָט פון גאָרנישט געוואָלט וויסן. שוואַרצע טעג זענען דעמאָלט אַראָפּ אויף רוסלאַנד. לעבן און נישט לעבן איז געלעגן אויפן וואָגשאָל. די פּראָקוראַטאָרן האָבן זיין פאַרטיידיקונג נישט אָנגענומען און מ'האָט אים צוגעפּסקנט צען יאָר. צען יאָר פאַר־שיקונג. פרוי און קינדער זענען געבליבן אינדערהיים. ווער ווייס וואָס זיי מאַכן, ווי אַזוי זיי לעבן, בפרט אין מלחמה צייט? קאָן זיין אַז זיי זענען אויפן פראָנט, אפשר לעבן זיי נאָך און אפשר נישט, ווער ווייס? ווער ווייס?

ער האָט אָפּגעזיפצט און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ צום שאָך־צו.

דער פאַרטנער זיינער צום שאַך־שפּיל, אַ לענינגראַדער רוס, האָט אויך געהאַט וואָס צו דערציילן: מען האָט אים באַשולדיקט אין טראָצ־קיזם. ער האָט געלייקנט שטיין־און־ביין, געזאָגט אַז אַלע באַשולדי־קונגען קעגן אים זענען אויסגעטראַכט, פּשוט פאַלשע.

פאַר די חוצפּהדיקע רייד האָט מען אים אַרויפגעלייגט אויף אַ טיש, צעשפּרייט אים די פיס און די הענט, געבונדן אים און געשלאָגן. ווען ער האָט אונטער די קלעפּ געחלשט, האָט מען געגאָסן אויף אים וואַסער, געמינטערט און ווייטער געשלאָגן. שפּעטער האָט מען אים אַריינגעזעצט אין קאַרצער, געהאַלטן אויף ברויט מיט וואַסער, נאָר ער האָט נישט נאָכגעגעבן און נישט צוזאַמענגעבראָכן זיך.

דער ענטפער אויף דעם איז געווען — צען יאָר. אַ געשאַנק אַזאַ. צען יאָר פאַרשיקונג אין דער פּאָליאַר־סטרעפע, צווישן קאַלטע אייזבערג...

בעת מיין ערשטן שפּאַציר אין לאַגער, האָב איך אָנגעטראָפן און באַקאַנט זיך מיט אַ דייטשן קאָמוניסט, פריער אַ טעטיקער אין קאָמינ־טערן. מ׳האָט אים אין איינער אַ נאַכט אַרויסגענומען פון בעט און גלייך אים פאַרשיקט אַהער, אַזוי אַז עד היום ווייסט ער נישט וואָס זיין חטא איז געווען. דאָ איז ער שווער קראַנק געוואָרן, ליידט איצט פון רעוומאַטיזם אין די גלידער. וואָס אַן אמת באַקומט ער אָפט צו עטלעכע טאַבלעטן אַספּירין, אָבער זיי העלפן אים ווייניק. איז ער מיד, צעבראָכן, פאַרצווייפלט און זעט בכלל נישט קיין שום אויסזיכטן זיך צו ראַטעווען.

נאָך עטלעכע טעג אָפּזיין אין לאַגער בין איך אַוועק אין דער אַמבולאַטאָריע און זיך געמאָלדן ווי אַ קוואַליפיצירטער „לעקפּאָם" (פעלדשער).

דער דאָקטער האָט מיך גוט אויפגענומען, געבעטן אַז כ׳זאָל מיט־אַרבעטן אין די אויפּנאַם־שעהן און בכלל זיך אַריבערטראָגן אַהער. כ׳האָב גענומען מיין רוקזאַק פוןביידל, געזעגנט זיך מיט אַלע באַקאַנטע און אַריבער ווינען אין דער אַמבולאַטאָריע.

אין רוקזאַק האָב איך געהאַט אַ גוטן קאָץ און מיין פרויס קליידער, וועלכע איך האָב געשלעפּט מיט זיך דעם גאַנצן וואַנדער־וועג זינט מ׳האָט אונדז פאַנאַנדערגעשיידט, בשעת זי אַליין איז געבליבן מיט מיינס אַ ביסל וועש און אַן אָנצוג, ווי צום אָנדענק...

צומאָרגנס נאָך די אויפּנאַם־שעהן בין איך אַוועק צו מיינע באַקאַנטע פון טשערניכאָווער תפיסה. געזוימט זיך אַביסל און ווען כ׳בין צוריקגעקומען האָב איך שוין מיין רוקזאַק נישט געטראָפן. אַ גניבהשע האַנט האָט מיין ביסל פאַרמעגן ביי מיר אַוועקגערויבט. סיי דער פרויס זאַכן — כאָטש איך האָב זיי נישט באַנוצט — און סיי דער קאָץ, זענען מיר זייער אַ שאָד געווען. איך בין גלייך אַוועקגע־לאָפן מעלדן דער לאַגער־וואַך וועגן דער גניבה, און צו מיין באַדויערן, גאָרנישט אויפגעטאָן.

שפעטער אַריין האָב איך שוין פאַרשטאַנען פאַרוואָס עס פועלט נישט קיין אינטערווענץ ביי דער לאַגער־וואַך, פאַרוואָס זי באַמיט זיך נישט צו העלפן דעם באַעוולהטן. די סיבה איז אַ פשוטע: די וואַך־סאָלדאַטן אַליין זענען שטילע שותפים צו די גניבות.

צוליב די אָפטע רויבערייען אין לאַגער, האָבן מענטשן אָנגעהויבן פאַרקויפן זייערע זאַכן און פאַרן געלט איינגעהאנדלט עסנוואַרג. קויפערס און פאַרקויפערס האָבן נישט געפעלט און דער מסחר אין לאַגער האָט געבליט ווי קיינמאָל נישט.

אין אַמבולאַטאָריע האָט צוזאַמען מיט מיר געאַרבעט אַ מעדיקער פון טיפליס. ער האָט דורכאויס געוואָלט אָפּקויפן ביי מיר מיין מאַנטל, וועלכער האָט ביי אים שטאַרק נושא־חן געווען. ער האָט מיר פאָרגע־לייגט איך זאָל נעמען ביי אים זיין מאַנטל, שוין אַ היפּש אָפּגע־טראָגענעם, און ער וועט מיר צוצאָלן געלט און אַ צוגאָב פון וורשט. איך האָב צום געשעפט נישט מסכים געווען. מיין מאַנטל איז מיר אַ שאָד געווען, איז מיר טייער געווען, האָט געהערט צום יענעם עבר וועלכער האָט אַזוי פיל דערמאָנט. אָבער דער טיפליסער מעדיק האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, געטענהט צו מיר: „ביזט נאָך אַ גרינער. סיי ווי וועט מען דיר דעם מאַנטל אַראָפּציען. מיט כוח וועט מען אים ביי דיר אָפּנעמען, דעמאָלט וועסטו ביי גאָרנישט בלייבן. מיין מאַנטל אָבער, וועט קיינער ביי דיר נישט נעמען און וועסט נאָך האָבן אי געלט אי וורשט".

זיינע רייד האָבן מיך נישט איבערצייגט. איך האָב נישט קיין חשק געהאַט אַראָפּצונעמען פון זיך דעם מלבוש, כאָטש דער מעדיק האָט מיט די בליקן זיינע אים מיר נישט פאַרגינען און מיט אומגעדולד געוואַרט אַז כ'זאָל ענדלעך אָננעמען זיין פּראָפּאָזיציע.

עס זענען אַדורך טעג און מיר האָבן אויפגעהערט צו רעדן וועגן מאַנטל.

אין איינעם אַ טאָג האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזן אויף אַ שפּאַציר. דער טיפליסער מעדיק האָט מיר דערציילט ווי אַזוי ער איז אַהער אַריינגעפאַלן.

אין סטודענטן־קלוב אין טיפליס זענען אין שפּיל־זאַל פאַראַן

קלײנע, נידעריקע טישעלעך. צווישן זיי זענען אויסגעשטעלט פֿאַר־שידענע פֿיגורן פֿון באָלשעוויסטישע גדולים.

ער איז געזעסן בײַ אַ טישל און געשפּילט שאַך, געווען פֿאַרטיפֿט אין אַ פּאַרטיע. ער איז אַ פֿאַרברענטער שפּילער און אין מיטן אַ פּאַר־טיע עקזיסטירט פֿאַר אים גאָרנישט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער זיך פֿאַרגעסן, אַראָפּגענומען ס׳היטל פֿון קאָפּ און צו זײַן ביטער מזל עס אַרויפֿגעלייגט אויף לענינס סטאַטוע־קאָפּ. נו, האָט מען אים געמשפּט, באַשולדיקט אים אין קאָנטררעוואָלוציע וואָס איז בולט געקומען צום אויסדרוק — לויט די באַשולדיקונגס־אַקטן — אין זײַן ביטול־באַציונג צום פֿירער און פֿאָטער פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — וולאַדימיר איליטש לענין.

און עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. קיין שום התנצלות איז נישט אָנגענומען געוואָרן. מיט אַלע מיטלען האָט ער באַוויזן און געוואָלט איבערצייגן, אַז ער איז גאָרנישט אויסן געווען, אַז זייענדיק אַזוי פֿאַר־טון אין דער פּאַרטיע האָט ער די וועלט נישט געזען פֿאַר די אויגן א.אז.וו. די באַשולדיקער האָבן אָבער אַנדערש פֿאַרשטאַנען און אים צוגעפּסקנט פֿינף יאָר פֿאַרשיקונג.

זײַן „פּעקל״ און די „פּעקלעך״ פֿון אַנדערע פֿאַרשיקטע, האָבן אויף מיר געווירקט פּאַטאַל, האָבן מיך אויפֿגעטרייסלט ביזן יסוד. מיט מײַן פּשוטן שכל האָב איך פֿאַר קיין פֿאַל נישט געקאָנט באַגרייפֿן פֿאַרוואָס מען טראַכט־אויס פֿאַר אייגענע בירגער, פֿאַר מענטשן בכלל, אַזעלכע גיהנום־לײַדן און ווילדע פֿאַרשיקונגען.

מען האָט געהאַלטן אין אײַן ברענגען טראַנספּאָרט נאָך טראַנס־פּאָרט, און מײַן פּחד איז געווען מען זאָל מיך נישט אַמאָל אַוועק־טראַנספּאָרטירן אין אַ קוילן־שאַכט, ווו כ׳וואָלט באַצייטנס זיך גע־דאַרפֿט געזעגענען מיטן לעבן.

מיט א באַרזשע
אויף דער פּעטשאָרע

אין איינעם אַ טאָג האָט מען מיך צוגעטיילט צו אַ טראַנספּאָרט אויף אַ באַרזשע.

ווי פֿל עס האָט זיך נאָר געלאָזן האָט מען זי אויסגעפּילט מיט פּריטשעס, און דאָס — גאָר אונטן, ווי אין וואַסער־קעלערן.

דאָרט איז געווען דער מקום פֿאַר די שקלאַפֿן. אויבן, אויפֿן דעק האָבן זיך געפֿונען די וואַך־זעלנער, די לאַגער־באַדינונג, די קוך, אַ דאָקטער און איך — זיין געהילף.

אַ קליינער דאַמפֿער האָט געשלעפּט די באַרזשע, און זי איז צוליב דעם געשווומען געלאַסן אויפֿן וואַסער. פֿון אייז־ים זענען מיר אַראָפּ־געפֿאָרן אונטן, אין דער פּעטשאָרע. דער טייך האָט זיך געצויגן ברייט און טיף. פֿאַרשידענע פֿיש זענען אַרומגעשווומען, אַזעלכע סאָרטן וואָס מיר האָבן אין לעבן נאָך נישט געזען, צווישן זיי — לאַקסן וואָס מיר האָבן אַמאָל, אין נאָרמאַלע צייטן געגעסן גערויכערטע.

די וואַך־זעלנער, געווינטע צו די נסיעות, האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט וואָס אונדזער באַרזשע האָט זיך געשלעפּט ווי אַ טשערע־פּאַכע און געכאַפּט כל המינים פֿיש.

מיר זענען אָנגעקומען צו אַ געוויס אָרט און די באַרזשע האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער קאָמענדאַנט איז אַראָפּ מיט עטלעכע זעלנער, האָט זיך געזוימט אַביסל צייט און שפּעטער זענען זיי אַלע צוריקגעקומען באַלאָדנט מיט קאָנסערוון־פּושקעס. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן

זענען זיי אַראָפּ אין אַ נאָענטער קאָנסערוון־פאַבריק פון קוראָפּאַטוועס און פון דאָרט מיטגענומען פאַר זיך צידה לדרך.

שלעפּן מיר זיך ווידער אויפן ברייטן טייך. עס באַגלייטן אונדז טשאַטעס ווילדע קאַטשקעס, גענדז און אַנדערע מינים געפליגל, נאָר אַממייסטנס קוראָפּאַטוועס, וועלכע האָבן, אגב, אויסגעזען אַנדערש פון די אין אונדזערע מקומות, קלענער אין וווקס און אינגאַנצן באַדעקט מיט ווייסע פעדערן.

איינמאָל זענען צו אונדז צוגעשווומען שיפלעך מיט אַרטיקע פויערים. זיי האָבן גערעדט דין און קוויטשענדיק און פאַרגעלייגט אַ טויש־האַנדל. דער עיקר האָבן זיי פאַרלאַנגט סוכאַרעס און געגעבן האָבן זיי פאַר דעם מילך.

האָבנדיק אַ סך סוכאַרעס, האָב איך זיי גערן געטוישט אויף מילך וואָס איך האָב אַריינגעזויפּט אין זיך פאַר טעג פאַרגאַנגענע און טעג קומענדיקע, וועלכע האָבן נישט אויסגעזען צו זיין אַזוי רייך אין דעם געטראַנק.

די מענטשן אונטערן דעק האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו אָטע־מען. דאָס גאַנצע ביסל לופט איז אַריין דורך די טרעפּ, ביים איינגאַנג. ערשט נאָך אַן אינטערווענץ פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג, ד.ה. פון דאָקטער און פון מיר, האָט מען דערלויבט צו עפענען צוויי פענצ־טער און ס׳איז אַביסל לופטיקער געוואָרן.

נאָך עטלעכע טעג האָט אויף דער באַרזשע אָנגעהויבן בושעווען אַ דעזינטעריע. זי איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג ביז עס האָבן אונדז אויסגעפּעלט מעדיקאַמענטן. מיר זענען געווען שטאַרק פאַרצווייפלט. מענטשן זענען געלעגן אָפּגעשוואַכט, אָן כוחות. דער דאָקטער און איך זענען אַרומגעגאַנגען אַרום די קראַנקע, אָבער אונדזערע מיטלען זענען געווען אָרעמע, ממש נישטיקע. עס איז אַ רחמנות געווען צו קוקן אויף די ליידנדיקע מענטשן און ס׳איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן, צו וועמען זיך צו ווענדן נאָך הילף.

פונדעסטוועגן האָט דאָס ביסל קאַלי־היפּערמאַנגאַניקום וואָס איז געווען אין אונדזער באַזיץ, פאַרט עפּעס אויפגעטאָן. מיר האָבן עס גענוצט מיט גרויס צמצום און טיילווייז אָפּגעהאַלטן מיט דעם די דעזינטעריע.

זעענדיק ווי דער מצב זעט אויס, האָבן מיר אינטערוועניערט ביים קאָמענדאַנט פון דער באַרזשע וועגן אַרויפלאָזן אויפן דעק גרופעס שוואַכע מענטשן, כדי זיי זאָלן קאָנען כאָטש במשך עטלעכע שעה לייכטער אָטעמען. דער קאָמענדאַנט האָט אינאָנהויב זיך געקווענקלט און לסוף נאָכגעקומען אונדזער פאַרלאַנג.

צו אונדזער גרויס באַדויערן האָט אָבער באַלד פּאַסירט אַן אומ־גליק און צונישט געמאַכט די דערגרייכטע פּריווילעגיעס. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך דערהערט אַן אַלאַרם־רוף. די וואַך־זעלנער האָבן אַרויסגעלאָזן אַ סאַלווע קוילן, און מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, נישט וויסנדיק וואָס עס איז געשען. באַלד אָבער האָט מען אונדז איבערגעגעבן אַ טרויעריקע בשורה, אַז עטלעכע מענטשן זענען אַריינגעפאַלן אין וואַסער, אָדער האָבן זיך בכוונה אַרונטערגעלאָזן כדי צו אַנטלויפן. סיי ווי — דער קאָמענדאַנט האָט באַלד אויסגענוצט די געלעגנהייט און צוריקגעצויגן די הנחות פאַר די שוואַכע און קראַנקע. זיי האָבן מער נישט געקאָנט זען די ליכטיקע שיין, נישט געקאָנט מער אַזוי פריי אָטעמען. זיי האָבן זיך געדאַרפט שטיקן אונטן, אין דער געדיכטעניש, אין שמוץ, און נישט געקאָנט אַרויס פון דער קרענק.

עטלעכע וואָכן האָט עס אַזוי געדויערט. ביז מיר האָבן זיך אין איינעם אַ טאָג ענדלעך דערשלעפּט צום סוף פון דער פּעטשאָרע, און אָנגעקומען אויף אַן אָרט מיטן נאָמען קאָזשווע. דאָרט האָט מען אונדז אויסגעלאָדנט און מיר האָבן גלייך געמאָלדן, אַז מיר האָבן עטלעכע שווער־קראַנקע און אַ 15—20 לייכטע קראַנקע נאָך דורכגעמאַכטער דעזינטעריע.

איך בין זיכער געווען אַז מיר וועלן באַקומען אַ שווערן פאַר־וווּרף פאַר דער גרויסער צאָל קראַנקע, וואָס עס קאָן אויך אויסגע־טייטשט ווערן ווי אַ לייכטזיניקע באַציונג צו די מענטשן. אָבער דער אָרטיקער דאָקטער האָט אויפגענומען אונדזער באַריכט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און אונדז געדאַנקט פאַר דער הילף וואָס מיר האָבן אַרויסגעוויזן די קראַנקע און פאַר דער מינימאַלער צאָל זייערער. ווי ער האָט אונדז שפּעטער איבערגעגעבן, ברענגען די באַרזשעס מיט

זיך ביי זייער אָנקומען אַ סך מער קראַנקע ווי מיר האָבן געבראַכט און אַפילו אויך טויט־פּאַלן.

דער דאָקטער און איך האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט און זענען צופרידענע אַוועק פון געזונטהייטס־אַמט.

אַרויסגייענדיק פון דאָרט האָב איך מיר געטראַכט: צוואַנציק קראַנקע מענטשן — הייסט גאָרנישט. אַ קליינע צאָל... אַנדערע ברעגעגען מער קראַנקע, אַפילו טויט־פּאַלן באַגלייטן די נסיעה אויף דער באַרזשע. דעריבער קומט אונדז אַ דאַנק. אַ דאַנק פאַר דעם וואָס מיר האָבן געבראַכט גענוג געזונטע מענטשן. שקלאַפן צו אַרבעט.

האַ? ווי האָט געזאָגט דער פּאָליטרוק אין דער טשערניכאָווער תּפיסה? — „פרייע לופט"... „יעדער ביי זיין אַרבעט"... און אפשר טאַקע?

צוויי טעג האָבן מיר גערוט און אויפן דריטן טאָג האָט מען אונדז צעטיילט אין עטלעכע אַרבעטס־באַטאַליאָנען.

איך בין באַשטימט געוואָרן ווי דער לעקפּאָם אין איינער אַ קאָלאָנע. מ'האָט מיך געפרעגט צי איך וויל אין אַ רוסישער, אָדער פּוילישער איינהייט און איך האָב אויסגעקליבן אַ פּוילישע. איך האָב נישט געוואָלט האָבן צו טון מיט רוסישע אונטערוועלטניקעס, וועלכע האָבן אונדז באַגלייט, אָנהויבנדיק פון דער טרויעריקער רייזע אויפן ים, ביז אַרכאַנגעלסק.

דער אָרטיקער דאָקטער האָט מיר געגעבן אינסטרוקציעס ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין מיט קראַנקע, אָנגעזאָגט אַז אין פּרינציפּ מעג איך באַפרייען ביז צען פּראָצענט קראַנקע פון דער אַרבעט, אָבער בתּנאי אַז די איבעריקע זאָלן אויספילן דעם גאַנצן אַרבעטס־פּלאַן. פונדעסטוועגן האָט ער מיר געראָטן צו באַפרייען קראַנקע פון אַרבעט נאָר אין גאָר, גאָר נויטיקע פאַלן.

איך האָב באַקומען אַביסל מעדיקאַמענטן פאַר מיין אָפּטיילונג און זיך צוגעשטעלט צו דער פאָרמירטער פּוילישער גרופּע וואָס איז באַשטאַנען פון 300 מאַן, צווישן זיי — אַ קליינע צאָל יידן.

מיר באשאפן א לאגער

פוסט און וויסט אַרום און אַרום. מיר גייען צופוס און ווייסן נישט ווו מיר וועלן זיך אָפּשטעלן. עטלעכע הונדערט מענטשן זענען מיר און שלעפּן קוים אונדזערע מידע גופים. די היץ איז גרויס. מען איז דורשטיק. ס׳ווילט זיך געפינען אַ קוועלעכל, אַביסל וואַסער צו באַנעצן די ליפּן — מען טאָר אָבער נישט אַרויס פון דער ריי. פאַרן אָפּמאַר־שירן האָט מען בפירוש געמאָלדן אַז ווער עס וועט זיך לאָזן אַ קער רעכטס אָדער לינקס, וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט. וואַך־זעלנער מיט הינט רינגלען אונדז אַרום, היטן אונדז שטרענג. נאָר סיי ווי האַלט קיינער נישט ביי אַנטלויפן. קיינער ווייסט נישט וווהין צו אַנטלויפן. יעדער באַגערט און קוקט אויס אַז עס זאָל זיך שוין ענדיקן דער מאַרש, אַז מ׳זאָל זיך קאָנען אַביסל אָפּרוען, ערגעץ ווו אַוועק־לייגן די צעווייטיקטע, צעבראָכענע ביינער.

נאָר מיר גייען. די זון וואַרעמט נישקשהדיק. עס טרוקענען די ליפּן, זיי ציען זיך צונויף, מען חלשט פאַר אַ טרונק וואַסער.

נאָר אָט איז געקומען אַ באַפעל אָפּצורוען זיך. אַ קאַלוזשע וואַסער האָט זיך צעשפּיגלט אַנטקעגן דער זון, ווי עס וואָלט אַ ברונעם זיך אַנטפּלעקט על פּי נס פאַר די מידע גייערס. מענטשן לויפן צו, ציען זיך אויס אויף דער ערד און הייבן גיריק אָן טרינקען דאָס שמוציקע וואַסער. איך בעט זיך ביי זיי צו באַהערשן זיך, נישט צו טרינקען, ווייל ערשט נאָך דעם דאָזיקן געטראַנק קאָן מען אויף אַן אמת קראַנק ווערן, אַפילו אומקומען.

קוים, קוים וואָס כ'האָב זיי איבערצייגט און די שוואַכע מידע מענטשן זענען צוריק אַריין יעדער אין זיין ריי. קיינער האָט נישט געוואָלט אַרויפציען אויף זיך אַליין קיין קראַנקייט. לעבן האָט יעדער געוואָלט. אינעווייניק, ערגעץ טיף אין האַרצן האָט טראָץ אַלע ליידן און פיין, געטליעט אַ גלויבן, אַ האָפענונג צו דערלעבן עפּעס בעסערס. האָט מען נישט געוואָלט איינשטעלן, מען האָט זיך איינגעהאַלטן, רעזיגנירט פונעם וואַסער און ווייטער געגאַנגען, געגעצט די ליפּן מיט שפּייעכץ און געשלעפּט זיך.

אין אַ געוויסן מאָמענט איז איינער פון די מענטשן קראַנק געוואָרן און איך האָב זיך געדאַרפט מיט אים מטפל זיין. דער באַטאַליאָן איז געגאַנגען זיין וועג פאָרויס און איך מיט אַ וואַך־זעלנער זענען געבליבן הינטערשטעליק מיט דעם קראַנקן, וועלכער האָט פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט שטעלן די פיס און גיין ווי יעדער איינער.

אינצווישן איז צוגעפאַלן די נאַכט. אַ געדיכטע פינצטערניש האָט אַלץ צוגעדעקט און אָנגעוואָרפן אַ פּחד מיט איר ריזיקער ליידיקייט. דער זעלנער האָט אונדז איבערגעלאָזן אַליין, געזאָגט אַז ער וויל אָניאָגן דעם באַטאַליאָן, געהייסן אונדז גיין אַזוי לאַנג ביז מיר וועלן זיי אָניאָגן. ער האָט אויך צוגעזאָגט, אַז שפּעטער וועט ער זיך אומקערן צו אונדז.

דער קראַנקער איז געגאַנגען טריט ביי טריט, און דאָס איז אים אויך שווער אָנגעקומען. די פינצטערניש האָט אָפּגעווישט אַלע תּחומים, אַלע סטעזשקעס און וועגעלעך. מיר האָבן פאַרלוירן יעדער ריכטונג, נישט געוווסט וווהין זיך אַ ריר צו טון.

נישט האָבנדיק קיין אַנדערע ברירה האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און באַשלאָסן צו וואַרטן ביז דער זעלנער וועט צוריקקומען.

איבער אונדז האָט געהויערט אַ שוואַרצער הימל און נאַכט האָט זיך געקנוילט צווישן אים און דער ערד. מיר זענען געזעסן אומעטיקע, געשעפּטשעט שטיל צווישן זיך און די ליידיקייט האָט אונדזער קול צעטראָגן, פאַרגרעסערט און עס צעשיט אין אַרום.

פּלוצלונג האָט אַ הונט זיך דערנענטערט צו אונדז. גלייך נאָך אים איז אָנגעקומען דער זעלנער, וועלכער האָט אונדז פריער פאַר־

לאָזן און מיר זענען שוין צוגעגאַנגען צו אַ קליין וועלדל. דאָרט האָבן מיר געטראָפן אונדזער באַטאַליאָן. די מענטשן האָבן געזאַמלט צווייגן, געצונדן פייערן און זיך אויסגעלייגט אויף דער פייכטער ערד.

מידע און פאַרמאַטערטע פון לאַנגן וועג זענען מיר אַלע געלעגן צוזאַמענגעטוליעט איינער צום צווייטן, מיט די פּנימער צום פייער.

די צווייגלעך האָבן געקנאַקט מיט אַזאַ געוואַי, געשפּריצט מיט פונקען אין דער געדיכטער פינצטערניש. מיר זענען געלעגן און גע־וואַרעמט זיך, דער רוב פון אונדז איז געלעגן וואַך, נישט געשלאָפן. מיר האָבן געקוקט סתם אין הימל אַריין. נישט געזוכט איצט קיין באַשייד צו אַלעם, נישט אויפגעלעבט קיין זכרונות פון פאַרגאַנגענע טעג, נאָר געקוקט דעם מאָרגן אין פּנים אַריין, געוואָלט וויסן וואָס עס וועט זיין מיט אונדז דאָ, אויף דעם נייעם אָרט ווו מיר דאַרפן אָנהויבן לעבן.

נאָר דאָס וועלדל איז געווען מיט פינצטערניש אַרומגענומען. די נאַכט האָט עס פון אַלע זייטן פאַרצוימט, און דער מאָרגן האָט נאָך דערווייל פון קיין שום ווינקל צו אונדז נישט אַרויסגעשיינט...

אינדערפרי האָט דער קאָמענדאַנט געהאַלטן פאַר אונדז אַ רעדע. ער האָט דערקלערט אַז דאָ, אויף דעם אָרט וועלן מיר דאַרפן לעבן. די ערד — האָט ער געזאָגט — ווערט דאָ צום ערשטן מאָל באַטרעטן דורך מענטשן. נישטאָ דאָ קיין וועג און קיין שטעג, קייןביידל נישט. אַלץ וועלן מיר דאַרפן אַליין שאַפן, אַליין בויען, אויפשטעלן. דאָס איז אייגנטלעך די אויפגאַבע אונדזערע און צו דעם צוועק האָט מען אונדז אַהערגעבראַכט. קיינער טאָר נישט אָפּשטיין. חוץ דעם מוזן די באַראַקן ווי אַמשנעלסטן אויפגעשטעלט ווערן, אַ נישט וועלן מיר דאַרפן שלאָפן אויף דער פייכטער ערד.

זיין רעדע האָט דער קאָמענדאַנט פאַרענדיקט מיט שטאַרקע קאָמ־פּלימענטן פאַר דעם ראַטנפאַרבאַנד און פאַר דעם פאָטער פון אַלע אָן אויסנאַם פעלקער — דעם חבר יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין. איך האָב געבעטן ביים קאָמענדאַנט צו דערלויבן מיר רעדן.

אַ פּאָר ווערטער. ער האָט מיר געגעבן די דערלויבעניש און איך האָב בערך געזאָגט אַזוי:

„דער גורל האָט אונדז אַהער פאַרוואָרפן. צי מיר ווילן יאָ, צי מיר ווילן נישט, דאַרפן מיר זיך דאָ איינאָרדענען, טאָ לאָמיר קודם־כל זאָרגן פאַר אונדזער געזונט און גלייך אויפשטעלן עטלעכע באַראַקן, כדי נישט צו ליגן אויף דער פייכטער ערד. מיט געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען, יעדער לויט זיין יכולת, לאָמיר שאַפן דאָס נויטיקסטע פאַר אונדז — אַ דאַך איבערן קאָפּ".

ווי נאָר איך האָב געענדיקט די פּאָר ווערטער זענען צו צו מיר עטלעכע יוצר־משרתים פון קאָמענדאַנט מיט אַ טענה הלמאי איך האָב נישט דערמאנט און נישט פאַרענדיקט מיט אַ פּאָר לויב־ווערטער פאַר סטאַלינען.

איך האָב זיי געענטפערט: מילא, דער קאָמענדאַנט האָט עס געטאָן, איז נאָך צו פאַרשטיין, אָבער ווי קום איך דערצו? וואָס האָב איך נויטיק אים צו דערמאָנען? אפשר דאַנקען פאַר דעם וואָס מ׳האָט אונדז אַהערגעשיקט? דאַנקען פאַר דעם אַלעם וואָס מיר האָבן שוין דורכגעמאַכט זינט יענעם פאַרשאָלטענעם טאָג פון אַריבערגיין די גרענעץ?

זיי האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ, פאַרשטאַנען מיין פאַרביטערטקייט און דאָך צוגעגעבן:

— יאָ, אָבער ביי אונדז פירט זיך אַזוי...

אין זעלבן טאָג נאָך האָט מען איינגעטיילט די מענטשן אין דרושינעס. די האָבן געזעגט ביימער, די — אַרומגעהאַקט די צווייגן, און די האָבן זיי אַרומגעטעשעט. באַלד האָבן זיך אָפּגעפונען פאַכמענער און מ׳האָט אָנגעהויבן אויפשטעלן הייזלעך: פאַר דער מאַכט, פאַר אַ קוך און ווינונגס־הייזקעס פאַר די מענטשן.

נאָך עטלעכע טעג אינגאַנצן האָט מען שוין געקאָנט זען די קאָנטורן פון אַ נייעם ישוב אויף דער צום ערשטן מאָל דורך מענטשן באַטראָטענער ערד.

אַ נייער גיהנום־לאַגער איז צוגעקומען צו דער מאַפּע פון די אַזוי פיל דאָ פאַראַנענע אַרבעטס־לאַגערן מיט די פאַרשיקטע פון אַלע עקן פון ריזיקן רוסלאַנד.

מיר בויען א שאסיי

אַ ביז גאַר בידנער פערדל איינגעשפּאַנט צו אַ וועגל האָט מיט־געשלעפּט אַהער אונדזער שפּייז־זאַפּאַס, וואָס האָט זיך שנעל גענומען אויסלאָזן. נישט ווייט פון אונדזער לאַגער איז געווען די הויפּט־שפּייז־באַזע, וועלכע האָט באַדינט אַ סך לאַגערן, אָבער מיר האָבן צו איר נישט געקאָנט צוקומען. מיר זענען געווען אָפּגעריסן פון אַרום. אָן אַ וועג און אָן אַ מעגלעכקייט צוצופירן פּראָדוקטן פאַרן לאַגער.

דער באָדן איז געווען אַ בלאָטיקער, פול מיט קאָלוזשעס און גריי־בער. מיר האָבן דעריבער פאַרשטאַנען, אַז אויב מיר וועלן אַליין נישט זאָרגן דערפאַר צו האָבן אַ וועג צו דער באַזע, וועלן מיר גאַנץ לייטיש הונגערן.

מיר האָבן, דעריבער, גלייך צוזאַמענגעשטעלט אַ בריגאַדע וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו בויען אַ שאָסיי. מ׳האָט צעזעגט אַראָפּ־געלאָזענעביימער, אַרומגעטעשעט זיי פון די צווייגן און זיי געלייגט אין דער ברייט, איינעם לעבן צווייטן.

מיט שווייס און מי פון די מענטשן האָט זיך די אַרבעט גערוקט פאָרויס, ביז מ׳האָט זי פאַרענדיקט.

נאָך אַ קורצער צייט האָבן אָנגעהויבן קומען אין לאַגער אַריין וועגענער מיט שפּייז.

אין יענע ערשטע טעג האָבן מענטשן זיך נאָך געגעבן אַן עצה. דער לאַגער איז נאָך נישט געווען אַרומגעצוימט, מ׳האָט זיך געפילט פרייער, און ווי נישט איז זיך אַרויסגעהאָלפן. מען איז אַרויס אין דער נאָענט, מ׳האָט אויפגעקליבן שוואָמען, אַזעלכע גרויסע שוואָמען וואָס

מיר האָבן קיינמאָל פריער נישט געזען. אויך ביי דער אַרבעט פלעגט מען זיי אָנקלויבן, אָפּקאָכן זיי אין בלעכענע פּושקעס און אונטערלעבן זיך מיט דעם דאָס האַרץ. וואָס אַן אמת האָט געפעלט צו דעם אָביסל זאַלץ וואָס איז נישט געווען בנמצא, נאָר אַזוי ווי עס האָבן אַ סך זאַכן געפעלט, און מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו זייער פעלן, האָבן מיר צום עסן אָן זאַלץ אויך געמוזט זיך צוגעוווינען.

אין די וועלדער וווּ מיר האָבן געאַרבעט האָבן מיר אויך געהאַט מאַלינעס און יאַגדעס. די לעצטע זענען געווען אַנדערע ווי אין פּוילן: מיט אַ קליין קערעלע אינעווייניק, און זייער טעם — זיס־זויערלעך. עס האָט אָפּט געדעגנט. דאָס וועטער איז על־פּי־רוב געווען טריב. דער הימל — גרוי, פאַרוואָלקנט, ווי שטענדיק אין כעס. אויף דער ערד האָבן מיר געטאָפּטשעט אין בלאָטע, אין נאַסקייט אַז ס׳האָט אַזש דורכגענומען די ביינער.

אין איינעם פון צוועלכע טריבע טעג איז אויסגעפאַלן ראש השנה און ס׳איז אַראָפּגעפאַלן דער ערשטער שניי. מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן דער ווינטער. די טעג זענען געוואָרן קירצער. די נעכט לאַנגע, און עס האָבן זיך גלייך געשטעלט פרעסט בייסיקע, שניידיקע.

די אַרבעט אין לאַגער איז אָבער צוליב דעם נישט געוואָרן אָפּגעשטעלט. מען האָט אָפּגערייניקט דעם שניי און געאַרבעט אויף דער גאַנצער פּאַרע.

מען באזייטיקט מיך
פון דער ארבעט

אין די ערשטע טעג זענען נישט געווען קיין קראַנקע. מ׳האָט געלעבט אין שווערע באַדינגונגען — אין אומריינקייט, געווען פאַר־לייזיקייט, געטאָן עבודת־פרך און איבערגעהאַלטן. שפּעטער אַריין האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן עטלעכע דערקילונגען, עס האָבן זיך געיאָוועט אַ רעוומאַטיקער און אַ האַרץ־קראַנקער. איך האָב זיי אַלע־מען באַפרייט פון דער אַרבעט. דעם האַרץ־ליידנדיקן האָב איך פאַר־אָרדנט צו לייכטער אַרבעט אין באַראַק.

אין איינעם אַ טאָג האָט זיך אין דער אַמבולאַטאָריע באַוויזן דער נאַטשאַלניק און מיך אויסגעפרעגט וועגן די קראַנקע. מיר זענען אַריין אין באַראַק און איך האָב אים פאָרגעשטעלט יעדן פאַל באַזונדער. אויף דעם האַרץ־ליידנדיקן האָט ער מיך געפרעגט אויב ער האָט היץ.

„אין אַזעלכע פאַלן האָט מען נישט קיין היץ, ס׳האַרץ איז ביי אים אָפּגעשוואַכט" — קלער איך אויף דעם נאַטשאַלניק.

„אָן פיבער האָסטו נישט געהאַט קיין רעכט אים צו באַפרייען" — האָט דער נאַטשאַלניק מיט רוגזה זיך געוואָנדן צו מיר.

„פאַר דעם בין איך פאַראַנטוואָרטלעך" — האָב איך אויפן אָרט רעאַגירט.

„וועט מען זען, מען וועט זען ווער ס׳איז פאַראַנטוואָרטלעך".

און ער איז אַרויס פון צימער מלא כעס.

צוויי טעג שפּעטער איז געקומען אין דער אַמבולאַטאָריע אַ דאָק־טאָרשע. איך האָב איר געוויזן די קראַנקע, און ספּעציעל דעם האַרץ־

ליידנדיקן. אין געשפּרעך מיט מיר האָט זי מסכּים געווען צו מיין האַנדלונג, געזאָגט אַז איך בין פולשטענדיק גערעכט.

אָבער ווייזט אויס, אַז נישט מער ווי אין געשפּרעך מיט מיר איז זי געווען אויף מיין זייט. וואָרעם נאָך עטלעכע טעג האָט זיך באַוויזן אַ רוסישער לעקפּאָם און איך בין באַפרייט געוואָרן פון „פּאָסטן”, בין צוגעטיילט געוואָרן צו אַן אַרבעטס־בריגאַדע. איך האָב פאַרקאַטשעט די אַרבל און גענומען זיך צו דער עבודה. דער כוח פון נאַטשאַלניק האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פיל שטאַרקער ווי מיינער...

אויך דער האַרץ־ליידנדיקער איז צוגעטיילט געוואָרן צו אַן אַרבעטס־בריגאַדע. נאָך עטלעכע טעג האָט ער ביי דער אַרבעט באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק און איז געשטאָרבן אויפן אָרט.

ווייס איך נישט ווי לאַנג ער וואָלט אויסגעהאַלטן מיטן האַרץ־פעלער, אָבער אַז די שווערע אַרבעט צו וועלכער ער איז צוגעטיילט געוואָרן האָט שנעל אַן עק געמאַכט צו זיין לעבן — איז גאָר קיין ספק נישט.

דער לאַגער־נאַטשאַלניק וועלכער איז געווען דער מלך איבער אונדז, האָט גאָרנישט געוואָלט וויסן. דער קראַנקער האָט נישט געהאַט קיין היץ, האָט ער אים צוגענומען די באַפרייונג וואָס איך האָב אים געהאַט געגעבן און בידים גורם געווען זיין טויט.

דער פרישער לעקפּאָם האָט „געוווּסט” ווי צו אַרבעטן. די ערשטע זאַך וואָס ער האָט געטאָן איז געווען — נעמען כאַבאַר. ער האָט געגעבן באַפרייונגען פאַר שיך, פאַר הויזן, פאַר יעדער זאַך וואָס מ׳האָט אים געגעבן.

די אמתע קראַנקע האָבן דערפון געליטן. זיי האָט דער לעקפּאָם נישט געקאָנט באַפרייען. ער האָט געמוזט האָבן פּלאַץ פאַר די וואָס האָבן באַצאָלט מיט מתנות.

איינמאָל איז אַפילו דערגאַנגען צו אַ סקאַנדאַל. מ׳האָט צוגע־טראָגן צו דער מאַכט, אַז דער לעקפּאָם נעמט כאַבאַר פאַר באַפרייען פון אַרבעט. מ׳איז אַראָפּגעקומען מאַכן ביי אים אַ רעוויזיע און מ׳האָט געפונען ביי אים אַ גאַנצן מאַגאַזין מיט שיך, וועש, און אַנדערע זאַכן.

אָבער ווי דער שטייגער איז אין רוסלאַנד האָט מען דעם גאַנצן „עסק” פאַררייבן, ווי אין וואַסער אַריינגעוואָרפן. דער לעקפּאָם איז

געבליבן ביי זיין אַרבעט (מיט די זאַכן האָט ער זיך שוין, נעבעך, געמוזט אַוודאי טיילן.) און געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט: געטיילט זיך מיטן נאַטשאַלניק און זיינע געהילפן מיט די וויטאַמין צ׳ טאַבלעטן וואָס זענען אָנגעקומען, גענומען ווייטער כאַבאַר, געקיניגט ביד חזקה, און מענטשן וועלכע האָבן נישט געהאַט צו געבן אין דער האַנט־אַריין, זענען קראַנקערהייט געווען געצוואונגען צו גיין צו דער אַרבעט.

דער לאגער

ימען פון טרערן האָט די ערד דאָ איינגעזאַפּט אין זיך. קרעכץ און ווײַ האָט אָן אויפהער געעכאָט אין חלל. נישט געווען ווער עס זאָל זיי דערהערן, ווער עס זאָל זיי אויפנעמען, ווער עס זאָל זיך איבער אונדז, די מענטשן־שקלאַפן, דערבאַרעמען.

מיר האָבן געבויט אַ באַן־ליניע. דער שטח אין דער טונדרע איז נישט געווען קיין גלײַכער און מיר האָבן געדאַרפט טיילמאָל אויס־קאַרטשעווען שטיקער וואַלד, טיילמאָל באַזײַטיקן בערגלעך און טייל־מאָל פאַרשיטן גריבער.

די ערד איז דאָ אַפילו זומער ווײַכלעך נאָר ביז 20—30 סענטי־מעטער. ווײַטער איז זי שטיין־האַרט, פאַרפרוירן און מ׳האָט געמוזט שווער אַרבעטן, טיילמאָל אפילו אונטערלייגן דינאַמיט כדי זי צו צעטרייבערן.

און געיאָגט האָט מען אונדז ווי מיר וואָלטן שולדיק געווען זייער אַ סך; געטריבן ווי מ׳וואָלט נישט אַזוי געמיינט די אַרבעט גופא, ווי נאָר אַוועקצונעמען בײַ אונדז די כוחות.

אַלץ האָט זיך געוואָנדן אין דער אויסגעאַרבעטער נאָרמע. דער שליסל צום לעבן איז געווען די נאָרמע. דער מענטש ווי אַזעלכער איז פאַרלוירן געגאַנגען, האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. די נאָרמע איז געווען זײַן לעבנס־שײַן.

האָט ווער אויסגעאַרבעט די גאַנצע נאָרמע האָט ער באַקומען טעגלעך 900 גראַם ברויט, אַ פלײַשיקע זופּ צו מיטאָג און ברויט אין אָוונט.

די וועלכע האָבן נאָר אָנגעצויגן 75 פּראָצענט פון דער נאָרמע, האָבן באַקומען 600 גראַם ברויט, און די וועלכע האָבן אויסגעאַרבעט נישט מער ווי 50 פּראָצענט פון דער נאָרמע — 400 גראַם ברויט און אַ זופּ צו מיטאָג.

סטאַכאַנאָווצעס האָבן באַקומען 1,200 גראַם ברויט אַ טאָג, געדיכ־טע זופּן מיט צולאָגע. זיי האָבן אויך באַקומען צוגעטיילט אַ בעסערן, וואָרעמערן באַראַק און בעסערע הלבשה. אַזאַ איינעם האָט מען אין לאַגער גלייך דערקענט.

אין אונדזער לאַגער איז געווען בלויז איין בריגאַדע סטאַכאַנאָוו־צעס. זי איז געווען באַשעפטיקט ביים אַראָפּלאָזן ביימער. ביי די איבעריקע אַרבעטן האָט בלויז אַ קליינער צאָל געקאָנט אַרויסברענ־גען די פולע נאָרמע. אויך די צאָל מענטשן וועלכע האָבן דערגרייכט די 75 פּראָצענט פון דער נאָרמע איז נישט געווען גרויס. כמעט אַ העלפט פון די מענטשן האָט קוים דערגרייכט 50 פּראָצענט פון דער נאָרמע.

האָט טאַקע געהערשט אַ גרויסער הונגער אין לאַגער און מענטשן זענען פון טאָג צו טאָג שוואַכער געוואָרן, די כוחות זענען אַוועק־געקומען.

אויפגעשטאַנען איז מען פינף פאַרטאָג. אָפּגעפּאַרטיקט זיך שנעל מיטן פרישטיק האָט מען זיך גלייך געדאַרפט שטעלן אין די רייען. עטלעכע וואַך־זעלנער פלעגן אונדז אַרומרינגלען און טאָג ביי טאָג איבערחזרן דעם פּזמון, וועלכן מיר האָבן שוין געקענט פון אויסנווייני־ניק — „ווער עס וועט אַרויס פון דער ריי, רעכטס אָדער לינקס, וועט אָן וואָרענונג ווערן דערשאָסן".

אַזוי ווי דאָס ביסל חיות וואָס יעדער איינער פון אונדז האָט נאָך אויפגעהאַלטן, איז נאָך אַלעמען אַ שאָד געווען, האָבן מיר זיך געהיט נישט אַרויס רעכטס און נישט לינקס כדי נישט דערשאָסן צו ווערן.

בדרך־כלל האָט דער אַרבעטס־טאָג באַדאַרפט באַשטיין פון אַכט שעה. אָבער דער כלל איז קיינמאָל נישט אָפּגעהיט געוואָרן. בפרט די וועלכע האָבן נאָר דערגרייכט די 50 פּראָצענט פון דער נאָרמע האָבן געמוזט האָרעווען געצוווּנגענערהייט אַפילו צוועלף און אויך פערצן שעה אין מעת־לעת.

חוץ דער אויסערלעכער אַרבעט איז מען נאָך מחויב געווען אויס־צופירן אין באַראַק קאָלעקטיווע אַרבעטן, אויפן חשבון פון אונדזער פרייער צייט האָבן מיר אַליין אויפגעשטעלט אַ צוים אַרום דעם לאַגער און אַ באַראַק צום וואַשן זיך. די מענטשן זענען אָבער געווען אַזוי פּאַראַליזירט און אומריין, אַז דאָס וואַשן זיך האָט נישט קיין סך גע־האָלפן בפרט אַז מיר האָבן נישט געהאַט מיט וואָס דורכצופירן אַ דעזינפעקציע אויף די מלבושים.

איך האָב צוליב דעם פאָרגעשלאָגן צו גראָבן אַ גרוב, דורכלאָזן אַ רער, וואָס וועט וואַרעמען און שאַפן אַ הייסע טעמפּעראַטור.

מיר האָבן טאַקע אַזוי געטאָן, טיילווייז געלייזט דאָס פּראָבלעם פון דורכרייניקן זיך, אָבער אינגאַנצן געהאָלפן געוואָרן פון דעם זענען מיר נישט.

פּאַראַליזירטע, אָפּגעשוואַכטע און פאַרמאַטערטע, איז גאָרנישט קיין וווּנדער וואָס די צאָל קראַנקע איז כסדר געשטיגן. אַפילו אין דער סטאַכאַנאָווסקער גרופּע האָט מען אָנגעהויבן קרענקען. די הויכע אַרבעטס־נאָרמעס וואָס זיי האָבן געמאַכט האָט אָפּגעשוואַכט זייערע אָרגאַניזמען, אויך דאָס גוטע עסן האָט נישט געקאָנט מער העלפן און נאָך אַ קורצער צייט איז די דרוזשינע זיך אינגאַנצן צעפאַלן.

אין די ערשטע טעג נאָך מיין פאַרלאָזן די אַמבולאַטאָריע, האָב איך געמיינט אַז אויסאַרבעטן 75 פּראָצענט איז באמת אַ לייכטע זאַך, און איך האָב טאַקע אין אָנהויב אַרויסגעגעבן אַזאַ נאָרמע. איינמאָל האָב איך זיך אַפילו אָנגעשטרענגט און אַרויסגעגעבן גאַנצע 100 פּראָ־צענט. אָבער באַלד האָב איך אָנגעהויבן אַראָפּפאַלן ביז 60—50 פּראָ־צענט. די פאָלגן דערפון : פאַרקירצטע שפּייז־קאַרטע, ווייניקער ברויט, מיטאָג אָן זופּ, אַזוי אַז איך האָב אָנגעהויבן שוואַכער ווערן, בין אָפּגעקומען פון די כוחות און כ׳וואָלט אוודאי אַזוי אינגאַנצן צוזאַ־מענגעפאַלן ווען נישט אַ קוכער, וועלכער האָט אויף מיר רחמנות באַקומען און מיר כסדר אונטערגערוקט אַ צוגאָב שיסעלע זופּ.

נאָר דאָס האָט ווייניק געהאָלפן. כ׳בין געוואָרן וואָס אַמאָל מער שוואַכער און יעדע מינדסטע אָנשטרענגונג האָט מיך מיד און מאַט געמאַכט.

זעענדיק ווי איך האַלט מיטן געזונט־מצב, האָבן די היטערס ביי

דער אַרבעט געלאָזן מיך אָפּטער וואַרעמען ביים פייער, צוזעצן זיך אויף דער ערד און רוען.

אין איינעם אַ טאָג איז צו אונדזער בריגאַדע צוגעטיילט געוואָרן אַ יידישער אויפזעער, אַ געוויסער ווייס פון שעדלעץ. אין יאָר 1935 האָט ער ווי אַ באַוווסטזיניקער קאָמוניסט נישט געוואָלט מער לעבן אין פאַשיסטישן פוילן, נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס לעבן דאָרט, געוואָלט זיין אַ פרייער מענטש אין דער פרייער סאָציאַליסטישער ווירקלעכקייט, און ער איז אַריבער אין „גן־עדן" — געשוואַרצט די גרענעץ און זיך דערשלאָגן צום אויסגעבענקטן לאַנד.

אין 1938 האָט מען אים, ווי אַ סך אַנדערע, וועלכע זענען צוליב אידעישע טעמים אַריבער נאָך רוסלאַנד, פאַרשיקט אין די אַרבעטס־לאַגערן. איצט ווען ער איז געווען מיט אונדז צוזאַמען, האָב איך אים אויפן אויער אַ פרעג געטאָן: „הא? האָט זיך געלוינט דער גאַנצער „עסק"? איז כדאי געווען?"

מיין יידישער אויפזעער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט מיר נישט געוואָלט קוקן אין די אויגן אַריין, און אויך נישט ענטפערן אויף מיין פראַגע.

אין איינעם אַ טאָג האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז אָוונט־צו וועט אונדז באַזוכן אַן אַרטיסטן־גרופּע און וועט געבן אַ קינסטלערישן אויפטריט.

די בינע האָט מען איינגעאָרדנט אין אונדזער באַראַק, ווייל ער איז געווען דער באַקוועמסטער דערצו — דער לענגסטער אין לאַגער. איך בין אָבער געווען אַזוי מיד און דאָס געמיט מיינס אַזוי צעבראָכן, אַז די „בשורה טובה" איז מיר נישט אָנגעגאַנגען און איך האָב ליבערשט באַשלאָסן צו ליגן אויף דער פּריטשע און רוען ווי הערן טעאַטער־שפּיל. איך בין נישט געווען אַן איינאונאייינציקער. אַנדערע האָבן אויך געטאָן דאָס זעלבע ווי איך. זיי זענען געבליבן ליגן אויף זייערע געלעגערס און זיך אָפּגעזאָגט צו געניסן פון דער משטיינסגעזאָגטער „שמחה" אין לאַגער.

אין אָוונט האָט די גרופּע אַרטיסטן פריילעך געמאַכט אין באַראַק. צו אונדזערע פּריטשעס זענען דערגאַנגען טענער פון געזאַנג און שפּיל, אָבער אַנשטאָט הנאה האָבן דערפון, האָט פון מיר אַרויס־

געקלאָגט מיין אינערלעכער וויי. טרערן זענען מיר גערונען פון די אויגן, גערונען איבערן פּנים און אַראָפּגעגליטשט זיך אויפן דיל. איך האָב זיך נישט געקאָנט באַהערשן. די נטיה פון וויינען, וואָס כ'האָב אַגב קיינמאָל נישט געהאַט, איז אין לאַגער געוואָרן ביי מיר אַ מין געוווינהייט. געגומען האָט עס זיך פון שוואַכקייט, אַזוי אַז ווי נאָר עפּעס אַן איבערלעבעניש האָב איך זיך גלייך פאַנאַנדער־געוויינט.

אין אַ געוויסן טאָג בין איך געוואָרן הייזעריק. חוץ דעם האָב איך באַמערקט, אַז כ'בין אַביסל געשוואָלן, וואָרשיינלעך פון הונגער.

דער לעקפאָם האָט מיר דערקלערט, אַז לויט די אינסטרוקציעס בין איך נאָך „נישט קראַנק" אויף אָפּגעשיקט צו ווערן אין שפּיטאָל אַריין. ער האָט אָבער געטאָן מיט מיר אַ חסד און מיך איבערגעלאָזן אין לאַגער.

מיט יעדן טאָג בין איך אָבער מער געשוואָלן געוואָרן און לסוף נאָך צובאַקומען אַ דעזינטעריע מיט בלוט.

אַזוי ווי אין אַזאַ פאַל טאָר מען נישט לאָזן דעם קראַנקן אין לאַגער, האָט דער לעקפּאָם נישט געהאַט קיין ברירה און געמוזט מיך אָפּשיקן אין שפּיטאָל אַריין.

אין שפּיטאָל

אין אָנהייב האָב איך זיך נישט געקאָנט פאַנאַנדערנעמען, נישט געוווּסט צי חלום איך, צי האָב איך עפּעס נישט רעאַלע זעאונגען, אָדער ליג איך טאַקע אויף אַן אמת אין אַ בעט און רו. איך אַרבעט נישט און האָב נישט אין זינען קיין נאַרמעס.

אַלץ איז געווען ווי פאַרנעפּלט. איך האָב נישט געקאָנט זיך נאָך אָפּגעבן קיין דין־וחשבון פון דעם וואָס פּאַסירט מיט מיר. בלויז איין זאַך געוווּסט, ס'איז מיר גוט, ס'איז מיר לייכט, אַז איך האָב נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט אַזוי הנאה געהאַט ווי היינט פון ליגן אין בעט, אָן זאָרג, אָן מינדסטן ווילן אויפצושטיין.

איך בין געשלאָפן גאַנצע טעג. מ'האָט מיך קוים געקאָנט אויפוועקן צום עסן. איך האָב גערוט און די ביינער האָבן זיך אויס־געגלייכט ווי נאָך אַ לאַנגע צייט שלעפּן שווערע משאות.

אָבער מיטן אָפּלויף פון טעג איז די דעזינטעריע אַוועקגעקומען. דאָס געשווילעכץ האָט אָנגעהויבן אָפּגיין, און דער אַפּעטיט איז וואָס אַמאָל גרעסער געוואָרן.

איך האָב זיך אין אַ געווויסן טאָג אָנגעטראָפן אויף אַ באַקאַנטן, וועלכער איז געווען מיין געהילף ביים אויפשטעלן דעם לאַגער. ער אַליין האָט דאָ געאַרבעט אין דער אַדמיניסטראַציע און זיך געקאָנט מיט די דאָקטוירים. איך האָב אים געבעטן צו רעדן מיט זיי וועגן אָנגאַזשירן מיך אין שפּיטאָל ביי מיין פאַך. ער האָט עס גערן גע־טאָן און דער הויפּט־דאָקטער האָט מסכים געווען דערצו.

דער דאָקטער האָט אָפּגעהאַלטן מיט מיר אַ קורצן געשפּרעך און גלייך מיך צוגעטיילט צו אַן אינערלעכער אָפּטיילונג מיט דער אויפגאַבע פאַנאַנדערצוטיילן רפואות צווישן די קראַנקע לויט די אָנווייזונגען פון באַטרעפנדיקן דאָקטער.

עס זענען אָפּגעלאָפן טעג און איך בין געווען צופרידן פון מיין אַרבעט. איך בין נענטער געוואָרן מיט דעם דאָקטער און ער האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי ער איז אַהער מגולגל געוואָרן.

שולדיק אין זיין פאַרשיקונג איז נישט קיין אַנדערער ווי דער גרויסער רוסישער שרייבער, מאַקסים גאָרקי, וועלכער האָט אין איי־נעם אַ טאָג געגומען און אָוועקגעשטאָרבן. די נ.ק.וו.ד. האָט אַרעס־טירט די דאָקטוירים, וועלכע האָבן אים געהיילט. און אַזוי ווי ער איז געווען זיין אינטערניסט, האָט מען אים אַרעסטירט צוזאַמען מיט אַנדערע גאָרקיס דאָקטוירים וועמען מ׳האָט פאַרגעוואָרפן, אַז זיי האָבן אים געסמט. אַלע דאָקטוירים און ער צווישן זיי, האָבן באַקומען אורטיילן און זענען פאַרשיקט געוואָרן צו צוואַנגס־אַרבעט אין די לאַגערן.

אָפּזייענדיק אַ שטיקל צייט אין שפּיטאָל, איז צו מיר איינמאָל צוגעקומען אַן אונטערוועלטניק און געבעטן ביי מיר הילף צו אַ גע־וויסער קרענק. ער האָט זיך פאַרטרויט פאַר מיר, אַז ער איז אימפּאָ־טענט און ער וואָלט מיר דאַנקבאַר געווען אויב כ׳וואָלט אויסגע־פונען אַ רפואה, וואָס זאָל אים אומקערן די פּאָטענץ. דערביי האָט ער מיר פאַרזיכערט, אַז אויב די רפואה וועט געבן אַ גוטן רעזול־טאַט, וועט ער וויסן ווי אַזוי מיר צו העלפן.

אין יענעם מאָמענט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז זיצנדיק אין תפיסה האָבן מיר געפרעגט אַמאָל אַ זעלנער וועגן דעם לעבן אין לאַגער, וועגן דער אַרבעט דאָרט א.אַז.וו. אויף אונזער פראַגע האָט דער זעלנער געענטפערט קלאָר און דייטלעך, אין עכט רוסיש: „ראַבאָטאַט בודיעש, נאָ יעבאַט — ניע זאַכאָטשעש״ (אַרבעטן וועס־טו, נאָר צו באַציונגען וועסטו קיין חשק נישט האָבן). דער אונטער־וועלטניק וואָס איז צו מיר צוגעקומען האָט אָבער יאָ חשק געהאַט. נאָר צו זיין גרויס באַדויערן, געווען אימפּאָטענט.

איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזעלכע אַרט רפואות זענען אין אַ לאַגער־שפּיטאָל בדרך־כלל נישט פאַראַן, נאָר אויב ער וועט זיך גוט דערנערן, און דער עיקר עסן פלייש, איז צו גלויבן אַז ער וועט די פּאַטענץ צוריק באַקומען.

נאָך עטלעכע טעג האָב איך ווידער אָנגעטראָפן דעם אונטער־וועלטניק און אים כמעט נישט דערקענט. ער האָט ווייזט אויס מיין עצה גענומען ערנסט און עוסק געווען ווי עס באַדאַרף צו זיין אין דער אכילה.

אַזוי האָט זיך צו מיר אויך געוואָנדן אַ קוכער, אַז כ׳זאָל אים פאַרשענערן דאָס פנים וואָס איז פול געווען מיט לעכער. איך האָב אים געמאַכט הייסע קאָמפּרעסן אויפן פנים, מאַסאַזשירט, געשמירט די הויט וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזן. צי דאָס פנים איז שענער געוואָרן ווייס איך נישט, אָבער דערפאַר האָב איך פון אים יעדן טאָג באַקומען אַ פיין מיטאָג.

אַזוי זענען דורך טעג נאָך טעג, וואָכן נאָך וואָכן און איך בין צוריקגעקומען צו די כוחות, האָב זיך געפילט געקרעפטיקט ביז — אין אַ געוויסן טאָג איז אַראָפּגעקומען אין שפּיטאָל אַריין אַ קאָמי־סיע, און אַזוי ווי כ׳האָב נישט געהערט צום רעגיסטרירטן אָפּי־ציעלן שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, האָט מען מיך באַזייטיקט און אָפּגעשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער.

אין א נייעם לאגער

איך בין אָנגעקומען אין נייעם לאַגער אין חודש נאָוועמבער. די פּרעסט האָבן דערגרייכט מער פון פּערציק גראַד. נישט געקוקט דערויף האָט מען אונדז געטריבן צו דער אַרבעט. פּאַקטיש האָט מען אין אַזעלכע טעג נישט געדאַרפט ארויסגיין פון לאַגער, די אַר־בעט האָט געדאַרפט אָפּגעשטעלט ווערן, אָבער די מאַכט אין לאַגער האָט עס נישט געטראַכט אפילו צו טאָן. קיין רחמנות־געפילן מצד דער נאַטשאַלסטוואָ צו אונדז איז נישט געווען, וואָרעם ווער איי־גנטלעך זענען מיר דען געווען? שקלאַפן, קנעכט, פּאַרקנעכטעטע צו די ווילדע אינסטינקטן פון נאַטשאַלניקעס, פּאַרקנעכטעטע צו די, וועלכע האָבן אין נאָמען פון דער מאַכט אַרויפגעלייגט זייער האַנט אויפן גורל פון אונדזער לעבן.

דער ווינטער, די פּרעסט האָבן זיך איינגעביסן אין די ביינער. מענטשן האָבן אָפּגעפרוירן הענט און פיס, אויערן און אַנדערע גלי־דער. אָבער אַנשטאָט צו דערטיילן הילף פאַר די־אָ מענטשן, האָט מען גאָר קעגן זיי צונויפגעשטעלט ראַפּאָרטן פאַר „סאַבאָטאַזש״ מעשה סדום: מען שלעפּט אַרויס צו אַרבעט ביי פּערציק גראַד פראָסט און מער, אַ מענטש פרירט אָפּ אברים, ווערט ער דערפאַר באַשטראָפט... וואָרעם נישט דער פראָסט, הייסט עס, איז שולדיק נאָר די מענטשן, וועלכע האָבן נישט קיין וואַילאָקעס און טראָגן נישט קיין הענטשקעס.

אמת טאַקע, עס זענען געווען פיל פאַלן אַז מענטשן האָבן זיך אַליין געמאַכט פאַר אינוואַלידן. זיי האָבן בכוונה זיך אָפּגעהאַקט

ביי דער אַרבעט צוויי פינגער, צי מער, אַפילו אַ שטיק האַנט, אַבי־
אָן עק צו מאַכן צו די ליידן. אַנדערע האָבן זיך אַריינגעשטעקט בכוונה
אַ שטיק האָלץ אין פלייש, כּדי אַרויסצורופן אַן אַנטצינדונג. געווען
אַזעלכע וואָס האָבן זיך דורכגעלאָזן אַ פאָדים אין פלייש אַריין
כּדי אַרויסצורופן אַ שווערן פלעגמאָנע און אַזוי אַרום אָפּגעשיקט צו
ווערן אין שפּיטאָל אַריין — דער איינציקער שאַנס פּטור צו ווערן
אויף אַ שטיקל צייט די שווערע אַרבעט און אַנדערע צרות.

אָבער די דאָקטוירים האָבן געהאַט אינסטרוקציעס פון דער
נ.ק.וו.ד., וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער אַלע לאַגערן, און
איר איז נישט געלעגן דערין אויסצוגעפינען די סיבות פון די געפרוי־
רענע גלידער, זי האָט צונויפגעשטעלט ראַפּאָרטן און געווען די
איינציקע שולדיקע — די קראַנק־געוואָרענע מענטשן.

מיט דער אָפּטיילונג צו וועלכער איך בין געוואָרן צוגעטיילט,
האָט אָנגעפירט אַן אינזשעניר מיט וועמען איך האָב זיך גאָר שנעל
באַפריינדעט. אַליין אַ פאַרמשפטער, ווי איך, האָב איך נישט קיין
מורא געהאַט צו פרעגן ביי אים ער זאָל מיר דערקלערן, וואָס ס׳איז
דער אונטערשיד צווישן דער אַמאָליקער צאַרישער קאַטאָרגע און
דעם היינטיקן פאַרשיקונגס־סיסטעם פון דער באָלשעוויסטישער
מאַכט?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט שרעק און לכתחילה געשוויגן. איך
האָב זיך צעלאַכט און זיך אָפּגערופן: „וואָס האָט איר מורא? פאַר
וועמען האָט איר מורא? איר זייט דאָך אַ פאַרמשפטער און האָט
שוין אייער אורטייל, נישט אַזוי״?

דער אינזשעניר האָט אָפּגעזיפצט און שטיל געענטפערט:
„דו ווייסט נאָך גאָרנישט ברודערקע ווו דו געפינסט זיך. זאָל
נאָר ווער אונטערהערן אַזאַ שמועס און צוטראָגן דאָרט, ווו מ׳באַ־
דאַרף, און אַזעלכע סוואָלאָטשעס פעלן נישט דאָ, קאָן מען דיר־
דערלאַנגען אַ צוגאָב־שטראָף, ווי עס דערלאַנגט אַ האַרציקער קוכער
נאָך אַ שיסעלע זופּ — מען שענקט דיר נאָך עטלעכע יאָר צו „פאַר־

ברענגען״ אין לאַגער און פאַרשפּאַרסט שוין צו זען די גרויסע וועלט, דיין היים. פאַראַן דאָ אַזעלכע״.

מיר האָבן ביידע אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, געשוויגן אַ ווײַלע, שפּעטער האָט ער מיך אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל און מיך נאָכאַמאָל געוואָרנט: „געדענק, טו נישט מער אַזאַ נאַרישקייט, רעד נישט סתּם מיט וועמען ס׳איז, פרעג נישט קיינעם גאָרנישט. אויב דו ווילסט נאָך בלייבן לעבן.״

מיר האָבן ווידער שווער אָפּגעזיפצט און זענען זיך אַוועקגע־גאַנגען יעדער צו זיין אַרבעט.

אויפן וועג האָב איך אָנגעטראָפן אַ וואַך־זעלנער וועמען כ׳האָב געהיילט בעת אונדזער רייזע אויף דער באַרזשע. ער האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט, זיך אויסגעפרעגט אויף מיין מצב, אַוועקגע־לאָפן אויף אַ רגע און געקומען צוריק מיט אַ לאַבן ברויט. ער האָט אים מיר דערלאַנגט אין דער האַנט אַריין און איך בין צעמישט גע־וואָרן פון איבערראַשונג, נישט געוווסט ווי אַזוי און מיט וואָס אים אָפּדאַנקען.

אַזוי שטייענדיק, זאַלבע־צווייט, האָט זיך מיר אַרויסגעכאַפּט פון מויל אַ פראַגע: „זאָג, ברודערקע, האָב איך זיך געוואָנדן צו אים פריינטלעך, וואָס וועט זיין דער סוף אונדזערער? אָט אַזוי ווי מען מוטשעט אונדז, וועלן דאָך אַלע דאָ אומקומען?!״

מיין באַקאַנטער זעלנער האָט זיך אומגעקוקט צי קיינער הערט נישט אונטער און אַ זאָג געטאָן:

„אויב דו ווילסט וויסן, איז דאָס טאַקע דער ציל: דאָ אַרבעטן און דאָ שטאַרבן״, „עס לוינט זיך נישט מער אַריינצוחקרענען״.

איך בין געבליבן ווי צוגעגליווערט צום אָרט. איך האָב נישט געזען ווי דער וואַך־זעלנער איז אַוועק פון מיר. זיינע עטלעכע ווער־טער האָבן געלעכערט די געהירן מיינע, מיך אינגאַנצן צעשרויפּט: „דאָ אַרבעטן און דאָ שטאַרבן״. הייסט עס, אַז מיר וועלן שוין קיינמאָל פון דעם פאַרשאָלטענעם אָרט נישט אַרויס, אַז דאָס שקלאַפן־לעבן וועט זיך אַזוי ציען און ציען, ביז מען וועט אַוועקפאַלן אַזוי ווי יעבער האַרץ־ליידנדיקער, ביי דער אַרבעט, ביז די כוחות וועלן אויסגיין און דאַן וועט מען אויסהאַקן אַ גרוב אין דער האַרטער ערד, אין וואַלד,

צי אפילו הינטער די באַראַקן, און באַגראָבן ווערן ערגעץ־ווו נישט ווייט פון לאַגער. איז עס מעגלעך? וועט שוין טאַקע נישט זיין אַנדערש?

אין דער־אָ נאַכט און אַ סך נעכט דערנאָך בין איך שלעכט געשלאָפן. איך וואָלט באַשטימט מותר געווען אויף דעם לאָבן־ברויט פון זעלנער, אַבי נישט צו הערן זיינע עטלעכע ווערטער וואָס האָבן אַרויסגעריסן די האָפענונג, די שטרעבונג, דעם גלויבן אין טאָג פון דערלייזונג.

אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך אין לאַגער באַוויזן אַ גרויסע „שישקע" פון נ.ק.וו.ד. אויף אינספעקציע. איך בין צופעליק געווען אין צימער פון לעקפּאָם ווען ער איז אַהין אַריינגעקומען. איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט און אים אַ פרעג געטאָן צי ער וואָלט באַוויליקט מיך אויסצוהערן. נאָכן באַקומען פון אים די דערלויבעניש, האָב איך אים דערציילט מיין מצב און געזאָגט דערביי, אַז ווען מען וואָלט מיך געלאָזן אַרבעטן ביי מיין פאַך ווי אַ פעלדשער, וואָלט איך אַ סך מער נוצן געבראַכט. ער האָט אויפן אָרט באַוויליקט אָנטקעגנצוקומען מיין בקשה, אָנגעזאָגט דעם רוסישן לעקפּאָם מיך צו באַשעפטיקן אין דער אַמבולאַטאָריע.

צומאָרגנס איז דער „גדול" פון דער נ.ק.וו.ד. אַוועקגעפאָרן און מיך האָט מען צו דער אַרבעט אין דער סאַניטאַר־אָפטיילונג נישט גערופן. איך בין געבליבן ביי מיין שווערער אַרבעט.

איינמאָל איז דער לעקפּאָם קראַנק געוואָרן און מ'האָט מיך אַוועקגענומען פון דער אַרבעט כדי אים צו פאַרטרעטן. אַזוי ווי צו די אויפגאַבן פון לעקפּאָם האָט אויך געהערט די אויפזיכט איבער דער קוך, האָב איך זיך דעם טאָג אויך אינטערעסירט מיטן עסן. דאָס מיטאָג איז דאָסמאָל נישט געווען צו נעמען אין מויל אַריין. די זופּ איז געווען געקאָכט אויף פאַרשטונקענע פיש, אַז עס האָט ממש געעקלט.

נאָך מיטאָג בין איך אַריין צום לעקפּאָם און איינגעטענהט מיט אים, אַז עס וואָלט יושרדיק געווען אָנצושרייבן אַ ראַפּאָרט קעגן אַזאַ שלעכט עסן. איך האָב ביי אים געפרעגט זיין מיינונג און נישט באַקומען פון אים קיין קלאָרע תשובה.

אַז כ׳בין אין אָונט נאָכאַמאָל אַריין צום קראַנקן לעקפּאָם, איז מיר גלייך אַקעגן געקומען אַ שטים וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַ צווייטן צימער: „ווער עס וועט וואַגן עפּעס צו זאָגן אויף מיר, וועל איך אים אויפהענגען. זאָל יענער וויסן, אַז איך בין אַ מענטש וואָס שרעקט זיך נישט פאַר גאָרנישט.״

איך האָב דערקענט דעם נאַטשאַלניקס שטים, כאָטש איך האָב אים אַליין נישט געזען. די רייד זענען געזאָגט געוואָרן אויף מיין אַדרעס און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט דער לעקפּאָם איבערגעגעבן דעם נאַטשאַלניק דעם געשפּרעך פון נאָך מיטאָג. מיר איז געוואָרן פּריקר׳ע יעדע מינוט ביים לעקפּאָם אין צימער און בין אַרויס. „ער וועט שוין האָבן אַן אויג אויף מיר״ — האָב איך צו מיר געזאָגט — געקו־מען מיך אָנשרעקן, אַז כ׳זאָל נישט וואַגן צו שרייבן אַ ראַפּאָרט קעגן שלעכטן עסן, און ער וועט עס מיר שוין וואַרשיינלעך נישט שענקען. ווי יעדער איינער נאַטשאַלניק — האָבן די מחשבות מיינע זיך אויס־געברייטערט בעתן געלאָסענעם צוריקגאַנג אין באַראַק אַריין — וויל ער ווייטער מיסברויכן, וויל נישט אַז מ׳זאָל אים כאַפּן. קום איך גאָר, אַזאַ ווערימל, אַזאַ נישטיקער שקלאַף און שלאָג פאַר צו שרייבן אַ ראַפּאָרט קעגן שלעכטן עסן וואָס עס הייסט אויך באַשולדיקן דעם נאַטשאַלניק...

צומאָרגנס האָט מען מיך גערופן אין קאַנצעלאַריע. דער שרייבער האָט מיר געהייסן אָוועקזעצן און גלייך מיר געזאָגט כ׳זאָל חס האָבן אויף זיך, און נישט שרייבן קיין אָנקלאַגעס.

איך האָב פאַרזיכערט דעם שרייבער אַז כ׳האָב נאָך נישט געשיקט קיין שום אָנקלאַגע, איך האָב בלויז גערעדט מיטן לעקפּאָם און נישט מער. ער האָט נאָכאַמאָל מיר אָנגעזאָגט, אַז כ׳זאָל זיך נישט מישן אין ענינים וואָס געהערן נישט מיר און גלייכצייטיק מיר צוגעזאָגט, אַז דאָס עסן וועט זיך פאַרבעסערן. איך ווידער האָב פּייערלעך דער־קלערט אַז כ׳וועל מקיים זיין דאָס, וואָס כ׳נעם אויף מיר: נישט רעדן וועגן שלעכטן עסן, נישט שרייבן קיין ראַפּאָרטן, קיין אָנקלאָגעס, גאָרנישט, אַבי עס זאָל שטיל ווערן...

נאָר מיין עונש האָב איך יענעם טאָג סיי ווי באַקומען. דעם מאַנטל וועלכן כ׳האָב נישט געוואָלט פאַרקויפן דעם טיפליסער מעדי־

קער, האָט מען מיר צוגעגנבעט אין באַראַק בשעת איך בין געזעסן אין דער קאַנצעלאַריע. איך האָב אים געזוכט און נישט געפונען. איך האָב דערין געזען אַ נקמה־אַקט מצד דעם נאַטשאַלניק, וועלכער האָט אגב, נישט באַגנוגנט זיך דערמיט און צוגעגרייט פאַר מיר אַ צווייטן נקמה־אַקט וואָס האָט שיעור געקאָסט מיין לעבן.

קאַלטע ווינטערדיקע טעג. איינער פראַסטיקער פון צווייטן. נישט יעדן טאָג האָבן מיר געקאָנט אויסאַרבעטן די פאָרויסגעזעענע אַרבעטס־שעהן. צוליב דער גרויסער קעלט האָט מען אונדז אַ סך מאָל אין מיטן דער אַרבעט אָפּגעשיקט צוריק אין לאַגער אַריין.

אין איינעם אַזאַ פראַסטיקן טאָג בין איך, זייענדיק ביי דער אַרבעט, אויף אַ רגע צו זיך אָנוואַרעמען ביים פייער און איך האָב דערשפּירט אַז איין וואַילאַק נעצט דורך דעם פיס. אינצווישן איז די פראָסט געוואָרן שטאַרקער. ביי איינעם איז אָפּגעפרוירן געוואָרן די נאָז, ביי אַן אַנדערן — די באַק. ערשט מיטאָג־צייט איז אָנגעקומען דער נאַטשאַלניק און דערלויבט אונדז צוריקצוגיין אין לאַגער אַריין. דער פוס מיינער האָט געשטאָכן ווי מיט שפּילקעס און איך האָב קוים, קוים זיך דערשלעפּט אַהיים, צום באַראַק צו.

ווי נאָר כ׳בין אַריבער די שוועל פון באַראַק האָב איך גלייך אַראָפּגעשלעפּט דעם וואַילאַק און אָנגעריבן דעם פוס. איך בין אַוועק צום לעקפּאָם, איינגעשמירט מיר דאָרט דעם פוס מיט איכטיאָל־זאַלב און די ווייטאָגן האָבן עטוואָס נאָכגעלאָזן.

צומאָרגנס האָב איך ווידער געפילט, אַז דער פוס איז לגמרי נישט אין אָרדענונג. כ׳בין ווידער אַריין צום לעקפּאָם, אָבער ווי נאָר ער האָט מיך דערזען האָט ער זיך אָפּגערופן צו מיר: גיי אין באַראַק, סיי ווי וועל איך דיך היינט באַפרייען פון דער אַרבעט, שפּעטער וועל איך דיר שוין אַרומבינדן דעם פוס.

זיינע ווערטער זענען מיר געווען אומפאַרשטענדלעך. וואָרעם וואָס זאָל באַדייטן דאָס, וואָס ער שיקט מיך צוריק אין באַראַק? וואָס הייסט דאָס, אַז סיי ווי וועט ער מיך היינט באַפרייען פון דער אַרבעט?

צוריקקומענדיק אין באַראַק האָט מען מיר אַנטקעגן געטראָגן אַ בשורה, אַז מ׳האָט מיך געזוכט. כ׳האָב נישט באַוויזן זיך גוט נאָכצו־

פרעגן און אַ סטרעלאָק וואַקסט־אויס ווי פון אונטער דער ערד, נעמט מיך אָן פאַר דער האַנט און פרעגט מיך איבער מיין נאָמען איז קאַפּלאַן. איך שאָקל מיטן קאָפּ אויף „יאָ" און ער שלעפּט מיך אַוועק אין לאַגער־אַרעסט.

אין אַרעסט־שטיבל האָב איך אָנגעטראָפן נאָך עטלעכע מענטשן געבראַכטע אַהין ווי מיך. איך האָב לכתחילה נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן גורל: געקלאַפּט אין טיר פון דער נאַטשאַלסטוואָ און פאַר־לאַנגט מיר צו זאָגן די סיבה פון אַרעסטירן מיך. פון הינטער דער טיר האָט מען מיר אָפּגעענטפערט, אַז מען וועט מיר שוין צוויסן טאָן. איך האָב אָבער נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן אָן טיר, פאַרלאַנגט אַוועק־צופירן מיך צום לעקפּאָם, אָדער אים ברענגען אַהער, ווייל דער פוס איז מיר אָפּגעפרוירן. דאָס שטיבל איז נישט באַהייצט און איך האָב שרעקלעכע יסורים. ערשט דאַן האָט ער מיר מגלה־סוד געווען, אַז מ׳שיקט מיך אָפּ אין אַ נייעם לאַגער אַריין און דאָרט וועט מען זיך שוין מיט מיר מטפל זיין ווי געהעריק.

די צאָל מענטשן אין אַרעסט איז כסדר געשטיגן, דערגאַנגען ביז צוואַנציק — ס׳רוב יידן.

די ווייטאָגן פון פוס זענען געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער. איך האָב געקלאַפּט אין טיר, געפאָדערט דעם לעקפּאָם און מ׳האָט זי מיר נישט געעפנט. כ׳האָב בלית ברירה, אַוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד און געריבן דעם פוס. דאָס האָט מיר אַביסל געלינדערט די יסורים.

בערך אַזייגער עלף ביינאַכט האָט מען אונדז אַרויסגעפירט אויפן הויף. די פראָסט האָט געקנאַקט ווי בוים־צווייגן וואָס שפּאַלטן זיך, אָדער ברעכן זיך פון זייער שטאַם. מ׳האָט געבראַכט אַן אויטאָ, וואָס האָט אונדז געדאַרפט אַוועקפירן צו דעם באַשטימטן פּלאַץ, אָבער דער מאָטאָר זיינער איז געווען פאַרפרוירן און נישט געקאָנט זיך אָנצונדן. ערשט נאָך אַ שעה איז געלונגען אים אויפצומונטערן און ברענגען אים אין באַוועגונג. דעמאָלט זענען מיר אַרויף אויפן אויטאָ און לויטן באַפעל געדאַרפט זיצן האַלב־קניענדיק, איינגעבויגן, און אונטער דער שמירה פון עטלעכע סטרעלקעס.

די קעלט איז געווען אויסערגעוויינלעך. מיר האָבן זיך געטוליעט איינער צום צווייטן און נישט געפילט קיין לעבעדיק אבר. בערך

אַ צוויי שעה זענען מיר אַזוי געפאָרן, אין אַזאַ פאַרגליווערטן צושטאַנד, אויף דעם אָפענעם לאַסט־אויטאָ און געמיינט, אַז מיר וועלן שוין אין ערגעץ נישט דערפאָרן, ווייל מיר וועלן זיך אויסענדיקן אויפן וועג.

מיר האָבן צווישן זיך קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסריידן, ווייל די פאַרע פון מויל ווי נאָר זי איז אַרויס האָט זי געפרירט נאָך איידער דאָס וואָרט איז געבוירן געוואָרן. איך האָב געפילט, אַז די אויגן מיינע טרערן פון זיך זעלבסט און פרירן צו צו דער הויט פון פנים. אַ מאָדנע געפיל געווען. קאַלטע, געפרוירענע טרערן קלעפּן אָן פנים־הויט און בריען...

אין מיטן פאָרן האָב איך אויף מינוטן אויפגעהערט גלויבן, אַז דאָס, וואָס געשעט איז אַ המשך פון מיין אַמאָל. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין פאַרטראָגן געוואָרן, צי פאַרשלעפּט געוואָרן אין אַ וויסטן דזשונגל, אַז מיר אַלע זענען דזשונגל־מענטשן, לעבן ווי חיות, ווי וואַלד־חיות...

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ וועלדל און מיר זענען אַראָפּ פון אויטאָ. צוליבן טיפן שניי זענען מיר געגאַנגען איינער הינטער דעם צווייטן כדי זיך נישט צו פאַרלירן. דער אָנפירער פון די סטרעל־קעס וואָס האָבן אונדז געהיט האָט אַליין נישט געוווּסט דעם וועג. מיר האָבן אָנגעהויבן בלאָנדזשען. געגאַנגען רעכטס, לינקס, געשלעפּט זיך נישט ווויסנדיק וווהין.

איך האָב אויפגעהערט שפירן דעם ווייטאָג אין פוס, און געוווּסט, אַז אָפּרוען איצט איז נאָך ערגער פון גיין, און איך האָב מיט די לעצטע כוחות געשלעפּט די פיס.

ערשט פאַרטאָג האָבן מיר באַמערקט פון ווייטנס אַ ברענענדיקן שייטער און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען אָנגעקומען אין לאַגער וווהין מ׳האָט אונדז איבערגעשיקט.

מיר האָבן זיך דערשלעפּט ביז צום שייטער, אַוועקגעלייגט זיך אָנוואַרעמען די געפרוירענע גופים אונדזערע און איינער פון די סטרעלקעס וואָס האָט אונדז באַגלייט איז אַוועק מעלדן דעם לאַגער־נאַטשאַלניק וועגן אונדזער אָנקומען.

אין שטראַף־לאַגער

דער קאָמענדאַנט האָט אונדז אויפגענומען מיט אַ פּאַרציע זידל־ווערטער, וואָס וואָלט געסטייעט פאַר אַ גאַנץ פּאָלק סאָלדאַטן. ער האָט אונדז אָנגערופן פאַרברעכער, סאַבאָטאַזשניקעס, מערזאַווצעס, און „געשיט" אין דער מאַמעס מאַמען אַריין...

ער האָט יעדן אויסגערופן לויטן נאָמען און יענער האָט געדאַרפט איבער'זאָגן זיין נאָמען, דעם טאַטנס נאָמען, דעם אורטייל און די „סטאַטיאַ" לויט וועלכער מ'איז פאַרמשפּט געוואָרן.

מיר זענען באַלד געוווּיר געוואָרן די סיבות צוליב וועלכע מיר זענען איבערגעשיקט געוואָרן אין שטראַפּנאָי־לאַגער. דער פריערדי־קער נאַטשאַלניק האָט אונדז אַלעמען באַשולדיקט אין סאַבאָטאַזש, און אָנגעגעבן אַז מיר האָבן בכוונה נאָר אויסגעפילט 20—30 פּראָ־צענט פון דער נאָרמע.

וואָס שייך מיר האָט ער צוגעלייגט נאָך אַ חטא: קאָנטררעוואָלו־ציאָנערע אַגיטאַציע.

נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר אַז איך האָב אַגיטירט קעגן דער רעוואָלוציע... קעגן דער מאַכט, קעגן רעזשים... עפּעס אַ קליי־ניקייט...

די באַשולדיקונגען קעגן מיר האָבן טאַקע אויסגעפילט עטלעכע זייטן פּאַפּיר און דאָרט איז צווישן אַנדערן געווען געשריבן, אַז זייענ־דיק אין דער לאַזשניע האָב איך געהעצט די לאַגער־מענטשן און געזאָגט, אַז דאָס עסן טויג נישט. איך זאָל אויך זיי האָבן געבונטעוועט

נישט אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט. בכלל זענען די אַקטן קעגן מיר געווען פול מיט שקרים און אויסגעטראַכטע חטאים.

דעם גאַנצן באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל סיי קעגן מיר און סיי קעגן די איבעריקע, האָט דער נאַטשאַלניק איבערגעוויזן פריער דער נ.ק.וו.ד. די לעצטע, נישט פירנדיק קיין שום אויספאָרשונג, האָט אויפן סמך פון דער באַשולדיקונג אָפּגעשיקט אונדז אַלעמען אין שטראָפנאַי־לאַגער און ספּעציעל מיר צוגעשריבן דעם חטא פון קאָנטררעוואָלו־ציאָנערער טעטיקייט און דערפאַר פאַרלאַנגט מיך צו האַלטן אין איזאָלאַציע אויף ברויט און וואַסער.

איך בין געווען דערשיטערט פון עלילת־דם קעגן מיר און זיך געזען ווי שוין אויף אייביק פאַרמשפּט צו קאַטאָרזשנער אַרבעט, צו אַ לעבן וואָס האָט נישט מער קיין שום ווערט און קיין שום זין.

איך וואָלט געקאָנט אויפווייזן, אַז די אַלע באַשולדיקונגען קעגן מיר זענען נישט מער ווי אַ נקמה־אַקט מצד דעם נאַטשאַלניק, נאָר צי איז דען ווער גרייט געווען מיך אויסצוהערן, אָדער גלויבן אין דעם וואָס איך זאָג? און ווען האָט דען געאַרט צי איך בין יאָ, אָדער נישט באַגאַנגען די פאַרברעכנס, וועלכע מ׳האָט זיך נישט באַמיט אַפילו אויסצופאָרשן?

זיצנדיק אַזוי ביים שייטער איז צוגעקומען צו אונדז דער קאָמענ־דאַנט פון לאַגער און געהאַלטן פאַר אונדז אַ דרשה. צום סוף האָט ער זיך געפרעגט וואָס מיר זאָגן צו די באַשולדיקונגס־אַקטן קעגן אונדז?

אַלע ווי איינער האָבן מיר בקול רם אָפּגעענטפערט, אַז ס׳איז אַ בייזוויליקער ליגן, אַז אַלץ וואָס ס׳איז געשריבן וועגן אונדז איז שקר וכזב.

„נו, און אַרבעטן ווילט איר?" — האָט דער קאָמענדאַנט אַ פרעג געטאָן.

„יאָ, מיר ווילן אַרבעטן!"

„אין דעם וועל איך זיך ערשט שפּעטער איבערצייגן, אָבער איין זאַך וויל איך, אַז ס׳זאָל אייך קלאָר זיין — ווען איר וועט אַרבעטן וועט אייך גוט זיין."

נאָך דעם צוזאַמענטרעף מיטן קאָמענדאַנט האָט מען אונדז אַריינ־

געפירט אין אַ באַראַק. איך האָב דער ערשטער באַקומען אַ וואַרעמען „ברוך הבא״ פון די אונטערוועלטניקעס. איינער האָט מיר אונטערגע־שטעלט אַ פוס, אַ צווייטער האָט מיר צוגעמאַכט ס׳מויל, און אַ דריטער, אַ פערטער, און נאָך עטלעכע האָבן מיך אָנגענומען און געהאַלטן פאַר די הענט און פיס און רעווידירט די טאַשן, געזוכט, געגנישטערט און צוגענומען וואָס נאָר כ׳האָב געהאַט.

איך האָב מיך געפילט נעבעכדיק און אַלץ אין מיר האָט געקלאָגט. די נשמה האָט אין מיר געוויינט, פון די אויגן זענען גערונען טרערן. איך האָב אַ בליק געטאָן אויף די פּרצופים און געזען וווהין כ׳בין אַריינגעפאַלן, צו וועמען מ׳האָט מיך איבערגעגעבן אין די הענט אַריין. איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער שיף־רייזע מיט די אונטערוועלטניקעס און אָן די גיהנום־יסורים וואָס מיר האָבן געהאַט פון זיי אויסצושטיין.

איך האָב שוין צוגעשלעפּט דאָס בינטל ביינער צו אַ פּריטשע צו און זיך אַרויפגעלייגט אָפּרוען. איך האָב אַראָפּגעצויגן דעם וואַילאַק און ס׳איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן: די פינגער פון די פיס זענען געווען אינגאַנצן שוואַרץ. איך האָב אָנגערירט דעם קליינעם פינגער און ער האָט אַ קנאַק געטאָן. איך האָב שוין מורא געהאַט זיך צורירן צו די רעשט פינגער זיי זאָלן זיך נישט צעפאַלן.

ס׳איז שוין געווען נאָך די אויפנעם־שעהן אין דער אַמבולאַטאָריע און כ׳האָב נישט געהאַט צו וועמען זיך צו ווענדן. אויך אויפן קומענ־דיקן טאָג האָב איך נישט געהאַט וואָס צו רעכענען, ווייל צומאָרגנס איז אויסגעפאַלן זונטיק ווען די אַמבולאַטאָריע איז פאַרמאַכט.

זיצנדיק אַזוי אויף דער פּריטשע האָט מיך דערקענט דער אונ־טערוועלטניק וועלכער האָט, אין שפּיטאָל זייענדיק, געוואָנדן זיך צו מיר וועגן הילף קעגן זיין אימפּאָטענץ. ער האָט זיך גאָרנישט געפרייט מיט מיר, צי דערפאַר ווייל ער האָט נאָך נישט געהאַט אָפּגעוווינען די פּאָטענץ אַפילו נאָך דעם ווי כ׳האָב אים געראָטן צו עסן אַ סך פלייש, אָדער גאָר דערפאַר ווייל ער האָט אין מיר נישט געזען זיינס גלייכן. ער האָט מיך בלויז געפרעגט צי כ׳האָב עפּעס צו פאַרקויפן, און גע־וואַרט אויף אַן ענטפער פון מיר.

אַזוי ווי איך האָב הינטער די וואַטענע הויזן געטראָגן אַ צווייטע פּאָר, האָב איך געטראַכט אַז היות זיי זענען מיר נישט אַזוי נויטיק,

וועל איך זיי אים פאַרקויפן און איינהאַנדלען עפּעס עסנוואַרג. חוץ דעם וועט ער אפשר נאָכדעם האָבן אויף מיר אַ גוט אויג, און וועט מיך שיצן פון אַנדערע אונטערוועלטניקעס. אָבער ווי נאָר כ׳האָב זיי אַראָפּגעצויגן פון זיך און אים געגעבן צו באַטראַכטן, איז אונטערגע־קומען אַן „אורקע״, אַרויסגעריסן די הויזן פון דער האַנט און אַנטלאָפן מיט זיי.

נאָך דעם איז מיר צוגעקומען נאָך אַ צרה: מ׳האָט מיך אַראָפּגע־שטופּט פון דער אויבערשטער פּריטשע וואָס איז געווען באַשטימט אויסדריקלעך פאַר אורקעס מיוחסים און כ׳בין געבליבן אָן אַן אָרט וווּ זיך אַוועקצולייגן און האָב אויסגעזען ווי אַ הונט אַ וואַנדערער, צו קיינעם נישט אָנגעהעריק, קעגן וועמען יעדער איינער קאָן אויפ־הויבן אַ שטעקן און טרייבן, יאָגן, און אַפילו אָנקלאַפּן די ביינער...

כ׳האָב אָנגעהויבן זוכן אַ פּלאַץ, אַ ווינקל, נאָר קיינער האָט מיר נישט געוואָלט האָבן לעבן זיך, נישט געוואָלט מיך צולאָזן צו זיך...

שפּעט, גאָר שפּעט, האָב איך זיך איינגעבעטן ביי אַן עלטערן אונטערוועלטניק מיך צו לאָזן זיך אַוועקלייגן אויף אַ פּריטשע לעבן אים. ער איז איינגעגאַנגען בתנאי, אַז כ׳זאָל אים אַוועקגעבן דאָס העמדל וואָס כ׳טראָג אויף זיך.

וואָס אַן אמת איז מיר דאָס העמדל אַ שאָד געווען. שוין באַלד ביי גאָרנישט געבליבן, שוין באַלד אַלץ אַראָפּפאַרקויפט פון זיך. נאָר איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג, האָב איך אַוועקגעגעבן מיין שכן, דעם אורקע, דאָס העמדל און זיך ענדלעך אַוועקגעלייגט, מיט זיין דערלויבעניש, אויף דער פּריטשע.

פּנימער. טייוולאָנישע פּנימער. זיי וואַרפן־אָן אַ פּחד. די אויגן זייערע זאָגן גלייך, מסרן, ווער זיי זענען. זייערע בליקן זאָגן שטענדיק וואָס זיי באַגערן. זייער גאַנצער אויסזען וואָרנט יעדן איינעם נישט צו האָבן צו טאָן מיט זיי. אָבער ווי איז דאָס מעגלעך? ווי איז מעגלעך זיי אויסצומיידן ווען מען וווינט מיט זיי אינאיינעם אונטער איין דאַך, מען גייט עסן מיט זיי צוזאַמען, מען שלאָפט מיט זיי אין איין באַראַק און מען אַרבעט מיט זיי אינאיינעם?

וואָרעם דער מינדסטער פון זיי האָט עטלעכע מאָרדן אויף זיין געוויסן. זיי גרויסן זיך אַפילו מיט די אָפּגעטוענע פאַרברעכנס, טאַ

גיי און ווער זייערס אַ חבר, לעב מיט זיי און ווער זייערס גלייכן, אַז האָסט נישט הינטער זיך קיין קרימינעלן עבר ?

כ׳בין געווען שוואַך און דערשלאָגן. דער איצט און דער אַמאָל האָבן זיך צונויפגעגאָסן און וואָס מער איך האָב געוואָלט מאַכן אַ שטיקל סך־הכל פון מיין לעבן, בין איך נישט געווען פעאיק עס צו טאָן. מינוטנווייז האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך בין נישט איך. אַן אַנדערער בין איך. דאָס לעבן פון אַמאָל איז נישט מיינס, וואָרעם איך בין גאָר אַ געבוירענער אין גיהנום, צווישן גיהנום־מענטשן ווו איינער שלינגט איין דעם צווייטן.

די ביינער מיינע האָבן זיך אַ ביסל אויסגעגלייכט און איך האָב זיך אַרומגעקוקט אויפן באַראַק.

אַ פּאָר בליקן פון אַ דערנעבנדיקער פּריטשע האָבן מיך פּלוצלונג היפּנאָטיזירט. זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף מיר. איך האָב שטאַרקער אויפגעהויבן מיינע אויגן ברעמען און דערזען :

אַ פּנים נישט ווי די פון די אונטערוועלטניקעס. אַ מענטשלעך פּנים, איידעלע שטריכן, מענטשלעכן אויסזען.

נאָך אַ פּאָר מינוט האָבן מיר, ליגנדיק אַזוי ביידע אויף די פּרי־טשעס, שטילערהייט אויסגעטוישט עטלעכע ווערטער פון וועלכע איך בין געוויר געוואָרן, אַז ער איז אַ פּאָליאַק פון לענינגראַד, עטוואָס שפּעטער, נאָכדעם ווי כ׳האָב געוווינען ביי אים צוטרוי, האָט ער געגנ־מען שילדערן דאָס לעבן און די מענטשן אין אונדזער לאַגער, אַז די האָר אין קאָפּ האָבן זיך מיר אויפגעשטעלט. ליגנדיק אַזוי אויף דער פּריטשע האָט מיין גאַנצער גוף זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט, איינגעצויגן זיך פאַר פּחד, פאַר די אונטערוועלטניקעס און זייערע מעשים.

אין טעג אַרום האָב איך טאַקע דערפאַרן, אַז נישט דער נאָטשאַל־ניק, נאָר די אונטערוועלטניקעס האָבן די מאַכט אין לאַגער, טאָן וואָס זיי ווילן, אַזוי ווייט, אַז מען האָלט אפילו נישט קיין וואָך־זעלנער, ווייל זיי האָבן מורא דאָ פאַר זייער לעבן.

גאַנצע טעג האָבן זיי געשפּילט אין קאָרטן, און אָך און ווי איז געווען צו דעם, וועלכער האָט נישט באַצאָלט ווען ער האָט פאַרשפּילט און געמאַכט „פּליטה״.

די האַנט פון דעם אונטערוועלטניק האָט אַזאַ „קאָלעגע״ שטענדיק דערגרייכט און „אויסגעגלייכט״ דעם חשבון...

אַזאַ מעשה האָט פּאַסירט גראָד עטלעכע טעג פאַר מיין אָנקומען אין לאַגער. מען האָט אין אַ קלאָזעט געפונען אַ טויטן קערפּער און ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן איז איינער, אַ חברה־מאַן געפאַלן אַ קרבן און באַקומען זיין שטראָף פאַר אַ נישט רעגולירטן קאָרטן־חוב.

די הויפּט־פאַרברעכער אין לאַגער זענען אויך נישט אַרויס צו דער אַרבעט. זיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון איר מיט פאַרשידענע תירוצים און אַז עס האָט זיך זיי פאַרגלוסט האָבן זיי סתם געוואָלט ווייזן, אַז זיי פרעגן נישט נאָכן נאַטשאַלניק און אָן שום סיבה נישט אַרויס פון באַראַק.

איך האָב ביסלעכווייז אָנגעהויבן באַנעמען וואָהין איך בין אַריינ־געפאַלן. געוווסט אַז ביי מיטאָג מוז מען פעסט אַרומהאַלטן דאָס קעסעלע זופּ, אַז אָוונט־צו מוז מען גלייך אויפעסן דאָס ברויט, אָדער עס גוט באַהאַלטן, ווייל אַז נישט קאָן אַן אורקע עס אַרויספּליקן פון דער האַנט, אויפעסן עס אויפן אָרט און גאָרנישט קיין פינטל טאָן מיטן אויג.

איך בין זיכער געווען, אַז דאָ גיי איך אונטער, אַז אַלע מיינע כוחות זענען צו שוואַך אַנטקעגן איין האַנט־הויב פון אַן אונטער־וועלטניק...

אָבער דאָך האָט מיר אין איינעם אַ טאָג אַביסל אָפּגעגליקט. געפי־נענדיק זיך אויפן הויף האָט מיך דערקענט דער מאַגאַזינער פון לאַגער וועמען כ׳האָב געהיילט — אויף דער באַרזשע פאַרנדיק — בעת ער איז קראַנק געווען. ער האָט זיך דערפרייט מיט מיר, אָוועקגעפירט מיך אין זיין באַראַק און געגעבן מיר לייטיש אָפּצועסן.

— וואָס האָסטו אַזוינס געטאָן, אַז מ׳האָט דיר אָפּגעשיקט אַהער, אין וויסטן גיהנום אַריין? — האָט ער מיר געפרעגט זיצנדיק אַזוי אויף דער פּריטשע האַנט ביי האַנט.

איך האָב אים אַלץ דערציילט וועגן מיר און אויך וועגן אָפּגע־פרוירענעם פוס. ער האָט אָבער סיי ווי גוט געוווסט וועגן מיין באַשול־דיקונגס־אַקט און אויך וועגן דעם, אַז דער נאַטשאַלניק פון מיין לאַגער האָט געפאָדערט מיך צו איזאָלירן און האַלטן אויף ברויט און וואַסער.

— נאָר לאָך זיך אויס פון אַלץ — האָט דער מאַגאַזינער מיך געטרייסט — דו וועסט דאָ נישט בלייבן. מיט אַזאַ געפּרווירענעם פוס וועט מען דיך נישט האַלטן דאָ אין לאַגער.

איך האָב אים האַרציק געדאַנקט פאַר די טרייסט־ווערטער און געלאָזן זיך צוריק אין מיין באַראַק. אַריינקומענדיק אַהין, בין איך גלייך צו צו דער פּריטשע און זיך אַרויפגעלייגט. דער פּאָליאַק פון לענינגראַד האָט מיר דערמאָנט, אַז ס'איז ניי־יאָר 1941. איך האָב זיך פאַנאַנדערגעוויינט, אויפגעהויבן די אויגן צום טונקעלן באַלקן און געשעפּטשעט צו זיך אַליין: „אָט איז אַ ניי־יאָר אויף דער וועלט. ערגעץ־ווו הוליעט מען איצט ווי געהעריק, מען לאָזט זיך ווילגיין. פאַראַן ערטער, וווהין עס דערגייען נישט די מלחמה־שפּורן און דאָרט באַלעוועט מען איצט. אַ בלינדע וועלט. זעט נישט וואָס עס טוט זיך הינטער איר אייגענער פאָרהאַנג, הינטער אירע פּלייצעס. אָט איז דאָס לאַנד וואָס האָט אַזוי אויסגעטרומייטערט איבער דער גאַנצער וועלט איר יושר־אידיי, איר מענטשלעך־סאָציאַליסטישן רעזשים און צום סוף ליגן איבער אירע ברייטע שטחים צעוואָרפן אַרבעטס־לאַגערן פאַר המונים אומשולדיקע מענטשן וועמענס לעבנס און היימען ווערן רואינירט, צעשטערט. ווי איז דאָס מעגלעך? ווי אַזוי האָט עס געקאָנט געשען?

אַלץ אין מיר האָט געוויינט, דער פּאָליאַק אויף דער דערנעבנדי־קער פּריטשע האָט מיטגעוויינט מיט מיר. מיין אָפּגעפּרווירענער פוס האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן און אין די יסורים בין איך איינגעשלאָפן.

פאַרטאָגס האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, געוואָלט אַראָפּגיין פון דער פּריטשע, און... נישט געהאַט די וואָילאָקעס מיינע. מ'האָט זיי מיר צוגעגנבעט. איך בין געבליבן אַ געבונדענער צום געלעגער צו, נישט געקאָנט זיך באַוועגן. כ'האָב געבעטן דעם פּאָליאַק מיר צו ברענגען אַ טעפּל וואַרעמס און ער האָט גאַנץ גערן דערפילט מיין בקשה.

נאָך עטלעכע שעה איז אַריינגעקומען צו מיר דער מאַגאַזינער. כ'האָב אים דערציילט, אַז מ'האָט מיך געלאָזן אַ באָרוועסן, צוגנבענדיק ביי מיר מיינע וואָילאָקעס. מיין באַקאַנטער איז בלויז אַרויס אויף אַ רגע און גלייך צוריקגעקומען מיט אַ פּאָר וואָילאָקעס. מיט שטרענג־

קייט פון אַ מנהיג האָט ער געוואָרנט די חברה נישט צו וואַגן צוצונעמען זיי ביי מיר, ווייל דעמאָלט וועלן זיי האָבן צו טאָן מיט אים.

איך בין געוועזן דעם מאַגאַזינער דאַנקבאַר פאַר זיין איינשטעלן זיך פאַר מיר און געזען דעריין אַ ברעקל ליכט אין דער גרויסער, געדיכטער פינצטערניש.

די ווייטאָגן פון פוס זענען געוואָרן אומדערטרעגלעכע. איך בין אַוועק צום דאָקטער, כאָטש ס'איז געווען זונטיק. ער האָט מיך אָנגענומען ווי אַ דרינגענדיקן פאַל, באַקוקט דעם פוס און געזאָגט מיר אָן שום פאַרבאַהאַלט, אַז ס'איז שוין פאַראַן אַ גאַנגרענע אין פוס. ער וועט מיך דעריבער אָפּשיקן אין שפּיטאָל אַריין ווו מ'וועט מיר אים דאַרפן גלייך אַמפּוטירן.

איך האָב אויפגעציטערט, און דאָך זיך געשטאַרקט כדי צו פרעגן דעם דאָקטער עטלעכע ווערטער וואָס זענען אַרויס פון מויל צעריסענע, צעשראָקענע: — הייסט עס, דאָקטער, אַז עס זענען נישטאָ קיין שום אויסזיכטן צו ראַטעווען דעם פוס?

ער האָט געענטפערט אַנטשלאָסן, נישט קוקנדיק אין מיין זייט: „עס זעט אַזוי אויס, ס'איז שוין צו ווייט דערגאַנגען".

איך האָב אים געבעטן מיר צו מאַכן באַד־קאָמפּרעסן ביזן אָפּשיקן מיך אין שפּיטאָל. דער דאָקטער האָט געהאַלטן, אַז עס וועט נישט העלפן, נאָר פונדעסטוועגן, אויב איך וויל, זאָל איך מיר אַליין דאָס מאַכן.

איך האָב טאַקע גלייך אָנגעהויבן מיר צולייגן באָר־קאָמפּרעסן און די ווייטאָגן האָבן עטוואָס נאָכגעלאָזט.

צומאָרגנס, מאָנטיק, איז דער פראָסט נאָך מער געשטיגן. כ'האָב געפילט, אַז מיטן פוס ווערט פון מינוט צו מינוט ערגער. כ'האָב אינגאַנצן אויפגעהערט צו קאָנען אַראָפּשטעלן אים אויף דער ערד און פאַרשטייט זיך נישט געקאָנט טאָן אַ טריט. ביי יעדער קלייניקייט האָב איך געמוזט אָנקומען נאָך הילף און נישט געקאָנט אפילו אַליין גיין נאָכן עסן, געמוזט אַוועקגעבן אַ האַלב טעפּל זופּ פאַר ברענגען מיר דעם מיטאָג.

איך בין ווידער אַוועק צום דאָקטער. דער פוס איז מיר געשוואָלן געוואָרן. כ'האָב באַקומען אַ ביסל היץ. דער דאָקטער האָט מיך גלייך

געוואַלט אָפּשיקן אין שפּיטאָל, אָבער דער פראָסט איז געווען שטאַרק, האָט געפייערט, און דאָס פערדל וואָס דער לאַגער האָט פאַרמאָגט איז נישט אומשטאַנד געווען אונטערצונעמען אַ „רייזע" איז שפּיטאָל אַריין. אַ פערדל — אַ פאַדלע איז עס געווען, אויסגעדאַרט ווי אַ שטשאָק און שוואַכע פיס. נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג בין איך צוריק אַריין אין באַראַק. דער אורקע וועמען איך האָב אָוועקגעגעבן מיין העמד אַבי ער זאָל מיך לאָזן ליגן אויף דער פּריטשע, האָט דערזעענדיק מיך געטענהט, אַז כ'בין שוין גענוג געלעגן לעבן אים, גענוג געשותפט אויף דער פּריטשע און כ'מעג אָוועק זוכן זיך אַ צווייט אָרט.

איך האָב זיך קוים אָפּגעבעטן אויף נאָך אַ טאָג.

די נאַכט איז אַדורך און דער דריטער טאָג פון דער וואָך האָט אויפגעשיינט. ווידער אַ שטאַרקע פראָסט. די טעמפּעראַטור מיינע איז געשטיגן, דער גאַנצער גוף מיינער האָט געפּיבערט. כ'האָב נישט געקאָנט געבן אַ טריט, און דער דאָקטער האָט מיך שוין געלאָזן אין קראַנקן־צימער. אין מיין גרויסן אומגליק מיטן פוס בין איך געווען גליקלעך מיט דעם וואָס כ'האָב זיך נישט געדאַרפט אומקערן צוריק אין באַראַק צו דער פאַרברעכער־וועלט. איך האָב געזען, אַז דער דאָקטער אַליין באַאומרויקט זיך מיט מיין מצב און ער האָט אָנגעהויבן זוכן מיטלען ווי אַזוי מיך אָפּצושיקן אין שפּיטאָל אַריין. ווייזט אויס, פאָרט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

צומאָרגנס גאַנץ פרי, האָט מען צוזאַמענגענומען עטלעכע לייכטע קראַנקע, אַרויפגעלייגט מיך אויפן וועגעלע וואָס מ'האָט אויסגעבעט מיט שטרוי, צוגעדעקט מיך מיט דעקעס, און מ'האָט אונדז אָוועקגעשיקט.

איך האָב שטאַרק געפּיבערט, דאָס פּנים האָט געשמאַליעט פון פראָסט, די געדאַנקען אין מוח האָבן מיך פאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן. טיילמאָל האָט זיך דאָס רעאַלע טראַכטן איבערגעריסן, פאַנאַנדערגעפּעדימט. פאַרגאַנגענע און איצטיקע טעג האָבן זיך אויסגעמישט: די פרוי מיינע, באַקאַנטע, די אונטערוועלטניקעס, די „אורקעס" — אַלץ איז פאַרביי פאַר מיינע אויגן ווי אויף אַ פילם־טאַשמע. פון

אײן זײַט האָב איך זיך געפּילט באַפרײַט פון אַ גרויזאַמער וועלט, און
פון דער צווייטער זייט האָב איך מינוטנווייז געהאַט דעם אײַנדרוק
אַז כ׳גיי אויס, אַז איך ענדיק־אויס מיין לעבן דאָ אין פּאָלאַר־געגנט,
די אַנדערע קראַנקע וועלן מיך פון פאַר אַראָפּנעמען, אַוועקלייגן מיך
אויף דער ערד און צודעקן מיט שניי וואָס וועט מיך אײַנפרירן שוין
אויף שטענדיק.

דאָס פערדל האָט זיך געשלעפּט טריט בײַ טריט. בעסער האָט עס
נישט געקאָנט גיין. נישט בעסער און נישט שנעלער. פון די האַלב־
אויסגעקראָכענע גריווע האָר האָבן אַראָפּגעהאָנגען ווייסע אייז־רער־
לעך ווי ביי אַ קרישטאָלענע קאַנדעלאַברע. אויף די שוים פון מויל
האָט אייַנגעפרוירן און נאָכגעהאָנגען ווי פאַרגליווערטע מילך־הויט.

די אַנדערע קראַנקע זענען נישט געזעסן אויפן וועגעלע, נאָר
זענען געלאָפן אַרום אים, האָבן ווי געטאַנצט אַרום מיר אַזאַ מין טויטן־
טאַנץ, אַ געזעגענונגס־טאַנץ.

געדענק איך נישט ווי לאַנג מיר זענען אַזוי געפאָרן, ווי לאַנג
מיר האָבן זיך אַזוי געשלעפּט אין טיפן וואַלד. כ׳געדענק נאָר, אַז אין
אַ געוויסן מאָמענט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ הויז. די קראַנ־
קע זענען גלייך אַרייַנגעלאָפן אינעווייניק און געלאָזט מיך ליגן. נאָך
אַ שטיקל צייט איז אַרויסגעקומען אַ סאַניטאַר און דערזעענדיק מיך
אַ פרירנדיקן אויף דער פור, האָט ער מיך אַ כאַפּ־געטאָן אויף די הענט
און אַרייַנגעטראָגן אין שפּיטאָל אַרײַן.

אין צענטראל
סאנגאָראָדאָק

עטלעכע דאָקטוירים האָבן מיטן ערשטן אויגנבליק מיך דער־קאָנט, אפילו אָנגערופן ביים נאָמען נאָר איך האָב געקוקט אויף זיי מיט שטאַרע בליקן און בין נישט מסוגל געווען אויסצורעדן אַ וואָרט.

מ׳האָט מיך גלייך אויסגעוואשן אויסגעבאָדן און אַריינגעלייגט אין אַ בעט.

כ׳בין גלייך איינגעשלאָפן. אַ סך געשלאָפן. אויפגעקומען ערשט שפּעט ביינאַכט. ווען איך האָב זיך איבערגעוועקט האָב איך ביי מיין בעט געטראָפן דעם סאַניטאַר און זיין ערשטע פראַגע איז געווען צי כ׳וויל עסן.

— וואָס האָסטו מיר צו געבן? — האָב איך אַ פרעג געטאָן אביסל שוין אַ מונטערער.

— מאַנע־קאַשע געקאָכט אויף מילך און צוקער. וועסט עסן אַ סך?

— און וויפל קענסטו אַ שטייגער געבן?

— וויפל דו ווילסט נאָר.

— טאָ גיב וויפל דו קאָנסט נאָר — האָב איך מיטן זעלבן טאָן צוריקגעענטפערט.

דער סאַניטאַר איז נעלם געוואָרן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ער איז צוריקגעקומען מיט אַ פולע שיסל מאַנע־קאַשע.

— וועסט דאָס אויפעסן?

אויף זיינע ליפּן איז געלעגן אַ שמייכל וואָס האָט זיך גלייך איבערגעטראָגן אין די אויגן־ווינקלען.

— כ׳וועל פּרובירן סאַניטאַר — האָב איך אַ זאָג געגעבן און טאַקע נישקשהדיק געצווייפלט צי כ׳וועל אומשטאַנד זיין זיך אַן עצה צו געבן מיטן טעלער.

פונדעסטוועגן האָט עס נישט לאַנג געדויערט. לעפל נאָך לעפל, שלונג נאָך שלונג און איך האָב פאַרצוקט דאָס עסן, אויסגערייניקט די שיסל און — בין איינגעשלאָפן אין א זיסן שלאָף.

אינדערפרי האָט מען מיך אַוועקגעפירט אין כירורגישן זאַל. ערשט דאָ האָב איך געזען די גרויסע קלאָג מיינע. די פינגער פון לינקן פוס האָבן געפוילט, געקרישלט זיך. פון גרויסן פינגער איז שוין כמעט גאָרנישט געבליבן. אויף דער רעכטער פוס און די רעכטע האַנט זענען געווען אָנגעשוואָלן. די טעמפּעראַטור מיינע האָט אַריבערגע־שטיגן — 39, און אויב איז נאָך דאָס געווען ווייניק, האָב איך באַקומען אַ „סעפּסיס" — אַ בלוט־אָנטצינדונג. איך האָב זיך אָפּגע־געבן אַ חשבון, אַז ביי די פּרימיטיווע באַדינגונגען פון אַ לאַגער־שפּיטאָל זענען נישטאָ קיין גרויסע אויסזיכטן עפּעס אויפצוטון. אויך די דאָקטוירים האָבן אָנגענומען די לאַגע פאַר ערנסט און זיי האָבן עס פאַר מיר גאָרנישט אויסבאַהאַלטן.

אין זעלבן טאָג איז צו מיין בעטל צוגעקומען אַ דאָקטערשע וועלכע האָט געדאַרפט אויפנעמען ביי מיר פּרטים וועגן אָפּגעפרוירע־נעם פוס און צוזאַמענשטעלן אַ ראַפּאָרט כדי צו קענען מיך משפּטן פאַר סאַבאָטאַזש... איך האָב איר דערציילט דעם גאַנצן פאַרלויף פון מיין קראַנק ווערן, געשילדערט איר ווי אַזוי מ׳האָט מיך אין לאַגער געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג און מיר נישט פאַרבונדן דעם פוס, דערציילט איר ווי אַזוי מיר האָבן שעהן אַרומגעבלאָנקעט ביינאַכט אין פעלד, אין טיפן שניי, ביז מיר האָבן געפונען דעם שטראָפנאָי־לאַגער, און שפּעטער דאָס פאַרן גאַנצע שעהן אין אַן אָפענעם וואָגן בעת אין דרויסן האָט די פראָסט אַזוי געסמאַליעט. די דאָקטערשע האָט קענטיק זיך איבערגענומען מיט דעם סיפּור המעשה, וואָרעם אַז כ׳האָב צופעליק אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ בליק געטאָן אויף איר, האָב איך געזען פון אירע אויגן רינען טרערן, פּשוט, טרערן. איך בין שטאַרק

געריירט געוואָרן. אַ ציטערנדיקע אינגאַנצן פון אויפרעגונג, האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט גלייך צוזאַמענשטעלן אַ ראַפּאָרט, אָבער נישט מיר לרעה, נאָר קעגן דעם פֿאַרברעכערישן באַגיין זיך מיט מיר.

זי האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט מיר און איז אָפּ פון בעט. איך בין איר דאַנקבאַר געווען פאַר די מילדע רייד צו וועלכע איך בין גאָרנישט געוווינט געווען און פאַר די טרערן, אין אויסדרוק פון מיט־לייד מיט מיר, כאָטש ס'איז מיר אַלץ איינס געווען צי מען וועט וועמען ס'איז באַשולדיקן און באַשטראָפן צוליב מיר, ווייל געזונט מאַכן דעם פוס, האָט מיר אויסגעזען, וועט מען סיי ווי נישט קאָנען.

צומאָרגנס איז די טעמפּעראַטור מיינע דערגאַנגען ביז 40 גראַד. דער דאָקטער איז צוגעקומען צום בעט און זיך פאַר מיר מתנצל געווען, געלאָזט מיר וויסן, אַז די הייל־מיטלען זענען זייער באַ־שרענקטע, און די מעדיצינישע באַדינגונגען גאָר נישט קיין לייכטע. ער וויל דעריבער פון מיר, אַז איך אַליין זאָל צוהעלפן די דאָקטוירים אין פּראָצעס פון היילן מיך, און אין דער ערשטער ריי — גוט עסן, נאָרמאַל עסן כדי דורכצוהאַלטן און אויסמיידן, אַז דאָס האַרץ זאָל נישט אָפּגעשוואַכט ווערן.

איך האָב אים געהאָרכט און געגעסן וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזן. מיט און אָן אַפּעטיט. אין מיין שווערן מצב, האָב איך נישט געוואָלט הערן פון טויט, נישט געוואָלט זיך מיט אים דאָ באַגעגענען, געוואָלט לעבן, אַפילו שטאַרק לעבן, ראַטעווען זיך.

אַ טאָג שפּעטער האָבן צוויי סאַניטאַרן מיך אַוועקגעטראָגן אין כירורגישן זאַל אויף איבערצובונדן דעם פוס. די דאָקטוירים האָבן דערווייל באַשלאָסן מיר צו מאַכן אַ שטיקל־אָפּעראַציע: עפענען דעם צווייטן געשוואָלענעם פוס, אויך די האַנט, כדי אַרויסצולאָזן פון דאָרט דאָס בלוט און אַזוי אַרום אפשר גורם זיין, אַז די היץ זאָל אָפּפאַלן.

עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע: ווו וועט מען נעמען אַ זאַפּאַס פון באַנדאַזשן. דאָס שפּיטאָל האָט געהאַט ווייניק און ס'איז אויך נישט געווען פון ווו צו נעמען.

נאָר דאָ — דאָ האָט זיך באַוויזן די דאָקטערשע מיט איר וואָרעם, מענטשלעך האַרץ. זי האָט צעריסן אירע עטלעכע אונטערהויזן און אַ העמד, און געמאַכט דערפון באַנדאַזשן.

ביז כלות הנפש האָב איך זיך איבערגענומען מיט איר אויסערגע־װענלעכן טאַט. איך האָב געוויינט ווי אַ קליין קינד. נישט פון יסורים, נישט פון ווייטאָג, נאָר פון געריררטקייט, פון דער הארציקייט, פון דער דאָקטערשע וועמען איך בין אַפילו נישט אומשטאַנד געווען אויסצודריקן מיין טיפער דאַנקבאַרקייט.

אויפן דריטן טאָג האָט מען מיך ווידער אַריינגענומען אין כירור־גישן זאַל, און דער דאָקטער צוקומענדיק צו מיר האָט ווידער איבער־געחזרט און אַריינגערעדט אין מיר וועגן שלעכטן מצב פון שפּיטאָל, וועגן דעם, אַז מען אַרבעט אין פּרימיטיווע באַדינגונגען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין נאַרקאָזע, נישט קיין כלאָראָפאָרם, אַפילו נישט קיין כירורגיש מעסער, און די אָפּעראַציע מוז מען דאָך מאַכן.

„מוז מען זי דורכאויס מאַכן, דאָקטער?״ — האָב איך אָנגעמענ־דיק זיין האַנט אים געפרעגט.

„דורכאויס ליבער, מיר זענען דעצידירט עס צו מאַכן כדי דיך צו ראַטעווען. עס וועט דיר ווי טאָן, נאָר אַז וועסט שרייען וועט עס דיר לינדערן די ווייטאָגן.״

איך האָב נאָך באַוויזן צו זען דאָס מעסער. אַ געוויינלעך שטוב־מעסער, אַן אָנגעשאַרפטס. דערנאָך האָב איך צוגעשלאָסן די אויגן, נישט געוואָלט קוקן און מוראדיק געשריגן. זיי האָבן געשניטן. אויפּ־געשניטן דעם פוס. ביים בעט איז געשטאַנען אַ ברייטע שיסל און דאָס בלוט האָט אַהין אַריינגערונען. איבער אַ האלבע שיסל האָט זיך אָנגעפילט, אַ האַלבע שיסל בלוט.

צוליב דעם שוואַכן צושטאַנד אין וועלכן כ׳האָב זיך געפונען האָט מען דערווייל אָפּגעלייגט די זעלבע אָפּעראַציע אויף דער האַנט, האָפּענדיק אַז אפשר וועט דאָס אָפּגעלאָפענע בלוט פון פוס אויך משפּיע זיין אויף דער האַנט.

עס איז פאַרביי אַ טאָג. די היץ האָט נאָך ווייטער אָנגעהאַלטן. מיין שכן וועלכער איז געלעגן מיטן זעלבן „פּעקל״ וואָס איך, האָט „באַפרייט״ דאָס בעטל און איך האָב שוין געוווסט וואָס דאָס באַדייט. איך האָב כסדר געקוקט אַהין און די ליידיקייט האָט מיך געשראָקן. אין מיינע אויגן האָט טויט זיך געקנוילט אויפן ווייסן ליילעך, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט, אָט שפּרונגט ער אַריבער פון בעט צו

בעט, פון מיין פאַרשטאָרבענעם שכנס בעט צו מיר.

אוונט־צו האָב איך געזאָגט דעם דאָקטער, אַז איך פיל ווייטאָגן אין קאָפּ. ער האָט די ערשטע זאַך געהייסן צוגרייטן אַ צעטל פאַר מיר, וואָס איז אין שפּיטאָל געווען אַזאַ מין „פּאַסיר־שיין" אויף יענער וועלט אַרויס... יעדן געשטאָרבענעם האָט מען אַנגעהאַנגען, ווי איך האָב שוין באַצייטנס באַוויזן צו זען, אַזאַ צעטל אויף דער האַנט אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעשריבן דער נאָמען און פאַמיליע־נאָמען. מיט דעם צעטל אויף דער האַנט האָט מען אויך יעדן קובר געווען.

די נאַכט איז אַדורך אין יסורים, אין פיבער, און שפּעטער־צו בין איך איינגעשלאָפן און זיך איבערגעוועקט ערשט אינדערפרי.

ביים בעט איז שוין געשטאַנען דער דאָקטער און מיר אַ קעגן געטראָגן אַ וואַרעמען גוטמאָרגן.

„וועסט שוין לעבן בלייבן, קאַפּלאַן! אומבאַדינגט וועסטו בלייבן לעבן, נאָך דער נאַכט וואָס האָסט אויסגעהאַלטן".

און ער האָט מיר געדריקט די האַנט ווי ער וואָלט געמיינט מיך צו פאַרזיכערן, אַז כ'בין שוין אַ דאַאיקער, אַז דאָס צעטל וואָס מ'האָט פאַר מיר אָנגעגרייט איז פאַרלויפיק נישט מער נויטיק...

די היץ האָט טאַקע אָנגעהויבן אַראָפּפאַלן. זי איז אַראָפּ ביז 38, און נאָך ווייניקער. פון דער אָפענער וווּנד פון פוס האָט געעיפושט, ווי פון אַ געהרגעטן, אַז ס'איז פשוט נישט געווען צוצוגיין צו מיר. דער פוס האָט מיר נאָך פונדעסטוועגן געגנוג וויי געטאָן, אַזוי, אַז יעדע באַוועגונג נישט ווייט פון בעט האָט מיך געאַרט, געקוועלט.

נאָך אַ וואָך צייט איז דאָס געשווילעכץ אויף דער האַנט אַביסל אָפּגעגאַנגען. די געפאַר — לויט דעם ווי די דאָקטוירים האָבן איינגע־זען — איז פאַריבער. דעם פוס איבער וועלכן זיי האָבן זיך פריער געדונגען ווי ווייט מ'באַדאַרף אים אַמפּוטירן: ביז צום קנעכל, אָדער ביז דער קני — אַט־אָ דעם פוס מיינעם האָט מען מיר שוין איבער־געלאָזט פאַר מיינעטוועגן, און איך האָב זיך מיט אים שטאַרק געפרייט.

די וווּנד גופא האָט זיך געהיילט גאָר געלאַסן. כ'האָב אַ לענגערע צייט נישט געקאָנט אַראָפּשטעלן דעם פוס און אַז איך האָב עס יאָ געטאָן, האָב איך באַקומען שטאַרקע ווייטאָגן.

אין איינעם אַ טאָג האָט אַ גאָר גרויסע „שישקע” אינספּעקטירט דעם שפּיטאָל. דער פרעמדער מאַן איז פאַרביי מיין בעטל, אַ בליק געטאָן אויף מיר, און ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

אַביסל שפּעטער איז געקומען צו לויפן דער כירורג פון שפּיטאָל און מיך געפרעגט אויב כ׳בין אַ מאַסאַזשיסט.

„דאָס איז מיין ספּעציאַליטעט” — האָב איך אים געענטפערט.

„טאָ פאַרוואָס־זשע האָסטו עס נישט געזאָגט גלייך, מיר נויטיקן זיך דאָ שטאַרק אין אַזאַ איינעם. מירן זיך באַמיען דיך שנעל אויס־צוהיילן, און געזונט מאַכן”.

עס האָט זיך מיר געגלוסט אַ שמייכל טאָן. פון כירורגס רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויב כ׳וואָלט געווען אַ פּשוטער בשר־ודם, וואָלט איך געדאַרפט ליגן און פוילן, נאָר אויב מען דאַרף מיר האָבן, וועט מען זיך צוויילן, באַמיען זיך מיך געזונט צו מאַכן.

„מילא, האָב איך צו זיך אַליין גערעדט, זאָל זיין אַזוי, זאָל זיין ווייל מען דאַרף מיך, אַבי כ׳זאָל וואָס שנעלער פּטור ווערן פון די יסורים.

פון געשפּרעך מיטן דאָקטער איז מיר באַוווסט געוואָרן, אַז דער „גדול”, וועלכער האָט וויזיטירט דאָס שפּיטאָל, האָט זיי דערציילט, אַז איך האָב אים אַמאָל געמאַכט אַ מאַסאַזש, בעת ער איז געווען פּאַרקילט, איז אים גלייך בעסער געוואָרן. ער האָט מיך צוליב דעם טאָקע גערימט פאַר די דאָקטוירים און זיי אָנגעזאָגט מיך אויסצונוצן צו אַרבעט אין שפּיטאָל פון וואָס זיי וועלן זיין שטאַרק צופרידן.

צומאָרגנס האָט דער דאָקטער געהייסן מיר צולייגן צום פוס אַ קאָמפּרעס פון ריינעם שפּירט. ער האָט מיך פאַרגעברייט דערצו, אַז לכתחילה וועט עס מיך שטאַרק ברענען, אָבער דערפאַר וועט דער ספּירט ריין מאַכן די וווּנד גופא און דעם אָרט אַרום איר, און גלייך דערנאָך וועט דער פוס אָנהויבן זיך שנעל אויסהיילן.

בשעתן צולייגן דעם קאָמפּרעס האָב איך געמיינט, אַז כ׳ווער אינגאַנצן פאַרברענט, ווי כ׳וואָלט אים אין פייער אַריינגעלייגט. כ׳האָב אָנגעהויבן שרייען פון ווייטאָג, גערופן הילף. אָנגסטן האָבן מיך באַגאָסן.

ערשט נאָך אַ שעה האָט די ברענונג נאָכגעלאָזן, איך האָב געפּילט אַ פֿאַרלייכטערונג און אָנגעהויבן זיך פילן פרייער און מונטערער.

פון יענעם טאָג אָן האָט מיר אָנגעהויבן גיין בעסער און בעסער. איך האָב צוביסלעך אַראָפּגעלאָזן דעם פוס, און באַקומענדיק אַ פּאָר קוליעס, אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען מיטן פוס, אין אָנהויב אַ פּאָר טריט נאָר און שפּעטער — מער און מער, ביז כ׳בין אַוועק אַ גאַנג, כאָטש טאַקע אַביסל אונטערגעלאָמט, אָבער דאָך מיט מיין אייגענעם פוס, וועלכן מ׳האָט מיר נישט אָפּגעשניטן, נישט ביז דער קני. און אַפילו נישט ביז צום קנעכל...

לעבעדיקע מתים

די ערגסטע אָפּטיילונג אין שפּיטאָל איז געווען די, ווו עס זענען געלעגן די „פּעלעגרא״־קראַנקע (אין די היטלער־לאַגערן האָט מען זיי גערופן: „מוזולמענער״). זיי האָבן געליטן פון אַטראָפּיע, וואָס איז זיי געקומען פון אונטערדערנערונג און פון פעלן פון כלערליי וויטאַ־מינען. ווי ס׳איז באַקאַנט אין דער מעדיצין קורטשעט זיך אַלץ איין ביי דעם סאָרט קראַנקן. עס פאַרקלענערט זיך די לעבער, עס שרומפּן איין די נירן, דאָס האַרץ, די לונגען. דער מאָגן מיט די קישקעס פאַר־לירן דאָס אינערלעכע שליים־הייטל, די קישקעס ווערן טיילווייז געלעכערט, דאָס עסן בלייבט נישט פאַרדייעט. די הויט פון קראַנקן ווערט גלאַנציק־גרוי, דער קראַנקער דאַרט־איין און גייט־אויס ווי אַ ליכט.

דאָס צימער פון די ׳פּעלעגרא״־קראַנקע האָט מען גערופן: דאָס צימער פון די „לעבעדיקע מתים״.

דאָרט האָבן לעבנס זיך געלאָשן אַן אַ קרעכץ און אַן אַ וויי. ביסט אַריינגעקומען אַהין האָסטו זיי געקאָנט זען זיצנדיק ס׳רוב אויף זייערע בעטן מיט גלאַנציקע אויגן, גלעזערנע. אויסגעדאַרטע, ביז צום דורכזען אַלץ וואָס טוט זיך אין אַזאַ סקעלעט־קערפּער. אַפילו זייער געברויך האָבן זיי געטאָן אונטער זיך, נישט פילנדיק גאָרנישט און נישט קאָנענדיק זיך העלפן.

לעבעדיקע מתים. זיי האָבן געפילט שטענדיק דעם טאָג פון שטאַרבן, אָבער אויסגעגאַנגען זענען זיי ווען קיינער אַרום האָט אפילו נישט געהערט זייער לעצטן אָטעם־צי.

נישט איינמאָל האָט געטראָפן: דער קראַנקער בעט אַ קאַרטאָפל, לויפט מען אין קוך אַריין ברענגען אַ קאַרטאָפל, און אַז מען קומט צוריק איז דער קראַנקער שוין אויסגעגאַנגען.

אָדער: ער נעמט אַ לעפל עסן אין מויל, האַלט אין מיטן שלונגען — און גייט אויס מיטן נישט־אַראָפּגעשלונגענעם ביסן.

און אָט האָט ער אַ רוף געטאָן וועמען פון שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, פאַרלאַנגט אַ טראָפּן וואַסער, צי טיי, ווייל עס דורשט אים זייער. ברענגט מען שנעל אַריין דאָס ביסל וואַסער, צי טיי, און ס'איז נישטאָ וועמען עס צו דערלאַנגען.

אָפּגעשטאָרבן. געלעבט און אָפּגעשטאָרבן. געווען און נישטאָ מער... מען טוט אים אָן אַ צעטל אויף דער האַנט, מען נעמט אים אַראָפּ פון בעט, דערנאָך פירט מען דעם גוף אַרויס נישט ווייט פון שפּיטאָל, מען איז קובר נישט טיף, קוים וואָס די ערד דעקט־צו, ווייל ס'איז צו שווער צו גראָבן, — די ערד איז געפרוירן ווי אַ שטיין.

געלעבט און געשטאָרבן. קיינער ווייסט נישט וועגן זיי. אַ נאָמען ווערט אין אַ שוואַרצן בוך פאַרשריבן, און דאָס איז אַלץ.

געווען טעג מיט אַכט־צען מתים אַזעלכע, טיילמאָל — אַפילו דאָפּלט. וואָרעם עס זענען נישט געווען קיין מעדיקאַמענטן, אָדער זיי זענען קנאַפּ געווען און די דאָקטוירים האָבן נישט געהאַט קיין סך צו טאָן ביי די קראַנקע. דאָס איינציקע וואָס מ'האָט געקאָנט טאָן, איז געבן אַביסל בעסערע באַשפּייזונג דעם שווער קראַנקן. איז האָט ער געהאַט גענוג כוח איבערצוּוועלטיקן די קראַנקייט, איז ער געבליבן לעבן, אַ נישט — אַ צעטל אויף דער האַנט...

קורצע טעג. אָט ווערט ליכטיק, עס שיינט די זון, עס דאַכט, אַז אַ גרויסער טאָג גייט־אויף און באַלד, איידער קוקסט זיך אַרום, פאַלט־צו די נאַכט, וואָס איז דאָ אַזוי שיין מיט אירע קאָלירקע פּאָלאַר־שטראַלן פון וועלכע ס'איז אַזוי שווער אָפּצורייסן דאָס אויג; די נאַכט מיט אירע גרינע, געלע און אַנדערע ליכטער ווי צעצונדן פייערווערק.

אין איינעם פון אַזעלכע קורצע טעג האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ טשעכישן דאָקטער. ער איז געלעגן אין שפּיטאָל אין אַ האָפענונגס־לאָזן צושטאַנד. פון פעלן וויטאַמינען זענען ביי אים אָפּגעשוואַכט

געוואָרן די נערוון, און ער איז נישט מסוגל געווען אָוועקצושטעלן די פיס אויף דער ערד. גרויסע צרות האָט ער געהאַט באַזונדערס ביים אָפּגעבן אורין, דערהויפּט ביינאַכט.

אין אַ געשפּרעך מיט אים האָב איך געלאָזט פאַלן אַ געדאַנק, אַז כ'וואָלט אים געוואָלט מאַכן אַ מאַסאַזש. קאָן זיין אַז דאָס וועט אים העלפן.

דער דאָקטער האָט מיר העפלעך געדאַנקט פאַר דער עצה־טובה און פאַרן גוטן ווילן, אָבער ביי זיי אין טשעכיען — האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין — האָט מען צו אַזאַ קרענק נישט פּראַקטיצירט קיין מאַסאַזשן...

איך האָב זיך אָבער איינגעשפּאַרט, געזאָגט אים, אַז עס דאַרף דאָך אים נישט אָרן אויב כ'וועל מאַכן אַ פּרווו. זענען אַזוי פאַרביי עטלעכע טעג ביז ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן.

אין איינעם אַן אָוונט האָב איך זיך גוט צוגעגרייט און געמאַכט דעם מאַסאַזש. איך האָב זיך דערביי שטאַרק אָנגעשטרענגט און ערשט נאָך דעם ווי כ'בין אַוועק פון קראַנקן דאָקטערס בעט, האָב איך געזען אַרום זיך אַ קאַלוזשע בלוט, וואָס האָט אויסגערונען פון מיין וווּנדיקן פוס, וועלכער האָט בשעתן מאַכן דעם מאַסאַזש מיט מיר ווי געהעריק מיטגעאַרבעט...

ווען איך בין צומאָרגנס אַריינגעקומען אין צימער, האָב איך געזען דעם טשעכישן דאָקטער זיצן אויפן בעט אינגאַנצן אַ צעשטראַלטער. ער האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט צו מיר און צוציענדיק מיך צום בעט צו געזאָגט: „ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע האָט איר אַלע ווייטאָגן פון מיר אַוועקגענומען. ממש מיט איינמאָל. שוין אָפּגעגעבן לייכט די אורין, אַראָפּגעשטעלט די פיס און דאָס גיין איז מיר געוואָרן לייכטער. אַלץ איר, אַלץ איר, קאַפּלאַן, גאָלדענע הענט".

אויך איך האָב זיך געפרייט, און מיט מיר — די רעשט דאָקטוירים.

אויסגעהיילט איין דאָקטער איז מיר גלייך אונטערגעקומען אַ צווייטער פאַל, אויך אַ דאָקטער פון שפּיטאָל, וועמען איך האָב אָנגעבאָטן מיינע מאַסאַזשן. געווען איז עס נישט קיין אַנדערער ווי דער כירורג אַליין. ער האָט כסדר געלאָמט, געגאַנגען אָנגעלענט אָן

שטעקן און זיך אַ היפּש ביסל געמאַטערט. ביי איינער אַן אָפּעראַציע האָט ער אַפּילו געחלשט פון ווייטאָגן אין פוס.

אַז איך האָב דערהערט וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, בין איך אַוועק צו אים און פאַרגעלייגט אַ סעריע מאַסאַזשן אויפן פוס. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַביסל פאַרווונדערונג, באַגלייט מיט אַ ציניש שמייכעלע אויף די ליפּן, וואָס האָט געמיינט צו זאָגן: וואָס אַ שטייגער הילף קאָנען אים, דעם כירורג, ברענגען די מאַסאַזשן? ווייס ער דען נישט, דער גוטער כירורג, וואָס פאַראַ מעדיקאַמענטן ער וואָלט גע־דאַרפט צום פוס, ווייס ער דען נישט אַליין מיט וואָס ער וואָלט זיך געקאָנט העלפן?

איך האָב אים אָבער נישט געלאָזט צו־רו. געמאָלן דעם אופן פון די מאַסאַזשן וואָס כ'וויל מאַכן און דערביי אויסגעדריקט מיין טיפן גלויבן, אַז זיי וועלן אים לייכטער מאַכן אויפן פוס. ער האָט ענדלעך מסכים געווען אין פּרינציפּ צו מיין פאָרשלאָג, נאָר באַשלאָסן אָפּצו־וואַרטן אַן אַכט־צען טעג, ביז די אָנטצינדונג פון אישיאַס אויפן פוס וועט פאַרביי.

נאָך די צען טעג האָב איך זיך גענומען מטפל זיין מיטן כירורג. טאָג נאָך טאָג האָב איך אים געמאַכט מאַסאַזשן. די בעסערונג איז געקומען מיט יעדן מאַסאַזש וואָס כ'האָב אים געמאַכט, ביז... אין איינעם אַ טאָג האָט ער אַפּילו אַוועקגעוואָרפן דעם שטעקן און דער־נאָך פולשטענדיק געזונט געוואָרן.

די שפּיטאָל־דאָקטוירים האָבן נאָך דער מעשה מיטן כירורג באַ־שלאָסן מיך איינצולאַדן אין זייער דאָקטוירים־צימער, כדי צו דע־מאָנסטרירן פאַר זיי דעם אופן ווי אַזוי איך מאַך די מאַסאַזשן.

כ'האָב אָנגעטאָן אַ דאָקטאָרסקע פאַרטוך, דער כירורג האָט זיך אויסגעטאָן, אַוועקגעלייגט זיך אויפן טיש, און איך האָב אים מאַסאַ־זשירט, דעמאָנסטרירט דעם אופן ווי אַזוי איך טו עס און דערביי געשילדערט די ווירקונג פון מאַסאַזש אויף די נערוון בכלל און אויף דעם קראַנקן נערוו בפרט. די דאָקטוירים זענען געווען באַגייסטערט פון דער „מאַסאַזשן־לעקציע" און האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר מיין מיטאַרבעט אין שפּיטאָל.

דאָס בלייבן אין שפּיטאָל איז אָבער נישט געווען פון די לייכטע

זאכן. איך האָב אָנגעהערט דעם שטראָפּנאָי־לאַגער און אויב בין איך געזונט געוואָרן, האָט מען מיך געדאַרפט אָפּשטעלן צוריק אין לאַגער אַריין.

די דאָקטוירים האָבן אָבער געמאַכט אַ שטיקל אסיפה און באַשלאָסן מיך צו באַשטעטיקן ווי דעם פעלדשער און מאַסאַזשיסט פון שפּיטאָל.

ביי דער הסכמה פון שפּיטאָל־נאַטשאַלניק איז דער באַשלוס אָנגענומען געוואָרן. איך האָב פון יענעם טאָג אָן פיגורירט ווי אַ קראַנקער פאַר דער נ.ק.וו.ד., כדי זי זאָל נישט האָבן די שליטה איבער מיר און פאַקטיש — געאַרבעט ווי אַ פעלדשער, געמאַכט מאַסאַזשן, אָוועקגענומען וויַיטאָגן אין פּלייצע, אין זייט, אין אַנדערע קערפּער־טיילן, און מען האָט נישט געוווסט וואָס צו מאַכן מיט מיר.

דער דאקטער —
א שפיאָן

דורך דער צייט וואָס כ׳האָב געמאַכט דעם כירורג די מאַסאַזשן אויפן פוס, האָבן מיר זיך גוט באַפריינדעט. ער האָט מיר דערציילט זיין טראַגעדיע:

ער שטאַמט פון נירנבערג, פון דער אַזוי באַרימט־געוואָרענער דייטשער שטאָט. זייענדיק לינק־געשטימט איז ער נאָך דער היטלער־איבערקערעניש אַוועק נאָך עסטרייך. צו יענער צייט האָט מיט דער דעמאָקראַטישער עסטרייך אָנגעפירט די דאָלפוס־רעגירונג און עס זעגען פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט געוואָרן קינדער־אויספלוגן נאָך סאָוויעט־רוסלאַנד. מיט איינעם אַזאַ טראַנספּאָרט האָט ער אַליין אָנגעפירט ווי אַ דאָקטער. אָנקומענדיק קיין רוסלאַנד האָט מען זיי געוויזן פון שענסטן און פון בעסטן. אים האָט אַלץ דאָ אימפּאָנירט. אַלץ איז אים געפעלן געוואָרן, פון אַלץ איז ער געווען באַגייסטערט, און ער האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט און ווילן צו באַזעצן זיך אין ראַטנ־פאַרבאַנד. די באָלשעוויקעס האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט זיין פאַר־לאַנג, האָבן „באַוויליקט״ אָנצונעמען זיין בקשה און ער איז געבליבן אין לאַנד. נאָך אַ קורצער צייט האָט ער אַראָפּגעבראַכט זיין פרוי און זיי האָבן זיך זייער פיין איינגעאָרדנט. במשך דער גאַנצער צייט האָט ער זיך דורכגעשריבן מיט די שוויגער־עלטערן, געשריבן זיי ענטו־זיאַסטישע בריוו און איז אויף אַן אמת געווען צופרידן פון לעבן.

דעם יאָרטאָג פון זייער זונס געבורט אין ראַטנפאַרבאַנד, האָבן זיי געוואָלט פייערן מיט גרויס פּאַראַד. צו דעם צוועק האָבן זיי

איינגעלאַדן די שוויגער־מוטער, כדי זי זאָל מיט אירע אייגענע אויגן זען ווי גליקלעך זיי לעבן זיך אויס אין לאַנד פון די סאָוויעטן.

אַ פּאָר טעג פאַר דער פאַמיליע־שמחה איז טאַקע די שוויגער אָנגעקומען. זיי האָבן געמאַכט פיבערהאַפטע צוגרייטונגען צום געבורטס־טאָג, איינגעלאַדן געסט, און פּלוצלונג, עטלעכע שעה איידער עס האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן די שמחה, זענען צו זיי אין שטוב אַריין עטלעכע נ.ק.וו.ד.־לייט און אַרעסטירט די שוויגער, דאָס ווייב און אים אַליין.

זיי האָבן נישט געקאָנט באַגרייפן, וואָס עס האָט פּאַסירט, געמיינט אַז אוודאי איז דאָ נישט מער ווי אַ מיספאַרשטענדעניש, מ׳וועט זיי גלייך ארויסלאָזן און גאָר אַנטשולדיקן זיך פאַר זיי. אָבער געפינענדיק זיך אין אַרעסט האָבן זיי געזען, אַז ס׳איז גאָר נישט קיין טעות. אים גופא האָט מען פאָרגעוואָרפן עטלעכע פאַרברעכנס: קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד, פאַרבינדונגען מיט דער בורזשואַזיע, און דער עיקר — שפּיאָנאַזש. ער האָט זיך קעגנגעשטעלט יעדער באַשולדיקונג, אויפגעוויזן, אַז אַ חוץ צו זיינע שוויגער־עלטערן האָט ער צו קיינעם נישט געשריבן. די טענה האָט מען אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן, ווייל זי האָט מכלומרשט נישט געשטימט מיטן אמת.

טאַקע נישט געשטימט מיטן אמת... שרייבנדיק די בריוו צו די עלטערן האָט ער, ווי דער שטייגער פון אַ מענטש, וועלכער האָט איבערגעלאָזן פריינט פון אַלטע, אַלטע יאָר, אויך זיי געלאָזט גריסן. נו, קיין בעסערן באַווייז אויף שפּיאָנאַזש באַדאַרף מען נישט. צו דעם טאַקע האָט ער אַראָפּגעבראַכט אויך די שוויגער, מכלומרשט צום געבורטס־טאָג פון קינד, אָבער אינדערעמתן: כדי דורך איר איבערגעבן מינדלעך אַלע שפּיאָנאַזש־ידיעות.

נאָך עטלעכע טעג האָט מען די שוויגער און די טאָכטער, — זיין ווייב, — אַרויסגעלאָזן פון אַרעסט און ביידע צוריקגעוויזן קיין עסטרייך, נאָך ווין און אים, אים אַליין האָט מען אַ „מתנה” געגעבן צום געבורטס־טאָג פון זונעלע — צען יאָר קאַטאָרגע־אַרבעט אויף פאַרשיקונג.

„איך האָב נאָך גוט אָפּגעשניטן — האָט דער כירורג זיך אַליין געטרייסט — ביליק געהאַנדלט. אַנדערע באַקומען פאַר אַזעלכע לייטישע באַשולדיקונגען פופצן און אַפילו פינף און צוואַנציק יאָר”.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, אַז פון דאָקטערס ענטוזיאַזם און פון אַמאָליקן ראַדיקאַליזם איז גאָרנישט פאַרבליבן. אַלץ האָט זיך אויסגעוועפּט. דאָס איינציקע, וואָס איז געבליבן אומפאַרענדערט איז געווען דער אורטייל אויף די צען יאָר פאַרשיקונג. כאָטש עס האָט גוט געמאַטערט די פראַגע, צי ווען עס וועט זיך ענדיקן דער טערמין פון די צען יאָר, וועט מען נישט פאַרלענגערן דאָס האַלטן אים אויף פאַרשיקונג.

איך ווייז ווונדער ביי קראנקע

מיינע מאַסאַזשן האָבן מיך באַרימט געמאַכט. די דאָקטוירים האָבן מיך נישט אויפגעהערט צו לויבן און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט מיר. איינמאָל האָט דער דאָקטער מיך מיטגענומען אויף זיין אָפּטיילונג, געוויזן מיר אַ צאָל לייכטע פּעלעגריקער מיט אַט־ראָפירטע מוסקולן פון הענט און פיס. די מענטשן זענען געלעגן מיט איינגעבויגענע קניען אָדער הענט.

איך האָב פאַרגעלייגט צו מאַכן זיי אַ סעריע לייכטע מאַסאַזשן מיט אַ צוגאָם פון אַ שטאַרקער דאָזע וויטאַמין „צ״.

קיין שטאַרקע דאָזעס וויטאַמין „צ״ זענען אין שפּיטאָל נישט געווען, און דאָס איינציקע וואָס מ׳האָט זיי יאָ געקאָנט געבן איז געווען: אַ צוגאָב שיסעלע זויער קרויט מיט אוגערקעס. נישט האָבנדיק עפּעס אַנדערש — נישט קיין פרוכטן און נישט קיין איינשפּריצונגען, זע־נען די קראַנקע, אַ דאַנק גימנאַסטישע איבונגען און דורך די מיר געמאַכטע מאַסאַזשן — פולשטענדיק אַרויס פון געפאַר. די גלידער האָבן זיך ביסלעכווייז אויסגעגלייכט. די קראַנקע האָבן אָנגעהויבן באַוועגן מיט די פיס און אַפילו מסוגל געווען צו טאָן לייכטע אַרבעט.

מיין הצלחה האָט אימפּאָנירט דעם שפּיטאָל־נאַטשאַלניק, וועל־כער האָט מיך אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז פיס, ווייל פון שטראַפנאַי־לאַגער בין איך געקומען עירום ובחוסר כל.

די שפּיטאָל־דאָקטוירים האָבן געוואָלט מיר אויסדריקן אָנער־קענונג און פאַרגעשלאָגן דעם הויפּט־דאָקטער אַריינצונעמען מיך אין

דער רשימה פון די שפּיטאָל־באַשעפטיקטע, כדי כ׳זאָל באַקומען אויך אַ פּאָר רובל פאַר דער שווער־פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. אָבער דער הויפּט־דאָקטער האָט מורא געהאַט פאַר דער נ.ק.וו.ד., אַז זי זאָל מיך נישט אויסגעפונען און וועלן האָבן איבער מיר די שליטה, האָט ער כסדר דוחה געווען דעם פאָרשלאַג, און איך האָב ווייטער פיגורירט ווי אַ קראַנקער, וועלכער ליגט אין שפּיטאָל.

רוסישע טראַגעדיעס

יעדער קולטורעלער מענטש אין ראַטנפאַרבאַנד, וועמען דער גורל האָט געבראַכט אין לאַגער אַריין, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ טראַגעדיע. נאָך אַ גליק געווען, וואָס אין אַ פרייער מינוט האָט מען געקאָנט פאַר אַ מענטשן, צו וועלכן מ׳האָט געהאַט צוטרוי, אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן.

אין די אָוונטן, ווען ס׳איז נישט געווען וואָס צו טאָן, איז מען זיך צונויפגעקומען און יעדער איינער האָט געעפנט זיינע ווונדן, נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איבערדערציילט, אָפטמאָל מיט רעזיגנאַציע, וועגן דעם ווי אַזוי „עס האָט פּאַסירט", ווי אַזוי מ׳איז מגולגל געוואָרן אין לאַגער אַריין.

דער הויפּט־דאָקטער פון שפּיטאָל איז געווען אַ הויכער, אַ שיינער. אַ גוט־געבויטער מאַנספּערשוין מיט אַן איידעלן אויסזען. זיינע צרות האָבן געהאַט אַ ראָמאַנטישן באָדן:

ער איז געווען פאַרהייראַט צו אַ יינגער בילד־שיינער פרוי. זיי האָבן געלעבט גליקלעך און צופרידן. וואָלט געגאַנגען אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווען נישט דאָס, וואָס אין זיין ווייבל האָט זיך פלוצעם פאַרליבט אַ הויכער נ.ק.וו.ד.־אָפיציר און צעשטערט זיין אידיליש לעבן.

אַזוי ווי מ׳האָט געדאַרפט פון אים פּטור ווערן (און פּטור ווערן אין רוסלאַנד פון אַן „איבעריקן" איז נישט שווער), האָט דער אָפיציר אָנגעשריבן אַ קליין מסירהלע אַז ער, דער דאָקטער, איז

אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער, וואָס אויב מ׳וועט אים לאָזן אויף דער פריי איז מי יודע אויב ס׳איז נישט איינגעשטעלט דער גאַנצער סאָ־וויעטישער רעזשים.

מער נישט. מער האָט מען נישט געשריבן. מער האָט מען אָבער אויך נישט באַדאַרפט. גלייך האָט מען אים אַרעסטירט, אָפּגעשיקט די „דיעלאָ״ צו דער באַקאַנטער „טראָיקע״ אין קרעמל און מען האָט אים „אַהיימגעשיקט״ אָן אורטייל אויף צען יאָר.

„על פּי סאָוויעטישער הלכה — האָט דער דאָקטער זיך ביטער גע־ווייצלט אויף זיין אייגענעם חשבון — האָט מען געדאַרפט אויך אַרעס־טירן מיין יינג, שיין ווייבל, ווייל זי האָט אויסבאַהאַלטן פון דער מאַכט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער, אַ פאַררעטער. אָבער זי האָט דאָך געהאַט אַ פּראָטעקטאָר, טאַקע דעם זעלבן נ.ק.וו.ד.־אָפיציר, האָט ער שוין אַלץ געדעקט״.

„אָט אַזוי — האָט דער דאָקטער נאָך אַ קורצן איבעררייס פאַר־ענדיקט דעם סיפּור־המעשה — אָט אַזוי האָט מען אַ תל־געמאַכט פון אַ שטיל באַשיידן פאַמיליע־לעבן. אויס ווייב, אויס שטוב און פאַר אַ צולאָג — צען יאָר פאַרשיקונג״.

פון א מיניסטער ווערט א לעקפּאָם

אויף איינער אַ שפּיטאָל־אָפּטיילונג האָט געאַרבעט אַן עלטערער לעקפּאָם. פון פאַך איז ער גאָר געווען אַן אינזשעניר. די צוויי ספּעציאַליטעטן גייען טאַקע נישט געפּאָרט, דערפאַר אָבער האָבן זיי אַ בשותּפותדיקע געשיכטע.

דער־אָ לעקפּאָם־אינזשעניר איז בסך־הכּל געווען נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ מיניסטער אין דער ווייסרוסישער רעגירונג. פון זיין איינמאָל און נאָכאַמאָל דערציילן וועגן זיך האָט זיך באַקומען אַ ביז־גאָר אינטערעסאַנטע געשיכטע.

זיין מיניסטער־פונקציע האָט ער אויסגעפירט געטריי און ערלעך, געווען איבערגעגעבן דעם כּלל און זיינע ענינים.

אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די כוואַליע פון אַרעסטן וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד, און מ׳האָט געשליידערט אין טורמעס אומשולדיקע מענטשן, זיי פאַרשיקט און אַפילו געשאָסן, האָט עס אים פאַרדראָסן. זיין געוויסן האָט אים געפּייניקט. אין האַרצן ביי זיך האָט ער געזאָגט: לא זו הדרך, נישט אַזוי קאָן מען בויען אַ סאָציאַליסטישע מלוכה, און ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוציען קאָנסעקווענצן, ד. ה. נישט זיין מיטפאַראַנטוואָרטלעך, נישט מיטמאַכן די בלוטיקע שפּיל, און ער האָט אין איינעם אַ טאָג זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע, פּשוט, אָפּגעזאָגט זיך פון צו זיין אַ מיניסטער.

מ׳האָט די דעמיסיע אָנגענומען און אויף זיין אָרט אַרויפגעזעצט אַ צווייטן. דער פרישער מיניסטער האָט אין אָנהויב נישט אַזוי גוט זיך אָריענטירט אין די ענינים פון מיניסטעריום און געקומען צו

אים אָפּט אין שטוב אַריין זיך באַראָטן וועגן פאַרשידענע זאַכן. ער פלעגט אים גערן העלפן, אָנווייזן, און נישט איינמאָל אַרויסשלעפּן פון פּלאָנטערס און אויסגעמיטן פאַר אים פאַרשידענע שטרויכלונגען.

דאָס אַלץ האָט אַזוי געדויערט ביז מ׳האָט דעם פרישן מיניסטער אַראָפּגעזעצט פון בענקל און ווי דער שטייגער — אַרעסטירט פאַר סאַבאָטאַזש, קאָנטררעוואָלוציע, און נאָך פאַרברעכנס.

בעת די אויסמאַטערנדיקע חקירות פון זיין פאַרטרעטער דעם מיניסטער, האָט די נ.ק.וו.ד. זיך דערוווּסט, אַז ער פלעגט צו אים זיך קומען באַראָטן.

„דער בעסטער סימן פון קאָנטררעוואָלוציע — האָט דער לעק־פּאָם און געוועזענער מיניסטער געחוזקט מיט גאַל און ביטערניש — אויף מיר האָט מען סיי ווי געהאַט אַן אויג פאַרן אָנגעבן זיך אין דעמיסיע, האָט די נ.ק.וו.ד. געלערנט פּשט, אַז דאָס האָב איך דעמיסיאָ־נירט כדי אַריינצוזעצן דעם פאַרטרעטער מיינעם, ער זאָל פאַרזעצן דעם סאַבאָטאַזש און די קאָנטררעוואָלוציאָנערע אַרבעט מיטן ציל צו צעברעכן די סאָוויעטן־מאַכט.״

דער חטא איז געווען אַ גרויסער און די שטראָף איז אים געגעבן געוואָרן נאָך מיט חסד: צען יאָר פאַרשיקונג, נישט מער. גאַנץ צו־גענגלעך.

אָבער זינט דעמאָלט האָט דער געוועזענער מיניסטער נישט גע־וואָלט מער פיגורירן ווי אַן אינזשעניר. נישט געוואָלט מער טראָגן קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

„איך וויל נישט, האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויב עס וועט זיך ערגעץ צעברעכן אַ שרייפל, זאָל מען מיר פאָרוואַרפן און באַשולדיקן אין סאַבאָטאַזש, קאָנטררעוואָלוציע. איך האָב עס גענוג״.

און ער איז אַוועק אַרבעטן ווי אַ לעקפּאָם, אַ קליין מענטשעלע אין לאַגער. פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ איז דער דאָקטער, און ער איז בלויז זיין אונטערגעאָרדנטער.

אויס מיניסטער. פאַרגעסן שוין יענע צייטן. אָפּגעריסן איז ער פון זיין היים, פון זיין לאַנד. ווייט פון דאָרט איז ער. אין ווייטן, ווייטן צפון, און ספק גאָר צי ער וועט נאָך אַמאָל, ווען עס איז אַרויס פון גיהנום.

די גרויסע „שישקע"

ער איז געווען סעקרעטאַר פון מאָסקווער קאָמסאָמאָל. אין סאַנ־גאָראָדאָק איז ער געוואָרן אַ שרייבער אין דער שפּיטאָל־קאַנצע־לאַריע. אין אַ שמועס מיט אים האָב איך אַ שפּאַסיקן פרעג געטאָן: וואָס פאַר אַ חטא עס האָט אים דאָ אַהער אַראָפּגעבראַכט.

ער האָט זיך צעשמייכלט און אָפנהאַרציק דערציילט:

„ס'איז געווען נאָכן קיראָוו־מאָרד. מ'האָט אָנגעהויבן אַרעסטירן די גאַנצע רוסישע אינטעליגענץ: פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, אינזשע־ניערן, און וועל־כולם, פּאַרטיי־לייט, הויכע פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן און אַפילו פּאַרטיי־סעקרעטאַרן. אַזוי בין איך אויך אַריינגעפאַלן. שפּע־טער האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז מ'האָט אַביסל צופיל גענומען, האָט מען זיך אָפּגעהאַלטן, אָנגעהויבן זוכן און שאַפן „דיעלעס" פאַר די וואָס מ'האָט אַרעסטירט. נאָר מ'האָט נישט געקאָנט דערגיין קיין טאָלק. גאַנצע בערג מיט דיעלעס האָבן זיך אָנגעזאַמלט און מ'האָט נישט געוווסט, וועלכע מבטל מאַכן און וועלכע נישט. האָט מען באַ־שלאָסן צו לאָזן אַזוי ווי ס'איז. ווער עס זיצט — זאָל בלייבן זיצן".

„און איך — האָט דער סעקרעטאַר פון מאָסקווער קאָמסאָמאָל פאַרענדיקט — בין איינער פון די פאַרבליבענע זיצערס".

דער דעקאַן
פון מאָסקווער אוניווערסיטעט
איז זיך מודה...

אין אַ געוויסן טאָג איז צו אונדז אָנגעקומען דער דעקאַן פון מאָסקווער אוניווערסיטעט — אַ פּראָפעסאָר פון געאָלאָגיע. די דאָק־טוירים האָבן אַלץ געוואָלט טאָן כדי אים אויפצוהאַלטן אין שפּיטאָל. זיי האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט פיל דרך־ארץ. דער פּראָפעסאָר איז געווען זייער אַ פריילעכער און שטענדיק ביים גוטן הומאָר.

אין די ערשטע טעג איז געשטאַנען די פראַגע ווו מ׳זאָל אים איינאָרדענען, אַז ער זאָל נישט פאַלן פון די כוחות. מ׳האָט אים אַריינגענומען אין דאָקטוירים־צימער און דאָרט געהאַלטן. געהייסן האָט עס, אַז דאָס איז בלויז אויף דערווייל, ביז מען וועט אויסגע־פונען עפּעס אַנטשפּרעכנדיקס.

זיין צימער איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרט פאַר גייסטיקער אונטערהאַלטונג. די דאָקטוירים פלעגן זיך דאָרט צו־נויפקומען, אָפּזיצן שעהן, ספּעציעל אין די אָוונטן, און שמועסן, און אָנהערן זיך פון פּראָפעסאָר פאַרשידענע אָפּהאַנדלונגען און דער־ביי אויך זיך דערקוויקן מיט זיינס אַ שאַרפזין, צי גאָר אַ געלונ־גענעם וויץ. איך אַליין פלעג זיך אויך אַהין פאַרגנבענען, און איינ־הערן זיך אין אַלץ וואָס ס׳איז דאָרט גערעדט געוואָרן.

אין אַ געוויסן אָוונט האָט ער דערציילט ווי אַזוי מ׳האָט אים „גענומען״, אָדער ווי מען זאָגט עס אין רוסיש: „קאַק פּאָפּאַל״ (ווי אַזוי אַריינגעפאַלן).

אָנגעהויבן האָט עס זיך נאָכן קיראָוו־מאָרד. מ׳האָט זיך אַ נעם־געטאָן צו דער אינטעליגענץ. אין מאָסקווע זענען געווען אַן ערך פון אַ זיבעציק פּראָפעסאָרן און זיי האָבן פּלוצלונג אָנגעהויבן פאַר־שווונדן איינער נאָכן אַנדערן. ער אַליין האָט זיך יעדע רגע געריכט, אַז אויך אים וועט מען קומען נעמען, האָט ער זיך פאַרגעברייט און געהייסן אויך דער פרוי זיינער זי זאָל אים צוגרייטן אַ פּעקל וועש, כדי עס צו האָבן פאַר דער האַנט אין מאָמענט, ווען ער וועט עס דאַרפן.

און כך הוה. אין אַ געוויסער נאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. די פרוי זיינע האָט זי געעפנט און עס זענען אַריין עטלעכע נ.ק.וו.ד.־לייט און אַ זאָג־געטאָן: „בודטיע לוביעזני סאָבירויאַטסיאַ ס׳נאַמי (זייט אַזוי גוט און קומט מיט אונדז). איז ער געגאַנגען. נישט געפרעגט זיך גאָרנישט. נישט אָנגערופן זיך, נאָר גענומען דאָס צוגעגרייטע פּעקל און אַוועק מיט די נ.ק.וו.ד.־מענטשן, וועלכע האָבן דערקלערט דער פרוי, אַז דאָס נעמט מען אים נאָר אויף עטלעכע שעה, בלויז כדי צו באַקומען פון אים עטלעכע אינפאָרמאַציעס אין וועלכע זיי נויטיקן זיך.

„בעת דער אויספאָרשונג — האָט דער פּראָפעסאָר דערציילט — נאָך דעם ווי מ׳האָט שוין געהאַט אויפגענומען ביי מיר אַלע פּער־סאָנאַליען, האָב איך זיך אָפּגערופן צום קעגנאיבער מיר זיצנדיקן אויספאָרשער: „און איצט פאַרנאָטירט אַלץ, וואָס איך וועל אייך דערקלערן: אין דער מאָסקווער וווּרשטן־פאַבריק האָב איך אַריינ־געטאָן סם אין ווּרשט, אין אַ צווייטער פאַבריק האָב איך צעשניטן די טראַנסמיסיע־פּאַסן, שרייבט, חבר אויספאָרשער״!

„נאָר יענער האָט געעפנט אויף מיר אַ פּאָר אויגן פול מיט פּראַ־גע־צייכנס. ווי קומט עס, אַז דער דעקאַן פון אוניווערסיטעט זאָל רעדן אַזוינע רייד? און ער האָט אָנגעהויבן פרעגן, שטאַמלען מיטן מויל, אָבער איך האָב אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט און באַפוילן: שרייבט, וואָס איך הייס, אַלץ איז אמת, כ׳בין ביים פולן באַוווּסט־זיין! יאָ, וואָרט, אונטער איינער אַ בריק אין מאָסקווע האָב איך אַוועקגעלייגט אַן אויפרייס־באָמבע, פאַרשרייבט״...

מיר זענען געזעסן אין דאָקטוירים־צימער ווי פאַרשטיינערט,

אָנגעשפּיצט אַלע חושים, געעפנט די מײַלער און געהערט דעם דע־קאַן דערציילן:

„אַזוי האָב איך אויסגערעכנט אַ װעלכע ס׳איז 10 פאַרברעכנס און זיך אונטערגעשריבן מיטן פולן נאָמען. איר װעט אַװדאי פרעגן פאַרוואָס איך האָב עס געטאָן? װעל איך אײַך זאָגן: מאחורי הפרגוד זענען צו מיר דערגאַנגען ידיעות װי אַזוי מ׳האָט באַהאַנדלט מײַנע חברים פּראָפעסאָרן, װעלכע האָבן זיך נישט „מודה״ געװען, האָב איך איבערגעכיטרעװעט מײַנע אויספאָרשער, אויסגעקליבן אַ צװייטן װעג״...

ביי דער געלעגנהייט האָט שוין דער פּראָפעסאָר אויך דער־ציילט װעגן די קאָלעגן זײַנע. איינעם פון די, װעלכע האָבן זיך נישט מודה געװען האָט מען אַרײַנגעשליידערט אין אַ קליין קאַלט צימערל מיט נאָך אַ קעלטערן צעמענטענעם דיל. מ׳האָט אים דאָרט אַזוי געלאָזן ליגן אויף דער ערד, אָן אַ קאָץ צום צודעקן זיך. אַפילו דעם מאַנטל, װאָס ער האָט געהאַט אויף זיך, האָט מען פון אים אַראָפּגענומען, ער זאָל נישט האָבן מיט װאָס זיך צוצודעקן.

אַ צװייטער פּראָפעסאָר, װעלכער האָט אויך פאַר קיין פאַל נישט געװאָלט זיך מודה זײַן אין נישט־באַגאַנגענע חטאים, האָט מען אַרײַנגעװאָרפן אין אַ פינצטערן קעלער און דערנאָך אים אָנגעפילט מיט װאַסער ביז צו די קני.

אַ דריטן קאָלעגע האָט מען בעסער באַהאַנדלט. מען האָט אָבער יעדע צװיי שעה געטוישט די װאַך און אים נישט געלאָזט איינשלאָפן. װי נאָר ער האָט געכאַפּט אַ דרימל, האָט מען אים אויפגעװעקט, ביז ער האָט זיך איינגעבראָכן און אונטערגעשריבן אויף אַלץ, װאָס מ׳האָט נאָר געװאָלט.

„צוליב דעם אַלעם, האָב איך אויסגעפונען, אַז ס׳איז גלײַכער זיך „מודה״ צו זײַן אין װאָס גרעסערע פאַרברעכנס, און אגב גע־װאָלט זען, װי עס װעט אויסזען די באַציונג צו אַ פּראָפעסאָר, אַ דע־קאַן פון אוניװערסיטעט — אַ פאַרסמער פון װאַרשע, אַן אונטער־לייגער פון באָמבעס.״

„איך האָב נישט געמאַכט קיין שלעכטן שריט — האָט דער פּראָפעסאָר זיך צעלאַכט און געצילט אַביסל אויפצוהייטערן אונדזער

דערשלאָגענע שטימונג — איך האָב נישט געמאַכט קיין שלעכטן שאַך־צוג. פאַרקערט — אַ גוטער מיטל געווען. מ'האָט מיך נישט געפייניקט, מ'האָט זיך נישט איזדעקעוועט איבער מיר, איך האָב זיך מודה געווען און באַקומען נאָר — שטעלט זיך פאָר — אַכט יאָר פאַרשיקונג. נישט מער פון אַכט יאָר, אינדערצייט ווען מיינע קאָלעגן, וועלכע האָבן זיך נישט מודה געווען זענען אויסגעשטאַנען מוראדיקע יסורים, באַליידיקונגען, מיטגעמאַכט שבעה מדורי גיהנום און צובאַקומען, יעדער צו 15, אָדער 25 יאָר טורמע און פאַר־שיקונג".

דעם פראָפעסאָרס הייטערער טאָן האָט אונדז נישט אַרויסגעפירט פון אונדזער דערדריקטער שטימונג. מיר זענען געזעסן ווי גע־פלעפטע. קיינער האָט נישט געקאָנט עפענען ס'מויל און עפעס אויס־רעדן. מיר האָבן געהאַלטן די קעפּ אַראָפּגעלאָזן, געזעסן פאַרטרויערט, אבלדיק. וואָרעם אויב אַזוינס — האָט יעדער פון אונדז אַוודאי געטראַכט אין יענער מינוט — קאָן געשען מיט דער עליטע פון דער באַפעלקערונג, מיט דער סאַמע העכסטער שיכט, טאָ וועמען וועלן נאָך די נ.ק.וו.ד. שאַנעווען? ווער וועט זיך נאָך קענען אַרויסדרייען פון די הענט פון דער אַזוי גרויזאַמער אין רוסלאַנד נ.ק.וו.ד.?

דער פּראָפעסאָר האָט געזען ווי ווייט זיין סיפור־המעשה האָט אויף אונדז משפיע געווען, האָט ער נישט געוואָלט אַז מיר זאָלן נאָך מער אַראָפּפאַלן ביי זיך און אַ זאָג געטאָן אינגאַנצן אַ פריילעכער:

„נאָ פליעוואָט" (אַ שפּיי דערויף). נישטאָ וואָס איבערצוגעמען זיך. עס וועט גאָרנישט העלפן. לאָמיר פאַרגעסן אָן דעם, וואָס איז געווען אַמאָל..."

און ער האָט גענומען שפּילן אַ פּאַרטיע שאָך...

א יידישער פראָפעסאָר, וואס האט געוואלט זען תל-אביב

אונדזער שפּיטאָל האָט גענומען גרעסער ווערן. מען האָט אויס־געברייטערט און פאַרמערט די הייל־אָפּטיילונגען. אין אַ געוויסן טאָג איז צוגעקומען אַן אויגן־ספּעציאַליסט אַ פּראָפעסאָר, אַ ייד. ער איז געווען אַ הויכער, מיט אַן איידל געזיכט און אַ קליין צוגעשוירן בערדל ווי אַן אמתער סטאָיקער. ער האָט געקענט אַלע וועלט־שפּראַכן אין שריפט און אין וואָרט, צווישן זיי אויך — עברית.

זיין נאָמען איז געווען באַרימט אין גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד און אָנגעגאַנגען ווי דער גרעסטער מומחה פון אויגן־קראַנקייטן. זיינע מעדיצינישע וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען אויפן געביט פון אָקו־ליסטיק האָבן זיך געדרוקט אין אַ סך אינלענדישע און אויסלענדישע מעדיצינישע צייטשריפטן. אויף אַלע אינטערנאַציאָנאַלע דאָקטוירים־צוזאַמענפאָרן האָט ער פאַרטרעטן די רוסישע מעדיצין.

אַמאָל, מיט לאַנגע יאָרן צוריק האָט ער געהערט צו דער חובבי־ציון באַוועגונג אָבער שפּעטער נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט ער לאָיאַל געאַרבעט ווי אַ דאָקטער. מ'האָט אים נישט געטשעפּעט, געלאָזט רויק אַרבעטן, בפרט אַז מ'האָט אים נישט געהאַט וואָס פאַרצוואַרפן.

געוווינט האָט ער אין באַרימטן סטאַלינגראַד.

נאָר איינמאָל, בעת אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלן דאָקטוירים־צוזאַמענ־פאָר, האָט דאָס יידישע האַרץ נישט אויסגעהאַלטן און ער האָט

„אינצווישן״ אַראָפּגעכאַפּט זיך אויף עטלעכע טעג קיין תל־אביב. געוואָלט זיך אָנזעטיקן כאָטש עטלעכע טעג מיט ארץ־ישראל־לופט, דערקוויקן דאָס האַרץ מיט יידישן אויפטו, יידישע דערגרייכונגען. עפּעס איז ער דאָך אַמאָל געווען פון די חובבי ציון.

אינדעראמתן האָט ער געהאַט שטאַרק חשק צו פאַרבלייבן, מוחל זיין דעם גרויסן כבוד און גרינגן לעבן אין רוסלאַנד, אַבי צו זיין צוזאַמען מיט יידן אויף יידישער ערד. נישט מער, וואָס די גאַנצע משפחה איז דאָך געווען אין רוסלאַנד. וואָס וואָלט מיט זיי געווען געשען? האָט ער נאָך דריי טאָג אָפּזיין אין ארץ־ישראל מיט אַ שווער האַרץ פאַרלאָזט דאָס לאַנד, זייענדיק זיכער, אַז זיין פאַרברענגען אינ־קאָגניטאָ אין יידישן לאַנד וועט אַדורך אומבאַוווסט און נישט באַ־מערקט.

אָבער די נ.ק.וו.ד. האָט אומעטום אירע אויגן און אירע שפּיאָנען. ווי נאָר ער איז אַהיימגעקומען האָט מען אים אַרעסטירט.

ווען ער איז געזעסן אין טורמע איז אין שטאָט צופעליק פאָר־געקומען אַ פייערונג לכבוד די אַרטיקע פייערלעשער. איינער אַ סטראַזשאַק איז געשטאַנען מיט דער גומענער קישקע אין האַנט און זי על־פּי־טעות געהאַלטן נידעריקער ווי מען דאַרף. פּלוצלונג האָט פון דער קישקע אָנגעהויבן אַרויסשטראָמען אַ וואַסער־שטראָם און דאָס — גלייך אין די אויגן אַריין פון נ.ק.וו.ד.־נאַטשאַלניק אין סטאַלינגראַד. פונעם שטראָם וואַסער האָט דער נ.ק.וו.ד.־אָפיציר פאַר־לוירן מאָמענטאַל די ראיה. מ׳האָט געבראַכט אַ דאָקטער און יענער האָט גאָרנישט געקאָנט העלפן. האָט מען זיך דערמאָנט אָן אים — דעם פּראָפעסאָר אין טורמע.

מ׳האָט געבראַכט צו אים דעם חולה, ער האָט זיך פאַרנומען מיט אים אַן ערך פון אַ האַלבער שעה און אים צוריק געגעבן די זע־קראַפט.

אים האָט זיך צו יענער רגע געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט, און ער האָט זיך אָפּגערופן צום נ.ק.וו.ד.־אָפיציר: „איך האָב איצט דערפילט מיין מאָראַלישע פליכט, טו, געדענק, דאָס זעלבע מיט מיר. איך בין אומשולדיק, נעם מיך אַרויס פון דאַנעט״.

דער נ.ק.וו.ד.־מאַן האָט זיך געשווירן מיט כלערליי שבועות, אַז

במשך אַ פּאָר שעה וועט ער אַלץ דערליידיקן און אים אַרויסנעמען אויף דער פריי, וועט אים אַפילו אַליין אַהיימפירן. ווי דען אַנדערש? ער האָט דאָך אים געראַטעוועט די אויגן, דאָס גאַנצע לעבן זיינס.

נאָר דער נ.ק.וו.ד.־אָפיציר איז נישט געקומען. נישט נאָך עט־לעכע שעה, און נישט צומאָרגנס. פון די שבועות האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. פינף יאָר פאַרשיקונג — דאָס איז געווען דער אורטייל. פינף יאָר פאַר פאַרבינדונגען מיט דער בורזשואַזיע.

„אָבער די דריי טאָג אין תל־אביב האָבן דאָך געלוינט — האָט דער אויגן־פּראָפעסאָר מיר איינגערוימט אויפן אויער — זיי ליגן איינגעקריצט אין מיין יידיש האַרץ"...

א דענשטשיק
רעדט זיך אראָפּ פון האַרץ

אין אַ געוויסן טאָג האָט דער הויפּט־דאָקטער מיר געבעטן צו גיין אַהיים צום פֿעליטרוק און מאַכן דער פרוי זיינער עטלעכע מאַ־סאַזשן אויף דער האַנט צוליב רעוומאַטישע ווייטאָגן פון וואָס זי ליידט. ער האָט דערביי צוגעשמייכלט און געזאָגט: „ווייסט דאָך, ברודער־לעבן, אַז אַ פֿעליטרוק דאַרף מען שטענדיק גיין אויף דער האַנט, בפרט דו... פֿאַניאַל?״ (פֿאַרשטאַנען?)

אַזוי ווי דער פֿעליטרוק האָט געוווינט אויסערן שפּיטאָל, האָט מען מיר געגעבן אַ באַגלייטער, טאַקע זיין דענשטשיק אַליין.

אויפן וועג האָט דער דענשטשיק מיך אויסגעפרעגט איינצלהייטן וועגן די סיבות פון מיין פאַרשיקונג. איך האָב אים אַלץ וועגן זיך דערציילט. הערנדיק אַז כ׳בין נישט קיין רוסישער, האָט זיך אים געעפנט דאָס מויל און ער האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן, שילדערן, און קריטיקירן דאָס סאָוויעטישע לעבן.

„אונדזערע אַרבעטן טויגן אויף כפרות — האָט ער זיך באַ־קלאָגט — מ׳יאָגט אַרויס די קישקעס, מען אַרבעט אויס 100 פּראָ־צענט, 200 פּראָצענט, מען מאַכט אַ טראַסק מיט די סטאַכאַנאָווצעס, און מען גיט זיך גאָרנישט קיין מי, אַז די אויסגעאַרבעטע זאַך זאָל זיין פון גוטער קוואַליטעט, זאָל טויגן צו עפּעס. אָט, למשל, האָט מען דאָ מיט אַ קורצער צייט צוריק געלייגט אַ שאָסיי, עס האָט אָפּ־געקאָסט מי און מאַטעריש. מענטשן־שקלאַפן האָבן געטאָן די־אָ שווערע אַרבעט! איצט זענען שוין פאַראַן גריבער און לעכער און

מ׳וועט דעם זעלבן שאַסיי פונדאַסניי מוזן בויען. פאַרוואָס? ווייל די וועלכע האָבן געהאַט די אויפזיכט איבער דער אַרבעט, האָבן נישט אין זינען געהאַט די קוואַליטעט. זיי האָבן אין באַריכט זייערן מודיע געווען וועגן שנעלן טעמפּאָ פון דער אַרבעט, וועגן נאָרמעס און סטאַכאַנאָווצעס, און געגנוג. אַזוי איז דאָ אַלץ נישט מער ווי אויבערפלעכלעך, נישט דערבאַקן, נישט דערקאָכט. יאָ, אויבערפלעכלעך איז דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס אין אונדזער פאָטערלאַנד.״

איך האָב געשוויגן. די גאַנצע צייט האָב איך געשוויגן. מורא געהאַט אָנצורופן זיך אַ וואָרט, אַפילו חושד געווען, כאָטש איך האָב נישט געוווסט וועמען, אַז מען וויל אויסשפּרייטן אַ נעץ פאַר מיר, כדי כ׳זאָל אין איר אַריינפאַלן. איך האָב מיין באַגלייטער דערקלערט אַז וואָס שייך מיר, קאָן איך זיך בכלל נישט אַרויסזאָגן, ווייל איך האָב נאָך פשוט נישט געזען די ליכטיקע שיין — ווי מען זאָגט — און כ׳בין דאָך נאָך נישט געווען אויף דער פריי אין רוסלאַנד.

צום פאַליטרוק אין שטוב אַריין האָב איך געדאַרפט גיין עטלעכע מאָל. זיין דענשטשיק האָט מיך תמיד באַגלייט. ער האָט זיך וואָס אַמאָל געפילט מער היימישער מיט מיר, און ער האָט אָן מורא געעהאַלטן אין איין שילדערן אין שוואַרצע פאַרבן דאָס ביטערע לעבן פון סאָוויעטישן מענטש.

איינמאָל האָט ער מיר אויפגעקלערט דעם „פאַרשיקונגס־סיסטעם״ און די צעטיילונג פון די לאַגערן. ער האָט דערביי פעסטגעשטעלט קלאָר און דייטלעך: דער וואָס פאַלט אַריין אין לאַגער, איז כמעט אַ פאַרפאַלענער לעולם ועד.

דערנאָך האָט ער מיר געגעבן אַ געאָגראַפישע לאַגער־לעקציע:
דאָס לאַנד איז איינגעטיילט אין פינף ראַיאָנען.

דער ערשטער ראַיאָן — דאָס זענען די גרויסע שטעט ווי מאָסקווע, לענינגראַד, קיעוו, מינסק, א. אז. וו.

דער צווייטער ראַיאָן — שטעט ווי כאַרקאָוו, וויטעבסק און ענלעכע.

דער דריטער ראַיאָן — גאָר קליינע שטעטלעך.
דער פערטער ראַיאָן — די ווייטסטע געגנטן.
דער פינפטער ראַיאָן — די געגנטן אַרום די לאַגערן.

אַ פּאַראורטיילטער נאָכן אָפּזיצן זיין „סראָק״, בלייבט ווייטער־זיצן אויפן אָרט. ער אַרבעט דאָן ווי אַ „וואָלני נאַיאָמני״ (אַ פריי געדונגענער) אין לאַגער. ער וווינט מחוץ דער לאַגער־זאָנע. באַקומט צוגעטיילט אַ צימערל, אָדער אַ וווינונג, אויב ער ברענגט אַראָפּ זיין פאַמיליע.

נאָך פינף יאָר גוטע אויפפירונג, וואָס הייסט: נאָכשפּיאָנירן חברים, צוהערן זיך וואָס זיי רעדן און צוטראָגן דער נ.ק.וו.ד. — קאָן ער איבערגיין וווינען אין אַ נאָענט שטעטל. היינט איז זיך פאָרצושטעלן, אַז אויב מען האָט איינעם איינגעזעצט פון ערשטן ראַיאָן, וויפל יאָר עס דאַרף דויערן דאָס אַדורכגיין אַלע ראַיאָנען, כדי צוריקצוקומען צו דער אייגענער היים, צו דער אייגענער פאַמיליע, צו פרוי און קינד. ביים לעבן — זעלטן ווער...

איך האָב געהאַט דעם געפיל, אַז כ׳בין דער ערשטער, פאַר וועלכן מיין באַגלייטער רעדט זיך אַזוי אָפנהערציק, פריי אַראָפּ פונעם האַרצן.

„אַט זעסטו ווי מענטשן הונגערן דאָ, ווערן געשוואָלן, צי שטאַרבן פון נישט גוטע דערנערונג. אָבער די דערשיינונג איז גילטיק נישט בלויז פאַר די לאַגערן. אויך אין גאַנץ רוסלאַנד הונגערט מען. עס פעלט עסן? חלילה. האָט דען דאָס צאַרישע רוסלאַנד נישט באַוואָרפן אַ שטיק וועלט מיט אירע תבואה־זאַפּאַסן? אויך מיר וואָלטן עס געקאָנט באַווייזן. ביי אונדז איז אָבער היינט נישטאָ קיין ווירטשאַפט. דאָ ווו עס דאַרף אַרבעטן אַ פּאַכמאַן, אַרבעט אַ פּאָליטרוק, אַ פּאַרטיי־מאַן וואָס האָט נישט קיין אַנונג אין דער אַרבעט, וואָס מען טרויט אים אָן.״

„אויף די פעלדער שטייען סטויגעס תבואה און פוילן. פרווו נעמען אַ פּאָר תבואה־קערנדלעך דראָט דיר דריי צי פינף יאָר. אָבער ווען זיי פוילן שטעלט מען צונויף אָן אַקט, אַז אַזאַ און אַזאַ צאָל תבואה איז געגאַנגען לאיבוד צוליב די און די סיבות, און שוין. אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג.״

„אַזאַ אָרדענונג הערשט ביי אונדז אומעטום. אַלץ פאַרמאָגן מיר און גאָרנישט האָבן מיר. חוץ לאַגערן, קאַטאָרגע, שקלאַפעריי, און אויף דער פריי הערשט די נ.ק.וו.ד., די ביקס, דער רעוואָלווער.״

איך האָב נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי דער דענשטשיק קאָן אַרויס־ברענגען פון מויל אַזעלכע רייד. איך האָב זיי מורא געהאַט צו הערן, און ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט גאָרנישט נאָר געשאָלטן, גע־זידלט, געציטערט מיטן גאַנצן גוף בעתן רעדן, פון אויפרעגונג, פון איבערלעבונג.

„אָט בויט מען אַ באַן־ליניע — האָט דער דענשטשיק זיך גע־קאָכט, ווי עס וואָלט אים אַלץ אָנגעגאַנגען — אַ באַן־ליניע ביז צום אייז־ים. מיט וועלכע כוחות? מיט שקלאַפן. ווי אין אור־אַלטע צייטן. אָט פאַלן זיי, שטאַרבן אויס, ברענגט מען אַנדערע אויף זייער אָרט. עלעהיי מ׳וואָלט אין רוסלאַנד געהאַדעוועט מענטשן נאָר כדי זיי אַראָפּצוברענגען אַהער, אין די לאַגערן אַריין. באַלד וועט זיך אוודאי רוסלאַנד באַרימען פאַר דער וועלט מיט דער גיגאַנטישער אַרבעט, וואָס איז דאָ אָוועקגעטאָן געוואָרן. עפּעס אַ קלייניקייט? אַ באַן־ליניע ביז צום אייז־ים! אָבער וויפל מענטשלעכע לעבנס האָט דאָס אָפּגעקאָסט? אונטער יעדער באַן־שוועל ליגט באַגראָבן אַ מענטשלעך לעבן! ווער וועט עס מאָנען?״

איך בין געגאַנגען לעבן אים און, ווי מיין שטייגער איז געווען בשעת ער האָט גערעדט, געשוויגן. געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און געזען פאַר זיך בלויז די האַרטע פאַרפרוירענע ערד, וואָס האָט ווי איך געהערט און געשוויגן, געהערט און געשוויגן.

פאַר קיין פאַל איז מיר נישט געלונגען געוואָר צו ווערן פון דענ־שטשיק ווער ער איז, פון וווּ ער קומט און פאַרוואָס ער איז פאַר־שיקט געוואָרן. ער האָט מיר אויסגעקוקט צו זיין אַ פּערזענלעכקייט, אַ מענטש פון שטאַרקן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן חוש. ער האָט אויסגעמיטן צו ענטפערן מיר אויף פראַגעס וועגן זיין פּערזאָן, האָב איך אויפגעהערט צו פאַרלאַנגען ער זאָל זיך פאַר מיר אַנט־פּלעקן. נאָר סיי ווי האָב איך געזען אין אים אַן אמתן זון פון רו־סישן פאָלק, מיט אַ שטאַרקער ליבע צום לאַנד, פול מיט זאָרג פאַר זיין ווווילשטאַנד, פול מיט ווייטאָג, צוליב דער אַזוי טראַגישער ווירקלעכקייט.

פרויען קרבנות

איינמאָל איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פרויען מיט אַקאַדעמישער בילדונג: דאָקטוירים פון פאַרשידענע ספּעציאַליטעטן, היגיעניסטינס, דענטיסטינס א.אז.וו. אַזוי ווי ביי אונדז איז געווען דער הויפּט־שפּיטאָל, האָבן מיר איבערגעלאָזט די וועלכע זענען פאַר אונדז נויטיק געווען, און די רעשט צוגעטיילט צו די קלענערע שפּיטעלער אין געגנט.

דער ווייסטער גורל האָט געטראָפן די פרויען צוליב דעם, וואָס זייערע מענער זענען פאַראורטיילט געוואָרן ווי טראָצקיסטן. די שטראָף האָט מען זיי געגעבן דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט אויסגעגעבן דער נ.ק.וו.ד., אַז זייערע מענער זענען אַזעלכע פאַרעטער.

קיין איינציקע פון די פרויען האָט נאָכן אַרעסט פון איר מאַן נישט באַקומען קיין שום ידיעה ווו ער געפינט זיך. אויך ביים פאַרשיקן זיי האָט מען נישט געזאָגט, אַז מאַן און פרוי זאָלן זיך אָפּגעפונען, זאָלן זיין צוזאַמען אין לייד.

אין די פרויענס פּנימער האָבן זיך געשפּיגלט גוואַלדיקע פאַמיליע־טראַגעדיעס. אין יעדן בליק זייערן זענען געלעגן צער און ווייטאָג.

מיר, אַליין אומבאַהאָלפענע, האָבן נישט געקאָנט מער ווי מיטזיפצן מיט זיי.

„הייל היטלער״
איז נישט קיין שפּאַס

אין 1941, גלייך נאָכן אויסברוך פון קריג מיט דייטשלאַנד, האָט מען אונדז צוגעשיקט אַ דאָקטערשע, פול מיט לעבן און טעמפּעראַ־מענט. זי איז אָקערשט אַוועק פון דער פריי, פון טיפליס ווו זי האָט פּראַקטיצירט.

זי האָט גלייך ביים אָנקומען אויסגעשיט איר „פּעקל״:

אין 1939 האָט זי איינגעאָרדנט ביי זיך אין שטוב אַן אָוונט, פאַרבעטן געסט, נאָענטע פריינט. דער עולם האָט זיך אונטערגע־האַלטן, געווען אין אַ גוטער שטימונג, ווי עס שיקט זיך בעת מען טרינקט אַ גלעזל משקה. איינער פון די געסט האָט אין שפּאַס זיך אויסגעדריקט אַז אין דייטשלאַנד פּירט מען זיך, אַז אַפילו ביי אַ גלעזל זאָגט מען אויך ״הייל היטלער״. אַלע האָבן זיך צעלאַכט, ווייטער זיך געוויצלט, געוויילט זיך ביז באַגין און מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די דייטש־רוסישע קריג אין 1941, האָט מען אַרעסטירט די גאַנצע געזעלשאַפט, וואָס האָט מיט אַ צוויי יאָר פריער פאַרבראַכט ביי איר אין שטוב. דעם אויסרופער „הייל היטלער״ האָט מען מכבד געווען מיט צען יאָר, איר מיטן מאַן, פאַר איינאָרדענען די מסיבה — צו פינף יאָר. די איבעריקע אָנטיילנעמער האָבן געקראָגן קלענערע שטראָפן, אַ חוץ די מוסרים וועלכע זענען געווען געשיצט דורך דער נ.ק.וו.ד.

א „פירער" פון די אורקעס — אין שפּיטאָל

מ׳האָט געבראַכט אין שפּיטאָל אַריין אַן אָנפירער פון די אור־קעס. אין לאַגער ווו ער איז געווען האָט ער אָנגעמאַכט דער מאַכט צרות צרורות און אַרויסגעבראַכט פון געדולד די נ.ק.וו.ד. צוליב זיינע פאַרברעכערישע איינפאַלן. נישט קאָנענדיק זיך אַן עצה געבן מיט אים אויפן גלייכן וועג, האָבן די נ.ק.וו.ד.־לייט אים „מכבד" גע־ווען אויפן רוסישן שטייגער: צעשלאָגן אים, צעקאָפּעט און צעביילט אַזוי שטאַרק, אַז ווען מ׳האָט אים געבראַכט אין שפּיטאָל אַריין, איז ער געווען אינגאַנצן געשוואָלן און מען האָט נישט געגלויבט, אַז ער וועט נאָך בלייבן לעבן.

ביסלעכווייז האָט ער אָבער אָנגעהויבן קומען צו די כוחות. מיך האָט מען מכבד געווען צו מאַכן אים לייכטע מאַסאַזשן, וואָס האָבן אים טאַקע געהאָלפן.

דער פאַרברעכער־פירער האָט געהאַט אין שפּיטאָל פון כל־טוב. אַלץ וואָס ער האָט געדאַרפט אָדער פאַרלאַנגט, האָבן די אורקעס אין שפּיטאָל אים אונטערגעטראָגן און מיט אַלץ פאַרזאָרגט.

שפּעטער, בעת דער אַמנעסטיע, ווען מען האָט מיך באַפרייט, האָט ער זיך שוין גוט געפילט. בעתן געזעגענען זיך מיט אים האָט ער אַ באַפעל געטאָן זיינע אורקעס זיי זאָלן מיך פאַרזאָרגן מיט אַ פעקל מאַכאָרקע אין וועג אַריין. און כאָטש עס איז דעמאָלט נישט געווען פון די לייכטע זאַכן עס צו באַקומען, האָט נישט געדויערט מער פון אַ פּאָר מינוט און איינער פון דער „חברה" האָט מיר אַ דערלאַנג־געטאָן אין דער האַנט אַריין אַ פעקל מאַכאָרקע.

דאָס האָט געדאַרפט זיין אַזאַ מין רעוואַנזש פאַר די מאַסאַזשן.

איך ווער א רעקאָנוואַלעסצענט

ביים אויסברייטערן דאָס שפּיטאָל האָט מען געעפנט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר רעקאָנוואַלעסצענטן. מען האָט דאָס געטאָן נאָכדעם ווי אַן אינספּעקציע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די קראַנקע ליגן אין שפּיטאָל מער צייט וויפל זיי נויטיקן זיך דערין. דאָס ליגן אין שפּיטאָל איז באַגרענעצט געוואָרן ביז אַ צוויי־דריי חדשים. דערנאָך, אויב דער קראַנקער קאָן נאָך נישט צוריקגעשיקט ווערן אין לאַגער אַריין, דאַרף מען אים איבערפירן אין רעקאָנוואַלעסצענטן־אָפּטיילונג ביז פולשטענדיק געזונט ווערן.

אַזוי האָב איך פיגורירט ווי אַ קראַנקער וועמענס צייט פון ליגן אין שפּיטאָל איז שוין פון לאַנג אַריבער, האָט מען מיר געמאָלדן, אַז כ׳וועל מוזן איבערגיין ווערן אין דער רעקאָנוואַלעסצענטן־אָפּטיילונג און אַרבעטן ווי פריער אין שפּיטאָל.

איינמאָל אין חודש האָט מען אויף דער רעקאָנוואַלעסצענטן־אָפּטיילונג סעגרעגירט די קראַנקע און ס׳רוב פון זיי אָפּגעשיקט אין די לאַגערן אַריין.

און כאָטש איך בין זיכער געווען מיט מיין „דזשאָב״ אין וועלכן זיי האָבן זיך שטאַרק גענויטיקט, פלעגט מיר שטענדיק אין טאָג פון דער סעגרעגאַציע געבן אַ טיאָכקע ביים האַרץ, און איך פלעג אויפצאַפּלען בלויז פון געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט אָפּגעשיקט צו ווערן אין לאַגער אַריין.

איך האָב געהאַט דעם כלל, אַז אין רוסלאַנד איז מען קיינמאָל נישט זיכער מיט זיך.

כולו טאָג

כולו טאָג. ס׳איז געקומען דער זומער און ס׳איז געוואָרן הוילע ליכט. אויס נעכט. פונקט ווי עס פלעגט אין ווינטער־צייט טאָג פאַר־שלונגען ווערן דורך נאַכט, אַזוי איז אין זומער געשען פאַרקערט — העלע ליכט.

אַ זייגער איינס ביינאַכט איז די זון אונטערגעגאַנגען אויף אַ מי־נוט, אונטערגעטוקט דעם קאָפּ, און גלייך זיך צוריק באַוויזן, געהויבן זיך העכער און העכער, געלויכטן, פאַרשיינט מיט איר פּראַכט.

נאָר מיר פאַרשיקטע זענען געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק צום טאָג, וואָס האָט אַזוי לאַנג זיך געצויגן, צום ליכט, וואָס האָט אַזוי פיל געהעלט.

אין חלל אַרום אונדז איז געווען כולו טאָג, און אויף דער נשמה, אויפן האַרץ, אויפן געמיט — כולו נאַכט.

די מלחמה מיט היטלערן

אין שפּיטאָל האָט מען געלעבט אָפּגעריסן פון דער דרויסנדיקער וועלט. מיר האָבן געזען פאַר זיך נאָר קראַנקע מיט וועלכע מיר האָבן זיך מטפל געווען, טויטע־קערפּערס איבער וועלכע מען האָט געמאַכט סעקציעס, און אגב, הנאה געהאַט פון דעם דורך אַלעמען געאַכטעטן אויגן־פּראָפעסאָר, דעם ייִד, וועלכער האָט אונדז געוויזן די ספּעציעלע אויגן־קראַנקייטן.

מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. קיין צייטונגען זענען צו אונדז נישט דערגאַנגען. קיין ראַדיאָ האָבן מיר נישט געהאַט און ווייל אַ סך מענטשן האָבן נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט ווען־עס־איז אַרויס פון פאַרשיקונג, האָבן מאַנכע, פון פאַרצווייפלונג, אַ סוף געמאַכט צו זייער לעבן. נאָך מער האָבן עס געטאָן מענטשן אין די לאַגערן, וועלכע האָבן אַזוי אַרום געוואָלט אויך אַן עק מאַכן צו די ליידן.

איז גאָרנישט קיין וווּנדער, אַז מען איז אויפגעציטערט געוואָרן פון דער פלוצלונגדיקער ידיעה, אַז היטלער איז באַפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד, האָט דערקלערט מלחמה דער ראַטנמאַכט.

די נייעס האָט אונדז געבראַכט דער שאָפער פון דער באַזע, מחמת זיי האָבן דאָרט געהאַט ראַדיאָ. די נייעס איז געגאַנגען פון מויל צו מויל, און אַז מיר זענען צוזאַמענגעשטאַנען אויפגעשטאַנען האָבן אין סאַנגאָראָדאָק שוין אַרומגעוואַנדערט פאַרשידענע מעשיות, על פּי רוב געבויטע אויף אייגענע השערות. אַזוי האָט מען געוווּסט צו דערציילן אויף זיכער, אַז די דייטשן וועלן בקרוב אַרויסזעצן אַ דעסאַנט

אין אַרכאַנגעלסק. פון דאָרט וועלן זיי צוקומען צו די לאַגערן און צוזאַמען מיט די באַפרייטע גיין אויף צענטראַל־רוסלאַנד, און אַזוי אַרום שאַפן אין לאַנד גופא צוויי פראָנטן.

דאָס שפיטאָל האָט געפיבערט. עפּעס האָט זיך אָנגעצונדן אַ פונק פון האָפענונג אין יעדן האַרץ. מ׳האָט אָנגעהויבן גלייבן, אַז עס קומט די שעה, אַז אָט שלאָגט אויס די שעה פון באַפרייונג.

מען האָט אויך געשמועסט וועגן פריילאָזן מענטשן, וועלכע וועלן זיך פרייוויליק שטעלן צום קאַמף מיט די היטלערישע חיילות.

באַלד האָט מען אונדז געבראַכט אַ צווייטע ידיעה, אַז עס איז דערקלערט געוואָרן אַן אַמנעסטיע פאַר פּאָליאַקן און מען וועט זיי אין די נאָענטסטע טעג באַפרייען.

עטלעכע טעג נאָכן אויסברוך פון קריג מיט היטלערן איז גע־קומען דער הויפּט־דאָקטער פון אַלע לאַגערן אויף אַן אינספּעקציע.ביים אינספּעקטירן די קראַנקע האָט מען אים געוויזן עטלעכע אויס־קורירטע פּאַלעגריקער אין רעזולטאַט פון מיינע מאַסאַזשן. דער גאַסט איז געווען באַגייסטערט פון דעם, וואָס ער האָט געזען און אויפן אָרט מיר פאָרגעשלאָגן מיטצופאָרן מיט אים קיין מאָסקווע, וווּ ער וועט מיך איינאָרדענען אין אַ שפיטאָל און עס וועט מיר גוט זיין.

איך האָב אין אויגנבליק געזוכט אַ וועג ווי אַזוי זיך אַרויסצו־דרייען פון דער פּראָפּאָזיציע. איך האָב געטראַכט, אַז אויב כ׳וועל מסכים זיין צום דאָזיקן פאָרשלאָג, קאָן איך פאַרלירן יעדן שאַנס צו קאָנען אַרויס פון רוסלאַנד. איך בין באַלד געפאַלן אויף אַ פּאַט־ריאָטישער המצאה און אָפּגעענטפערט:

„איך מוז קודם כל גיין אויפן פראָנט און קעמפן קעגן היטלערן. כ׳זע דאָס ווי מיין ערשטע פליכט.״

דער הויפּט־דאָקטער האָט מיין ענטפער אַראָפּגעשלונגען אָבער בישט אויפגעגעבן זיין פאָרשלאָג און אַ זאָג־געטאָן:

„פונדעסטוועגן, לייג זיך איבער, אפשר דאָך...״

כ׳האָב טאַקע די זאַך נאָכאַמאָל גוט שוקל געווען און זיך גע־מאָלדן אין מיליטער אַריין.

מען באפרייט אונדז

מיר זענען אויף דער שוועל פון באַפרייונג. דאָס אין וועלכן מ'האָט נישט געגלייבט, שטייט ממש פאַר דער טיר און רופט דיך. זאָגט דיר אָן אַז אָט באַלד, אָט באַלד וועסטו זיך געזעגענען מיט אַלץ און אַלעם דאָ, וועסט אַרויס אויף דער פריי.

נאָר ניין. עס קומט נישט אָן אַזוי גרינג. מען רעגיסטרירט יידן און פּאָליאַקן אויף וועלכע ס'איז חל די אַמנעסטיע. איינצלנע קראַנקע וועלן מוזן בלייבן. זיי וועלן נישט זיין בכוח צו גיין. מען וועט זיי איבערלאָזן.

איך האָב אַ קוק־געטאָן אויף דער רשימה און עס איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. איך האָב זיך נישט געפונען צווישן די, וואָס פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל. איך האָב זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויף דער סיבה, און מ'האָט מיר געענטפערט: אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל איך לאָם נאָך אונטער ביים גיין, ווייל מיין פוס איז נאָך נישט אויסגעהיילט. האָט מען דעריבער געקראָגן רחמנות אויף מיר און מיך איבערגעלאָזט.

איך האָב אָנגעהויבן קערן וועלטן, אינטערווענירן. כ'בין אַוועק צום הויפּט־דאָקטער און אים געבעטן מיך צו לאָזן גיין מיט אַלע, אַז אַפילו אויף אַלע פיר וועל איך קריכן, אַבי צו זיין צווישן די באַפרייטע.

איך האָב געוויינט און געקלאָגט, געבעטן און געמאָנט ביז איך האָב געפועלט און מ'האָט מיך צוגעשריבן צו דער ליסטע.

און דאַן — דאַן בין איך אַוועק צו די דאָקטוירים, צום פּערסאָ־נאַל, און צו די קראַנקע און מיט זיי זיך האַרציק געזעגנט.

ביי אַ סך פון זיי זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. זיי האָבן אונדז מקנא געווען און אויסגעביטערט אין זיך דעם צער הלמאי זייער ישועה איז נאָך נישט געקומען...

און דערנאָך — דערנאָך איז געקומען די שעה די אויסגעטרוימטע שעה, די אַזוי אין יסורים אויסגעבענקטע שעה פון באַפרייונג און מיר האָבן זי אויפגענומען מיטביידע הענט און זי צוגעדריקט צום האַרצן.

אויף דער פריי

ווי גליקלעך איז דער מענטש, ווען ער הערט אויף צו זיין אַ ציפער! וואָרעם, וואָס איז מען דען געווען אין תפיסה? אויפן עטאַפּ? אין לאַגער?

אַ ציפער!

אין תפיסה, בעתן גיין אויפן שפּאַציר —

אַ ציפער!

אין לאַגער, בעתן גיין צו דער אַרבעט און פון איר —

אַ ציפער!

ביים ברויט פאַרטיילן, צו פרישטיק, מיטאָג און צו אָונט־ברויט —

אַ ציפער!

דער „איך", דער נאָמען, דער מענטש האָט דאָ נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג.

און פלוצלונג — פלוצלונג פאַרשווינדט דאָס אַלץ, אַלע ציפערן צעפאַלן זיך ווי דורך ווינט געטריבן, און עס שיילט זיך אויס — ד ע ר מ ע נ ט ש.

ס'ווערט פריילעך אויף דער נשמה. דער טראָט — לייכטער. די שטימונג — הייטערדיק, אַפילו יומטובדיק.

די עצבות, אַן איינגעוואַקסענע אין די ביינער לאָזט נאָך, טרעט אָפּ.

די דעפּרעסיע פאַרשווינדט.

עפעס אַ קלייניקייט? — מיר גייען באַגעגענען די פרייהייט!
מיר גייען צום טויער פון שפּיטאָל. טראָט נאָך טראָט.

מיט יעדן טראָט סך־הכלען זיך פאַרגאַנגענע טעג. אָט טאַקע פון סאַמע אָנהויב אָן. זינט דעם אַריבערגיין די גרענעץ. דערנאָך — איין תפיסה, אַ צווייטע, אַ דריטע, ווייטער עטאַפּ, צוואַנגס־לאַגערן, שקלאַפן־אַרבעט א. אַז. וו.

זיי לייגן זיך, די טעג פון יסורים אונטער די טריט מיינע, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט איצט אַלע פאַרגראָבן, נישט מיטגיין מיט מיר אויף דער פריי, אָבער עס העלפט נישט. איך זע זיך אין יענע טעג, אין יענע פינצטערע טעג: קעלט און פראָסט און מאַטערניש. אָט, אָט ברעך איך זיך איין. איך ווער געשיקט אין שפּיטאָל, און פון דאָרט צוריק אין לאַגער אַריין, צו אונטערוועלטניקעס, וועלכע פאַר־נעמען נישט מיין געפינען זיך צווישן זיי, מיט זיי צוזאַמען. און אָט ברעך איך זיך ווידער איין. עס זעט אויס ווי אַלץ עקט זיך, עס האַלט דער גוף ביים צעפאַלן. אַ שפּאַן פעלט אינגאַנצן פון טויט. מען פירט מיך ווידער אין שפּיטאָל אַריין. דער גוטער דאָקטער הייסט מיר צובינדן אַ צעטל צו דער האַנט. מען דאַרף דאָך וויסן ווי אַזוי מיך צו פאַרשרייבן אין בוך פון די געשטאָרבענע. און דאַן — ראַנג־לענישן מיטן מלאך־המוות. איך באַזיג דעם טויט. איך לעב שוין ווייטער. אָפּגעריסן פון דער וועלט, פון אַלץ, פון אַלעם. יאָ, וועד מיר וועלט? וואָס מיר וועלט? איז נאָך פאַראַן אַזאַ? איז זי נאָך נישט דערטרונקען אין ים פון בייז און שלעכטס? ווי אַזוי איז עס מעג־לעך? אָט האָט מען דאָך אויף דער־אָ ערד מיט מיליאָנען לעבנס באַצאָלט פאַרן בלויזן צוזאָג צו ברענגען גוטס און ווילשטאַנד דעם מענטשן, נו, און וואָס איז פון דעם געוואָרן? ווי ביטער אַנטוישט האָבן די צוזאָגער? הא? וואָס איז טאַקע מיט דער וועלט? וווּ איז זי?

מיין וועלט אויף פאַרשיקונג: אין אַן אַרבעטס־פערד פאַרוואַנדלט געוואָרן. אַרבעטן און עסן. עסן און אַרבעטן. הונגערן און אַרבעטן, און אונטערוועלטניקעס לרוב. מיין וועלט אויף פאַרשיקונג...

און מיטאַמאָל — אויס. אויס מיט יענער וועלט. מען ווערט

צוריק מענטש. עפּעס אַ קליינינקייט? מיר גייען אַנטקעגן אונדזער פרייהייט!

כ׳שאַל פון פרייד און וואַרף־אַראָפּ די קייטן פון פאַרשקלאַפונג. איך נעם מיט טרערן אין די אויגן אָן די פרייהייט. איך פיל ווי זי טריפט אַזוי אַריין אין די אָדערן טראָפּ נאָך טראָפּ, און מיר הייבן אָן באַגרייפן אויף אַן אמת דעם נס, וואָס איז מיט אונדז געשען.

מיר מאַרשירן

מינוטן־לאַנג האָבן מיר געפּאַקעט, ווער מיט דער האַנט און ווער מיט אַ טיכל, צו די וועלכע זענען פאַרבליבן אינעווייניק און געלעכצט און געגאַרט, ווי מיר, באַפרייט צו ווערן.

מ׳האָט פאַר אונדז געעפנט דעם טויער און מיר זענען אַרויס אויף דער פריי.

קוקנדיק צום שפּיטאָל־צו איז געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. אויפן הויף האָבן זיך געזאַמלט די דאָקטוירים און געקוקט צו אונדז.

עס זענען געשטאַנען: דער דעקאַן פון מאָסקווער אוניווערסי־טעט, דער יידישער אויגן־פּראָפעסאָר, דער געוועזענער מיניסטער אין ווייסרוסלאַנד, און לעבן זיי, ווי גלייכע מיט גלייכע, די אונטער־וועלטניקעס, די אורקעס.

אַ גרויל האָט אָנגענומען קוקנדיק איצט פון דרויסן אויף דעם געמיש פון מענטשן וועמען דער ביטערער גורל און די אַכזריותדיקע ב.ק.וו.ד. האָט צוזאַמענגעפּירט.

דאָ, ווו מיר האָבן זיך געזאַמלט האָט מען אויסגעשטעלט טישן. מ׳האָט געעפנט יעדנס אַקטן און אָפּגעגעבן יעדן איינעם די דעפּאָ־נירטע זאַכן: וועמען אַ זייגערל, וועמען אַ פינגערל, צי געלט.

מיינע זאַכן זענען נישט אָנגעקומען און איך בין געבליבן מיטן קוויט אין דער האַנט אויף עטלעכע צענדליק רובל, וואָס מ׳האָט ביי מיר צוגענומען.

דערנאָך האָט מען יעדן אָנגעטאָן. געגעבן פופייקעס, און הויזן און שיך. דאָס האָט מען געוואָלט אַודאי, אַז מיר זאָלן לייטיש אויס־

זען ווי עס פאַסט פאַר פרייע מענטשן... חוץ דעם האָט מען נאָך באַ־קומען אַביסל געלט און צידה לדרך.

איינער פון די מאַכט־פונקציאָנאַרן האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויפן טיש און געמאָלדן:

„איר קאָנט זיך אויסקלייבן וואָס איר ווילט: בלייבן אין לאַגער ווי אַ וואָלני נאַיאָמני און באַקומען אַ שיינעם געהאַלט, איר קאָנט פאָרן אין אַ קאָלכאָז און לעבן דאָרט, אָדער אַריינטרעטן אין דער רויטער אַרמיי צי אין דער פוילישער אַרמיי".

ס'רוב פון אונדז האָט אויסגעוויילט די פוילישע אַרמיי, איין אוקראַינער האָט זיך פאַרשריבן צו גיין אין דער רויטער אַרמיי, און אַ קליינער טייל — אין קאָלכאָז.

עס האָבן זיך אָנגעקליבן המונים מענטשן, אַלע באַפרייטע פון די אַרומיקע לאַגערן. פריינט און באַקאַנטע האָבן זיך געטראָפן, אַרויפגעפאַלן אויף זיך, געהאַלדזט, געקושט זיך, געוויינט פאַר פרייד פון דערלעבן די דאָזיקע מינוט פון דורכהאַלטן און אויסהאַלטן די פיין און לייד.

צווישן דעם גרויסן המון האָב איך אָפגעפונען דעם פריינט טשאַרני פון טשערניכאָוווער תפיסה און דעם גערער חסיד פון פאַ־ביאַניץ, וועלכער האָט ווי איך, געאַרבעט ווי אַ סאַניטאַר און ס'איז אים אַפילו גוט געגאַנגען.

אַ סטאַרשי סטרעלאָק האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ טיש און געמאָלדן אַז כאָטש מיר זענען פריי, וועט מען אונדז באַגלייטן אין וועג, ווייל עס גראַסירן אַרום פאַרברעכער, אַנטלאָפענע פון די לאַ־גערן, וואָס באַפאַלן, רויבן און מאָרדן.

מיר האָבן וואָס אַן אמת געצווייפלט אין דער ריכטיקייט פון זיינע רייד, בפרט וועגן דער סיבה צוליב וועלכער זיין ווילן אונדז באַגלייטן, אָבער, מיר האָבן דאָך נישט קיין ברירה געהאַט.

איך האָב זיך אָנגעטראָפן אויף אַ סטרעלאָק, וועלכער האָט זיך מיט מיר האַרציק באַגריסט. ער האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און מיר אַ זאָג געגעבן:

„זעסט, איך האָב דיך אַהער געפירט און איצט פיר איך דיך

אַרויס פון דאָ. זעסט, מען דערלעבט אַלץ! מען גייט נאָך פון דאַנען אויך אַרויס".

„אוודאי גייט מען אַרויס — האָט איך מיר געטראַכט — אַז עס ברעכט אויס אַ קריג צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד; אַז מען שאַפט אַ פּוילישע אַרמיי אונטער דער רוסישער שוץ; אַז עס האָבן זיך געשאַפן אַזעלכע נישט פאָרויסגעזעענע סיטואַציעס, גייען מיר אַרויס... און ווען נישט דאָס?".

מיר זענען אַוועק צופוס אין דער ריכטונג פון דעם אייזנבאַן־פונקט קאָזשוווע. ביי דער זייט איז מיטגעפאָרן אין זיין אויטאָ און אונדז אָבסערווירט — דער נ.ק.וו.ד.־מאַן פרענקעל, איינער פון די הויפּט־משגיחים איבער די לאַגערן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל, האָט זיך גראַד אַריינגעשניטן מיט אַ געפייפעריי אַ פול־געפּאַקטער צוג, וואָס האָט — ווי עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן — געבראַכט די ערשטע רוסישע פליטים, פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן פון די פאַרנומענע געביטן דורך די דייטשע חיילות.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן פאָרשטעלן ווי דער מצב זעט אויס אויף די פראָנטן. אָבער אַזוי ווי מיר זענען נישט מסוגל געווען אין דעם מאָמענט צו טראָגן אויף זיך קיין גרויסע זאָרגן, האָבן מיר דער־ווייל זיך אַוועקגעלאָזט אין שטעטל, אַרויפגעגאַנגען אויפן מאַרק ווו אונדזערע אויגן האָבן אויפגעלויכטן פון דעם וואָס זיי האָבן געזען. מיר האָבן געקויפט שמאַנט, פּאָמידאָרן, פרוכטן און געגעסן אָן סדר און נישט געקאָנט זיך אָנזעטיקן.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען אויפן וואָקזאַל האָט שוין באַלד אָנגעהויבן טונקלען, דערנאָך איז די נאַכט צוגעפאַלן און אַזוי ווי עס זענען נישט געווען גענוג וואַגאָנעס פאַר אונדז, האָבן איינצלנע זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ פּאַסאַזשיר־צוג געבנדיק, ווי עס איז אָנ־גענומען אין רוסלאַנד, דעם קאָנדוקטאָר אין „יד" אַריין, די רעשט האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און געשמאַק דורכגעשלאָפן די נאַכט.

צומאַרגנס האָט מען צוגעשטעלט פאַר אונדז פּראַכט־וואַגאָנעס און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין וועג אַריין. ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויסטע שלעפּעניש פון פּאָלאַר־געגנט ביז צענטראַל־רוסלאַנד, ווידער אומריינקייט, לייז און נישט דערעסנקייט.

מיר זענען דורכגעפאָרן ריזיקע פעלד־שטחים. אויף אַ סך פון זיי זענען געשטאַנען אָן אַ שיעור סטויגעס מיט תבואה, אָבער — צעפוילטע, צעטראָטענע.

און אַזוי ביז מיר זענען אָנגעקומען אין פּוילישן לאַגער און מיר זענען דאָרט וואָרעם אויפגענומען געוואָרן. אַלץ איז נאָך געווען אין מצב פון שאַפן זיך. די אָפיצירן זענען נאָך קיין אָפיצירן נישט געווען, און די זעלנער — נאָך קיין זעלנער נישט.

די מיליטערישע איינהייט האָט פאַרנומען אַ גרויסן שטח, וואָס איז געווען באַשטעלט מיטביידלעך.

פאַרבייגייענדיק אַזאַ ביידל, האָט מען צו מיר פלוצלונג אַרויף־געטאָן אין מאַמע־לשון. איך בין שטאַרק צעטומלט געוואָרן און פון־דעסטוועגן אויפגענומען די פראַגע וואָס האָט אין מיינע אויערן אַזוי מאָדנע געקלונגען:

"אפשר זייט איר אַ כהן, רעב יידז?" — האָט אַ שאַרף־שפּיציק קולכל אַרויסגעקלונגען צו מיר פונעם ביידל.

איך האָב זיך צעשמייכלט, געכאַפּט אַ בליק אַריין און געזען דאָרט אַן עטלעכע מנינים יידן שטיין אין טליתים און דאַווענען.

„מיר דאַרפן דוכענען — האָט דאָס זעלבע קולכל גערעדט צו מיר בעת איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען ווי געפּלעפט — ס'איז היינט סוכות, איז היינט".

זייער פרייד איז געווען גרויס, ווען איך האָב זיי געענטפערט, אַז איך בין טאַקע אַ כהן, ממש אַ כהן.

און כאָטש איך בין נישט געווען אַזאַ שטאַרקער דאַווענער, האָב איך נישט געקאָנט אָפּזאָגן די נאַר־וואָס באַפרייטע יידן פון צו בענטשן זיי...

אין זעלבן טאָג נאָך האָב איך זיך געשטעלט פאַר דער קאָמיסיע, און אַזוי ווי עס זענען געווען זייער ווייניק סאַניטאַרע כוחות, האָט מען מיך גלייך צוגענומען.

אין עטלעכע טעג שפּעטער איז געקומען אַ מעלדונג, אַז אַזוי ווי עס זענען נאָך פאַראַן געוויסע שוועריקייטן ביים אָרגאַניזירן די אַרמיי, קאָן מען דערוויייל גיין אויף אַרבעט אין די אַרומיקע קאָלכאָזן.

אין יענע ערשטע טעג פון געפינען זיך אין לאַגער, האָב איך אינטערווענירט ביים שטאָב וועגן אַרויסשיקן אַן עקספּעדיציע אין די לאַגערן אַריין, וועלכע זאָל דאָרט אויפנעמען די צאָל געשטאָרבענע יידן און קריסטן, אָפּשטאַמיקע פון פּוילן.

אין דעם ענין האָב איך אויך אינטערווענירט ביים גלח פון דער אַרמיי און ער איז אַפילו גרייט געווען צו זיין איינער פון דער עקספּעדיציע. אַ מעמאָראַנדום וועגן דעם איז אַוועקגעשיקט גע־וואָרן צו דער סאָוויעטן־רעגירונג, אָבער צו קיין ענטפער האָט מען נישט זוכה געווען

די ארבעט
אין די קאַלכאַזן

די מלחמה מיט דייטשלאַנד האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט. די קאַלכאַזן האָבן זיך אויסגעליידיקט פון מענער, וועלכע זענען אַוועק אויפן פראָנט, און עס זענען נישט געווען גענוג אַרבעטס־הענט אויפן פעלד.

יעדן טאָג זענען געקומען פאָרשטייער פון די נאָענטע קאַלכאָזן און פאַרלאַנגט מענטשן צו דער אַרבעט.

אין איינעם אַ טאָג האָט אַ פאָרשטייער פון אַ קאַלכאָז זיך געווענדן צו אונדז וועגן אַ לעקפּאָם. דער אָפיציר האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם שליח פון קאָלכאָז, וועלכער האָט מיר דערקלערט, אַז זיי זענען גרייט צו זאָרגן פאַר אַלע מיינע הצטרכותן און כ׳וועל נאָך קאָנען באַקומען ווי אַ צולאָג אַ „פּאַיאָק" (אַ סכום פון שפּייזפּראָדוקטן, וואָס איז, אַגב, געווען מער ווערט פון געלט, בפרט אין יענע צייטן) אויב איך וועל אַרויספאָרן אויך אויף אַ צווייט דאָרף.

איך האָב קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און דעם אָפיציר האָב איך איינגערוימט אויפן אויער, אַז כ׳וויל בעסער עסן אין מיליטער טרוקן ברויט, ווי צו אַרבעטן ביי זיי.

פונדעסטוועגן איז מיר אויסגעקומען צו באַגלייטן ווי אַ לעקפּאָם אונדזערע זעלנער־גרופּעס, וועלכע פלעגן פאָרן אין דאָרף אויף אַרבעט.

אין איינעם אַ דאָרף האָבן די זעלנער געדאַרפט שניידן קאָשע פון פעלד. אַזוי ווי די פּוילישע זעלנער זענען ס׳רוב געווען פּויערים,

איז זיי די אַרבעט נישט געווען פרעמד, און זיי האָבן געשניטן די קאַשע מיט אַזאַ שנעלקייט און התמדה, אַז די קאָלכאָזניקעס האָבן זיי שטאַרק באַוואונדערט.

נו, דאַרף מען דאָך געשניטענע קאַשע, ווי אַנדערע זאַנגען, צו־זאַמענבינדן אין סנאָפּעס, אויפשטעלן צום טרוקענעם, און דאַן עס אַהיימפירן אין שייער אַריין צום דרעשן. אָבער דאָ איז אַנדערש גע־שען. די פוילישע זעלנער האָבן טאַקע געשניטן די קאַשע, נאָר די קאָלכאָזניקעס זענען נישט אַרויס אין פעלד זי אַראָפּנעמען.

איז געקומען אַ רעגן און די קאַשע האָט אָנגעהויבן פוילן.

זענען געקומען בהמות און האָבן געגעסן, צעטרעטן די קאַשע און פון איר אַ תל געמאַכט.

שפּעטער איז געקומען דער ווינטער, ס׳איז אַראָפּ אַ שניי און צוגעדעקט די פאַרפוילטע קאַשע.

אַ צווייט מאָל באַגלייטנדיק אַ גרופּע, וואָס איז געפאָרן אין קאָלכאָז אַריין אויף אַרבעט, בין איך גערופן געוואָרן צום געוועזע־נעם פאָרזיצער פון קאָלכאָז, וועלכער איז גראָד געלעגן קראַנק. איך האָב אים באַטראַכט, געגעבן עטלעכע פּילן און געזאָגט, אַז נאָך עטלעכע טעג וועט אים בעסער ווערן.

נאָך עטלעכע טעג בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז דער קראַנקער האָט די פּילן נישט גענומען, קלערנדיק, אַז אפשר האָב איך אים געוואָלט אָפּסמען.

קיין גרויסן קאָנטאַקט מיטן דאָרף האָבן מיר נישט געהאַט, אָבער פון איינצלנע געשפּרעכן מיט די קאָלכאָזניקעס האָט ארויס־גערעדט פון זיי אַ ווידערווילן צום קאָלכאָזישן לעבן, צו דער אַר־בעט וואָס גיט זיי קוים אַ שטיקל ברויט, און דאָס איז אַ גענוגנדיקע סיבה צוליב וואָס עס אַרט זיי נישט, ווען די תבואה ווערט קאַליע, ווען כלים אָדער מאַשינען, וואָס געהערן צו דער מלוכה ווערן רוי־אינירט א.אַז.וו.

נאָר ווי עס זאָל נישט האָבן געווען דער קאָנטאַקט מיט די פּוי־ערים, איז ווי נאָר זיי האָבן געהערט, אַז ס׳איז מיט די זעלנער מיטגעקומען אַ לעקפּאָם — פלעגן קומען צו מיר קינד־און־קייט מיט

אַלע מינים חולאתן, ווי איך וואָלט געווען אַ וועלט־באַרימטער פּראָ־פעסאָר און געקאָנט אַלע געזונט מאַכן אויפן אָרט.

אויף וויפל איך האָב געקאָנט האָב איך געהאָלפן מיט דעם באַשיידענעם ביסל מעדיקאַמענטן, וואָס איך האָב געהאַט צו מיין דיספּאָזיציע.

ווינטער־צייט האָט מען צוזאַמענגענומען פעקלעך פאַר די סאָל־דאַטן אויפן פראָנט. יעדער קאָלכאָזניק, וועלכער האָט געגעבן אַ פעקל האָט געקאָנט קויפן אַ פלאַש בראָנפן. דאָס האָט מען אַזוי מיט דער משקה געוואָלט אָנרעגן דעם פויער צו שיקן אַ פעקל פאַרן זעלנער וועגן.

חוץ דעם האָט יעדער באַדאַרפט צושטעלן וואַרעמע הענטשקעס, געשטריקטע זאָקן, וואַרעמע אונטערוועש וכדומה.

דער פויער ביי וועלכן איך בין איינגעשטאַנען איז געווען אַ דלפון אין זיבן פאַלעס. זיין חיונה האָט ער געצויגן פון דעם, וואָס ער האָט געפירט אַ וועגל האָלץ פון וואַלד אין דער דאָרפס־קאַנצעלאַר־יע. לעבן זיין כאַטקע האָט ער געהאַט אַ שטיקל ערד, פיר איילן אויף פיר, און קוים וואָס ער האָט דורכגעלעבט דעם טאָג. דערביי איז ער געווען אַן אינוואַליד און זיין פויערטע, אַ קאַזאַטשעכע, אַ פּאַרטיזאַנקע פון יאָר 1918.

מיין בעל־הבית איז אַוועק צום דאָרפס־ראַט זיך באַקלאָגן הלמאי מען הייסט אים, דעם גרויסן אָרימאַן, צושטעלן אונטערוועש און וואָילאָקעס, וואָס ער פאַרמאָגט נישט און האָט אויך נישט קיין געלט זיי צו קויפן.

אויף זיין פראַגע האָט מען אים נישט געענטפערט, בלויז אַ פרעג־געטאָן: „הייסט עס, אַז די באָלשעוויקעס געפעלן דיר נישט? ביים צאַר איז דיר בעסער געווען?"

אַ צעבראָכענער איז ער אַהיימגעלאָפן, גערופן דאָס ווייב זיינס און צו איר אַ זאָג געטאָן:

„נעם שנעל און פאַרקויף אַראָפּ דאָס לעצטע העמד, רעד נישט מער אויס קיין וואָרט און טראָג אַריין וואָס מען פאַרלאַנגט פון אונדז".

אין זעלבן דאָרף איז געווען אַ קלויסטער, וואָס האָט געדאַרפט דינען ווי אַ תבואה־מאַגאַזין. אָבער די תבואה איז שטענדיק געלעגן אין דרויסן און דער קלויסטער איז געשטאַנען פּוסט און פּאַסט. לויט ווי מען האָט מיר געזאָגט האָט זיך עס גענומען פון דעם, וואָס די פּויערים האָבן בשום אופן נישט געוואָלט פאַרשוועכן זייער הייליקטום.

און כאָטש מ'האָט טאַקע פאַרוואַנדלט די קלויסטערס אין מאַגאַזינען, צי אין אַנדערע אַנשטאַלטן, זענען אָבער די פּויערישע שטיבער געווען פול מיט איקאָנעס. זיי האָבן גאַנץ געשמאַק תפילה געטאָן צו זיי, און נישט בלויז די אַלטע, נאָר אויך די יונגע, שוין סאָוויעטיש־דערצויגענע.

איינמאָל איז אין דאָרף אַריין אַראָפּגעקומען אַ שטיקל „צירק". די גאַנצע באַפעלקערונג איז זיך צונויפגעקומען אין גרויסן זאַל פון דער שולע. יינגוואַרג איז געזעסן אויף די בענק און הויך געקנאַקט באַניקערן.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך אויפגעשטעלט אַ לערערקע און אַ געשריי געטאָן: „טשטאָ זאַ בעזאָבראַזיע" (וואָס פאַראַ באַליידיקונג). און גלייך האָט זי צוגעגעבן: „איר פאַרחזרט דאָך דעם זאַל, חוץ דעם פאַרדאַרבט איר אייערע ציין".

גלייך האָט זיך אָבער צו איר דערקייקלט אַ שטים פון המון אַרויס:

— אַז עפּעס אַנדערש צו עסן איז נישטאָ, נישט די ציין פאַרדאַרבן מיר, נאָר דעם מאָגן וואָס איז ליידיק, וואָס מאָנט...

מיר פאָרן ארויס פון ראטנפארבאנד — קיין פערסיע

מען האָט אונדז איבערגעפירט קיין קאַזאַכסטאַן, אַ געגנט מיט אַ מוסלמענישער באַפעלקערונג, וואָס וווינט אין שמוציקע ליימענע כאַטקעס, און פירט אַ פרימיטיוו לעבן.

אויף אַלע וואָקזאלן ווו מיר זענען אָנגעקומען האָבן מיר גע־טראָפן מאַסן פליטים. אַלע זענען געווען פאַרלייזיקט, אומריין. דער טיפוס האָט געבושעוועט צווישן זיי און מענטשן זענען געפאַלן ווי די פליגן. און אַזוי ווי די מערסטע פליטים זענען געווען יידן, איז דער אומקום צווישן זיי געווען גאָר אַ גרויסער.

הונגער און נויט זענען פונדאָסניי געגאַנגען האַנט ביי האַנט.

אין איינעם אַ טאָג האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז מיר פאַרלאָזן ראַטנפאַרבאַנד און פאָרן קיין פערסיע. אונדזער פרייד האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ און מיר האָבן געוואַרט אויף דער שעה ווי אויף אַ גרויס געווינס.

ערב דעם אַרויספאָרן האָט מען אונדז אָנגעזאָגט, אַז די סאָוויעטן דערמעגלעכן אונדז צו פאַרלאָזן אירע גרענעצן בתנאי, אַז מיר זאָלן נישט פירן קיין אַגיטאַציע קעגן זיי און נישט דערציילן קיין שלעכטס וועגן לעבן אין רוסלאַנד.

אַ שפּאָר ביסל צייט האָבן מיר זיך געשלעפּט צום קאַספּישן ים, און קומענדיק אַהין זענען מיר ארויף אויף אַ שיף און זיך געלאָזן צום פערסישן פּראָנט.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָבן מיר זיך דערנענטערט צום

ברעג, און ווען מיר זענען אַהין צוגעקומען האָבן מיר נישט גע־קאָנט לאַנדן צוליבן שטורעם וואָס האָט אָנגעהאַלטן אויפן ים.

נישט קאָנענדיק אַראָפּ פון דער שיף, האָט מען אונדז אַרויפבאַ־זאָרגט פון אונטן ווייס ברויט.

אַלעמענס בליקן זענען צוגעפּאַלן צום ווייסן ברויט און זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן. מיר האָבן שוין געהאַט פאַרגעסן, ווען מיר האָבן אַזאַ קלאָר ברויט געהאַט אין מויל.

צומאָרגנס זענען מיר אַראָפּ פון דער שיף. עס האָט אונדז באַ־גריסט און אָפּגענומען אַ פּוילישער סאַניטאַר. ער האָט אונדז דער־ציילט זאַכן, וואָס האָבן אויסגעקוקט צו זיין אומגלויבלעך, ווי למשל, אַז מען קריגט דאָ אַזוי פיל עסן, אַז מען לאָזט אַזש איבער.

מען האָט אונדז אין דער ערשטער ריי אַוועקגעפירט אין באָד אַריין, פאַרברענט אונדזער אַלעמענס אַנטועכץ און געגעבן אונדז נייע מלבושים. מיט דעם־אָ „אַקט" זענען מיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור געוואָרן פון דער אומריינקייט, וואָס האָט אונדז געפּייניקט די גאַנצע צייט פון זיין און לעבן אין רוסלאַנד.

נאָכן באָד האָט יעדער פון אונדז באַקומען אַ ביסל קליינגעלט צו קאָנען אַריינגיין אין אַ פריזיר־אַנשטאַלט און זיך אָפּראַזירן.

„וואָס טוט זיך דאָ? — האָט איינער ביים צווייטן געפרעגט. מען באַפאַלט גאָרנישט די קראָם? מען צעראַבעוועט נישט די סחורה? איז עס וואָר צי אַ פּוסטער חלום?"

דער דאָקטער פון דער איינהייט און איך האָבן זיך אַוועקגע־לאָזט אויף אַ שפּאַציר אין פּאָרט־שטאָט. פּלוצלונג איז צו אונדז צו־געקומען אַ פערסישער אָפיציר, זיך דורכגערעדט אַביסל איז רוסיש און איינגעלאַדן אונדז אין אַ רעסטאָראַן.

דער דאָקטער האָט זיך אַביסל געקווענקלט, מיר האָבן דאָך אין די טאַשן געהאַט נאָר אַ פּאָר מטבעות אויף אָפּצוראַזירן זיך און נישט מער.

„האָב נישט מורא דאָקטער, האָב איך איינגערוימט מיין מיט־גייער אויפן אויער, דאָס איז אַן איינלאַדונג אויף זיין חשבון".

מיר זענען אַריין אין רעסטאָראַן. דער קעלנער האָט אַוועקגע־שטעלט אַ פלאַש בראָנפן מיט פאַרבייסעכץ. דערנאָך האָט ער צו־

געברענגט רייז, אַ פערטל הון פאַר יעדן איינעם, און אַזוי ווי עס איז צופעליק נישט געווען קיין קאָמפּאָט, האָבן מיר נאָכגעגעסן פּרוכטן.

דער פּערסישער אָפיציר האָט ווייזט אויס בחוש אויסגעפילט, אַז אונדזער מאָגן איז נאָך אומשטאַנד עפּעס־וואָס צו פאַרדייען, האָט ער גערופן דעם קעלנער, און אויסגעפרעגט אויף נאָך מינים עסנ־וואַרג וואָס ער קאָן דערלאַנגען.

„קיין שום אַנדערע זאַכן מער" — האָט דער קעלנער מיט צער אָפּגעענטפערט.

„טאָ הויבט אָן נאָכאַמאָל פונדאָסניי" — האָט דער אָפיציר מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן צום קעלנער.

לפנים ווען האָבן מיר געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ס'איז נישט נויטיק, אַז מיר האָבן דאָך שוין געגעסן, און... מיר האָבן אָנגעהויבן פונדאָסניי עסן ווי קיינמאָל גאָרנישט: צום ערשטן בראָנפן, דערנאָך רייז, שפּעטער אַ פערטל הון, און אַזוי ווי עס איז נישט געווען קיין קאָמפּאָט — פאַרענדיקט די סעודה מיט פּרוכטן.

אין מיטן עסן האָט מען גראָד אַוועקגערופן דעם אָפיציר. מיר האָבן זיך געזעגנט, געדאַנקט אים האַרציק פאַר דעם גרויסן כיבוד.

קאָן איך נישט זאָגן, אַז מיר זענען נישט זאַט געוועז נאָך די צוויי פולע מיטאָגן, אָבער איבערגעגעסן מיט נאָך איינעם וואָלטן מיר זיך אויך נישט.

אַרויסגייענדיק פון רעסטאָראַן האָבן מיר געדאַרפט, וואָס אַן אמת, אַוועק צום פריזירער, אָבער מיר האָבן, זאָל אונדז לגנאי נישט זיין, פאַרטאַכליעוועט דאָס ביסל קליינגעלט, וואָס מיר האָבן געהאַט אין טאַש.

מיר זענען פאַרביי אַ געשעפט און דערשמעקט דעם ריח פון גוטער כאַלווע, האָבן מיר געקויפט כאַלווע פאַרן גאַנצן געלט וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, און געבליבן דערוויל מיט די ווילדע בערד אויף די פנימער.

אין יענעם ערשטן טאָג אויסער די גרענעצן פון סאָוויעטן־רוסלאַנד איז צו אונדז נישט געווען קיין גלייכע.

נאָכוואָרט

די איניציאַטיוו אָנצושרייבן די איבערלעבונגען אין ראַטנפאַר־באַנד האָט מיר געגעבן ד״ר מאַקס וויינרייך מיט וועלכן איך בין געשטאַנען אין פאַרבינדונג אין די יאָרן 47—1946, בעת ער איז נאָך געווען דער לייטער פון „ייוואָ״.

אָנגערעגט דערצו האָבן מיך אויך: דער ליטעראַטור־קריטיקער אברהם שולמאַן פון פאַריז בעת זיין וויילן אין ישראל, און אחרון אחרון חביב — דער ליבהאַרציקער פריינד, רעדאַקטאָר צאַנין, וועל־כער האָט דאָס בוך געבראַכט צום לעבן.

די ליטעראַטור וועגן יידישן חורבן און אומקום איז גענוג רייך.

עס וואָלט נאָר געדאַרפט געשאַפן ווערן אַן אַלגעמיינע ראַם, וואָס זאָל אַלץ כולל זיין.

דאָס איז נוגע דער היטלער־תקופה.

אָבער וואָס פאַר אַ בילד האָבן מיר פון דער סטאַלין־תקופה? וואָס ווייסן מיר וועגן אומקום פון יידן אין ראַטנפאַרבאַנד בכלל, און וועגן אומקום פון פוילישע יידן דאָרט בפרט?

גאַנץ אָרעם איז די ליטעראַטור, וואָס וואַרפט אַ שיין אויף דעם ווי אַזוי עס האָבן געהאַנדלט די באָלשעוויקעס אין באַצוג צו די יידן־פּליטים, וועלכע זענען אַריבער קיין רוסלאַנד כדי צו ראַטעווען זיך פון טויט ביי די דייטשן.

גרויס איז די צאָל אומגעקומענע יידן אין תפיסות, אין לאַגערן

און אין אַנדערע ערטער, ווו זיי האָבן געליטן נויט, הונגער און זע־
נען אויסגעגאַנגען פון פאַרשידענע קראַנקייטן.

ווי אַביישפּיל נעם איך מיין משפחה און די נאָענטע פריינט:

איך האָב געהאַט אַ שוועסטער מיט אַ מאַן און קינד אויף דער רוסישער זייט. אין איינעם אַ טאָג האָט דער שוואגער פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט מיט גאַנצע פופצן מינוט. ער האָט אָנגעגעבן די סיבה, אַז ער האָט זיך געמוזט פאַרנעמען מיט דער פרוי, וואָס איז צופעליק קראַנק געווען. מען האָט זיין אויפקלערונג נישט אָנגענומען. מען האָט אים איינגעזעצט אין תפיסה און דאָרט איז ער געשטאָרבן.

די שוועסטער מיטן קינד זענען אויסגעגאַנגען ווי ליכט פון הונגער און נויט.

געהאַט האָב איך צוויי שוועסטערן־טעכטער מיט זייערע מענער. אַלע זיי זענען אומגעקומען אין אַרבעטס־לאַגערן.

אומגעקומענע נאָענטע פריינט:

קאַפּלאַן פּייוול — העלדיש אומגעקומען ווי אַ פּאַרטיזאַן.

קאַלטאַן ליפּמאַן מיט פרוי און קינד — אומגעבראַכט דורך די דייטשן נאָכדעם ווי די סאָוויעטן האָבן זיי נישט דערלויבט, בשעתן אויסברוך פון קריג מיט די דייטשן, זיך צו עוואַקוירן.

פאַמיליע שוואַרצמאַן — (מאַן, פרוי און קינד) — געשטאָרבן אין נויט.

משה שלומפער — אָפּגעפרוירן די פיס אין לאַגער, באַקומען אַ גאַנגרענע און אומגעקומען.

אַלע זיי זענען פון קאַליש.

גרינבערג — אַ קירזשנער פון קראָקע, — אומגעקומען אויף פעלאַגרע אין לאַגער.

דאָס איז בלויז אַ מינימאַלער צושטייער צו דער גרויסער מצבה, וואָס דאַרף נאָך געשטעלט ווערן די צענדליקער, צענדליקער טויזנ־טער יידן פון פוילן אומגעקומענע אין רוסלאַנד.

ליידער האָט מען נאָך ביז היינט נישט געפּרוווט אויפזאַמלען אַזעלכע רשימות דורך גבית־עדות פון מענטשן, וועלכע האָבן גע־לעבט אין ראַטנפאַרבאַנד.

זאָל מיין באַשיידן ביכל געבן אַ שטויס דער יידישער געזעל־

שאַפט צו טאָן עפּעס אין דער ריכטונג. דער „יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט", דער „ייוואָ" זענען די ערשטע באַרופענע אינסטאַנצן אויף אָנצוהויבן און דורכצופירן די דאָזיקע אַרבעט.

פאַרשידנאַרטיק זענען געווען די פאַלן מיט די פּליטים אין ראַטנפאַרבאַנד:

1) מענטשן וועמען מ'האָט איינגעזעצט ביים אַריבערגיין די גרענעץ און זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף פאַרשיקונג צו לאַגער־אַרבעט (ווי מיין פאַל);

2) מענטשן וועלכע זענען בשלום אַריבער די גרענעץ, האָבן געלעבט אויף דער פריי. מ'האָט זיי גענייט צו נעמען סאָוויעטישע פּעסער און ווערן סאָוויעטישע בירגער, און ערשט נאָכדעם זיי פאַר־שיקט אויף „פרייער" שקלאַפן־אַרבעט;

3) מענטשן וועלכע האָבן נישט געוואָלט נעמען קיין סאָוויע־טישע פּעסער און זענען פאַרשיקט געוואָרן אין לאַגערן צו צוואַנגס־אַרבעט;

4) מענטשן וועמען מ'האָט איינגעזעצט צוליב אַמאָליקער אָנ־געהעריקייט צו קעגנערישע ריכטונגען (ספּעציעל איז עס געווען נוגע בונדיסטן, ציוניסטן און אַנדערע, — געמסרטע דורך פלייסיקע יידישע קאָמוניסטן);

5) מענטשן איינגעזעצטע צוליב האַנדל אָדער אַנדערע חטאים און זענען דערנאָך פאַרשיקט געוואָרן.

זאָל פאַר די צוקונפטיקע דורות נישט פאַרלוירן גיין דאָס בילד. זאָל געשריבן ווערן די געשיכטע ווי אַזוי יידן האָבן געלעבט אין ראַטנפאַרבאַנד און דאָרט געפונען זייער קבר.

דאָס בוך האָט געקאָנט דערשיינען מיט יאָרן צוריק. איך בין אָבער נישט געווען דעצידירט וואָס צו מאַכן מיט די אַזוי טראַגישע, אַזוי אמתע און אַזוי פּערזענלעכע דערציילונגען פון די דאָקטוירים מיט וועלכע איך האָב געלעבט, פון דער רוסישער אינטעליגענץ מיט וועלכער איך האָב זיך געטראָפן אין די לאַגערן, און נאָך אַלץ „געלעבט" אונטערן שטיוול פון דער נ.ק.וו.ד.

און כאָטש זייערע נעמען ווערן נישט דערמאָנט אין בוך, וואָלט אָבער די מאַכט זייער לייכט זיי אָפּגעפונען.
היינט, גלויב איך שוין נישט אַז עס לעבט נאָך ווער פון זיי, און ווען יאָ, וואַרפט מען דאָך סיי ווי אַלדאָס שלעכטס ארויף אויף סטאַלינען מיט זיין באַנדע (כאָטש איך הויב נישט אָן צו גלויבן, אַז די היינטיקע הערשער זענען ווייניקער אכזריותדיק פון די פאָרגענגער זייערע).

דאָס רוסישע לעבן אויף דער פריי האָב איך געשילדערט בלויז אין עטלעכע פראַגמענטן, פשוט צוליב דעם, ווייל איך האָב דאָך כמעט די פרייהייט נישט געזען אין רוסלאַנד.

ד ע ר מ ח ב ר

תל־אביב, 1.8.1958

אינהאלט:

	זייט
פאָרוואָרט	
מיר „גייען” אַריבער די גרענעץ	11
אין פשעמישלער תפיסה	21
דער טראַנספּאָרט נאָך טשערניכאָוו	29
אין טשערניכאָווער תפיסה	33
ביטעס און קאָרעספּאָנדענץ	51
ביכער	55
דער הונגער־סטרייק	57
דער נסיון פון אַ גערער חסיד	62
דער ערשטער מאַי	64
קינדער	68
דער פּאָליטרוק	71
די אורטיילן	73
דער עטאַפּ	77
אויף אַ שיף	84
אין דער פּאָלאַר־סטרעפּע	88
מיט אַ באַרזשע אויף דער פּעטשאָרע	94
מיר באַשאַפן אַ לאַגער	98
מיר בויען אַ שאָסיי	102
מען באַזייטיקט מיך פון דער אַרבעט	104
דער לאַגער	107
אין שפּיטאָל	112
אין אַ נייעם לאַגער	115

אין שטראָף־לאַגער 123
אין צענטראַל סאַנגאראָדאָק 133
לעבעדיקע מתים 140
דער דאָקטער — אַ שפּיאָן 145
איך ווייז ווונדער ביי קראַנקע 148
רוסישע טראַגעדיעס 150
פון אַ מיניסטער ווערט אַ לעקפּאָם 152
די גרויסע „שישקע״ 154
דער דעקאַן פון מאָסקווער אוניווערסיטעט איז זיך „מודה״ . . 155
אַ יידישער פּראָפעסאָר וואָס האָט געוואָלט זען תל־אביב . . . 159
אַ דענשטשיק רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ 162
פרויען־קרבנות 166
„הייל־היטלער״ איז נישט קיין שפּאַס 167
אַ „פּירער״ פון די אורקעס אין שפּיטאָל 168
איך ווער אַ רעקאָנוואַלעסצענט 169
כולו טאָג 170
די מלחמה מיט היטלערן 171
מען באַפרייט אונדז 173
אויף דער פריי 175
מיר מאַרשירן 178
די אַרבעט אין די קאָלכאָזן 183
מיר פאָרן אַרויס פון ראַטנפאַרבאַנד קיין פּערסיע 187
נאָכוואָרט 191